STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08779

LAKHT A ID IN ERTS-YISROEL

M. Nudelman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאַכט אַ איד אין ארץ ישראל

הילע געצייכנט פון מ אַ נ ע ק אַ ץ

מ. נודעלמאַן

לאַכט אַ איד אין ארץ ישראל

ניו־יאָרק 1956

Copyright 1956 *by*
M. NUDELMAN
New York, N. Y.

אַדרעס פון מחבר:
M. NUDELMAN
1650 Ocean Parkway
Brooklyn 23, N. Y.

Printed in the USA by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 East Fourth Street New York 3, N. Y.
253

רעגי'ן און דודלען

אינהאַלט

איידער איך הויב אָן........................ 11
ישראל — אַ לאַנד, וואו מען שמייכלט אפילו אין שווערע טעג
אויל !!! 18
דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן........................ 23
די יחוסדיקע פּראָפעסיע........................ 30
מיט דער באַן — תל־אביב־ירושלים................ 39
שווער צו זיין אַ בריווטרעגער אין ישראל......... 48
אַן אינטערוויו דורכן פענצטער.................. 54
די ישראלדיקע „עמפּאַיר סטייט בילדינג"......... 60
אין אַ מעברה — ביי אַ פאַמיליע־טיש............ 68
„לופט־מענטשן" 74
נאַכט־לעבן אין תל־אביב....................... 80
אַן אַרמיי פון בלאָנדע קעפּלעך מיט בלויע אויגעלעך......... 88
קינסטלער עפנט זיך אַ גאַס אין רמת־גן.......... 96
בעטלער־טיפּן 104
דער פאַרבלאָנדזשעטער שבט... 110
אין אַ ישראלדיקער תפיסה...................... 117
אַ בליץ־באַזוך אין עכו........................ 127
ווען די כנסת שוויגט... 133
מאַמע־לשון 140
ראַדיאָ, טעלעפאָן און... טעלעוויזיע........... 147
פרעסע 152
טעאַטער אין ישראל............................ 157
באַגעגענישן 172
אויף אַ אידישער שיף.......................... 180
לאַכט אַ איד אין ארץ ישראל.................... 189
רשימה פון נעמען.............................. 213

איידער איך הויב אָן

אין גורלדיק שווערע טעג פאַר מדינת ישראל איז דאָס בוך געשריבן געוואָרן.

און דאָך איז דאָס בוך באַטיטלט מיט אַן אָפּטימיסטיש־האָפֿערדיקן נאָמען — ל אַ כ ט אַ א י ד א י ן א ר ץ י ש ר א ל !

אַ רייזע איבער מדינת ישראל האָט געבוירן דאָס בוך.

דער אינהאַלט פון בוך האָט געבוירן דעם נאָמען.

דער נאָמען איז אַן אָפּשפּיגלונג פון אינהאַלט.

דער אינהאַלט — איז אַן אָפּשפּיגלונג פונם איצטיקן טאָג־טעגלעכן לעבן אין ישראל.

נישט בלויז מיט „האָניק און מילך" איז דורכגעזאַפּט די ישראל־ערד, און נישט בלויז מיט בלומען זענען באַצירט די וועגן און פעלדער, וואָס דער נייער ישראל־איד האָט מיט מי און שוויים אויסגעטרוקנט, פאַראַקערט און פאַרזייט. גענוג דערנער זענען פאַראַן אויף די דאָזיקע וועגן, — דערנער וואָס דער שונא וואַרפט כסדר אונטער.

אָבער דער ישראל־איד גייט מיט אַן א ו י פ ג ע ה ו י ב ע נ ע ם קאָפּ.

אנשטאָט צו קוקן אַ ר אָ פּ צו די דערנער, קוקט ער בעסער אַ ר ו י ף צו די בלויע הימלען, וואָס באַוואַכן די בערג פון יהודה.

דאָס קוקן אין דער הויך, איז באַגלייט מיט פרייד און געלעכטער; און — צו להכעיס די שונאים, —

ל אַ כ ט ד ע ר א י ד א י ן א ר ץ י ש ר א ל ! ! !

אמת, דאָס געלעכטער איז טיילמאָל געמישט מיט טרערן, אָבער ישראלדיקע טרערן — לאַכן אויך...

אינם דאָזיקן בוך ברענג איך אַ גרוס פונם ג ר ו י ס ן אידישן לעבן אין דער ק ל י י נ ע ר אידישער מדינה. איך גיב אָפּ דעם

גרום אַזוי ווי איך האָב אים דערהאַלטן. איך באַזינג נישט דאָס דאָרטיקע לעבן, — דאָס לעבן באַזינגט זיך אליין.

דער ישראל-הומאָר, — וואָס איר וועט געפינען אינם דאָזיקן בוך, — צילט נישט צום פאַרוויילן דעם לייענער, — דער הומאָר איז אַ באַשטאַנד-טייל פונם אַלגעמיינעם דאָרטיקן לעבן.

דער ישראל-הומאָר מישט זיך אריין אין אַלע געשעענישן און ווערט אַזוי אַרום אַ נאָענטער מחותן מיטן ערנסטן לעבן. דער הומאָר האַלט פעסט ביי די פּאַלעם דאָס ערנסטע לעבן און זיי מאַרשירן צוזאַמען אינם ריטם פון דאָרטיקן טעמפּאָ.

און דעריבער —

סיי אינם קלאַנג פון אַקער-אייזן און סיי אינם קלאַנג פון דער שווערד הערט איר אַן עכאָ פון —

לאַכט אַ איד אין ארץ ישראל!

און אויב אפילו בלויז אַן עכאָ פונם דאָזיקן עכאָ וועט אַרויס-קלינגען פונם בוך, — וועל איך שוין האָבן טיילוויז דערגרייכט דעם ציל, וואָס איך האָב מיר געשטעלט ביים שרייבן און אַרויס-געבן דאָס בוך!

מ. נודעלמאַן

ניו יאָרק, 1956

ישראל — אַ לאַנד
וואו מען שמייכלט
אפילו אין שווערע טעג

באַלד ביי מיין אָנקומען אין ישראל ,און באַלד ביי מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט ישראלדיקע איינ־וואוינער, האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן די צופרידנקייט און צע־שמייכלטקייט, וואָס איך האָב געטראָפן כמעט אויף אַלעמענס פּנים׳ער.

איך רעד דאָ נישט וועגן צופרידנקייט און צעשמייכלטקייט, מיט וועלכע די באַאַמטע פון שיף־פּאָרט אין חיפה, אָדער — פון פלי־פעלד אין לוד, באַגעגענען אייך בעת אייער אָנקומען. אויב איר זענט אַן „אַפּיקורס״, קאָנט איר עס אויסטייטשן דערמיט, אַז זיי האָבן אַ ספּעציעלן „באַפעל״ צו שמייכלען, צו זיין צופרידן און אויפנעמען בסבר פּנים יפות יעדן אָנגעקומענעם טוריסט.

אָבער — מיך האָט ספּעציעל געלאָקט דער שמייכל און די צופרידנקייט, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין ישראל אויף שריט און טריט כמעט ביי יעדן איינעם פון אַלע שיכטן אין דער באַפעלקערונג.

דער פּאָרט־טרעגער אין חיפה שלעפּט די וואַליזעס, און איז צופרידן. דער פּאָליציאַנט פון מוגראבי אין תל אביב ראַנגלט זיך ביים רעגולירן די געדיכטע באַוועגונג, און ער איז צופרידן. דער מויערער לייגט אַ ציגל צו אַ ציגל אויפן פונדאַמענט פון אַ נייער געביידע, די הייסע ישראל זון באַקט אים און בראָט אים, אָבער ער מאַכט זיך נישט דערפון, און ער איז צופרידן. אַ ישראל־סאָלדאַט פירט אַ מיליטערישן טראָק, וואָס איז מסתמא אָנגעלאָדן נישט מיט קיין מאַרצעפּאַנעס, — און ער זיצט ביים רעדל און טרייבט דעם טראָק מיט נחת און צופרידנקייט. דער בריוו־טרעגער שלעפּט זיך מיט אַן אָנגעשוואָלענער טאָרבע מיט בריוו, אין די „כאַמסין״־טעג, אויף הייסע זאַמדן און בערגלעך אַרום די נייע שיכונים און טיילט פאַנאַנדער די בריוו מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן פּנים. די רומענישע פרוי, וואָס גייט צו שכנים וואַשן וועש, און פאַרדינט „אירע״ זעכציק פּיאַסטער אַ שעה, איז הייטער און צופרידן. און עס דוכט זיך מיר אויס, אַז אפילו דער בעטלער, וועלכן איך זע יעדן טאָג זיצן אויפן זעלבן פּלאַץ אויף אַלענבי גאַס, אין תל אביב, איז אויך צופרידן פון זיין גורל.

איך וועל נישט פאַרגעסן דאָס געזאַנג־בציבור, וואָס איז געקומען פון אַ לאַסט־אויטאָ, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן דורכן שאָסיי פון גבעת רמב״ם, ביי תל אביב. איך בין דאַן געזעסן אויף דער טעראַסע פון מיין קרוב׳ס וואוינונג.

— ווער זיינען די פּאַסאַזשירן, — האָב איך געפרעגט, — וואָס זיינען דאָ איצט פאַרבייגעפאָרן אין לאַסט־אויטאָ און געזונגען מיט אַזאַ התלהבות ?

— דאָס זיינען, — האָט ער מיר געענטפערט — די אַרבעטער, וואָס פירן אַרויס דאָס מיסט פון אונזערע הייזער !

פון דעם אַלעם אָבער טאָר מען זיך נישט שאַפן קיין בילד, אַז דאָס לעבן אין ישראל פליסט בלויז „זינגענדיק און טאַנצנדיק״. מען טאָר נישט

דערפון דרינגען, אַז גאַנץ ישראל באַשטייט פון בלויז צופרידענע, און אַז אַלע באָדן זיך דאָרט אין נחת ביז איבערן מויל.

יאָ, עס זיינען פאַראַן אומצופרידענע, וועגן וועלכע עס וועט מיר נאָך אויסקומען צו דערציילן. אָבער אפילו די אומצופרידענע ווערן אויך אַריינגעצויגן אינם פריידיקן אימפעט פון לעבן. זיי גייען מיט אויפגע־הויבענע קעפּ, ווען אפילו די קעפּ זיינען פאַר'דאגה'ט.

ישראלדיקע אידן פרייען זיך מיטן קלענסטן סוקסעס, און שרעקן זיך נישט אין אַנבליק פון געפאַרן.

נאָך אַ צוזאַמענשטויס ביי דער גרעניץ וועט איר נישט געפינען קיין שום ענדערונג אין דער שטימונג פון דער באַפעלקערונג. מען זיצט אין די קאַפעס און מען לאַכט „אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט". מען גייט אין די טעאַטערס, און מען שטופּט זיך, ווי געוויינלעך, ביים אַריינקריגן זיך אין די סינעמאַס. די מוזיק שפּילט אין די טאַנץ־לאָקאַלן און פּאָרלעך טאַנצן מיטן זעלבן ברען ווי נעכטן און אייערנעכטן. מען שפּאַצירט אין די גאַסן און מען פּליאַטקעוועט אויף פאַרשידענע שפּראַכן. מען פאָרט אויף די שאָסייען מיט דער זעלבער דרייסטקייט ווי אין אַלע אַנדערע טעג.

אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס אויבנאויפיק איז די שטימונג נישט געענדערט, טראָגט יעדער איינער ביי זיך דעם ענטפער: מען וועט זיי נישט שווייגן!... מען וועט זיי נישט שולדיק בלייבן!

און דער עולם וואונדערט זיך נישט אויב אין אַ „געוויסן טאָג" באַקומען אַרבעטער אין פאַבריקן אָדער באַאַמטע אין אינסטיטוציעס — אַ באַפריי־אונגס־צעטל אויף אַ טאָג־צוויי פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער.

אין אַ געוויסן טאָג טרעפט איר אין די קאַפעס עטלעכע קעלנערס ווייניקער. „מען האָט" זיי באַפרייט אויף אַ טאָג־צוויי, ווייל מען דאַרף זיי „ערגעץ אַנדערש". און קיינער פון די שטאַם־געסט איז נישט „טשיקאַווע" צו פרעגן, וואו דער „ערגעץ אַנדערש" איז.

מיידלעך, וואָס מאַכן ראַנדעוואו'ס מיט זייערע קאַוואַלירן, סאָלדאַטן, — זיינען נישט אַנטוישט, אויב זייער „קאַוואַליר" האַלט נישט וואָרט און קומט נישט.

איך ווייס, למשל, פון אַזאַ פאַל:

אין די אָוונט־שעה׳ן, אויף צומאָרגנס נאָך אַ ברוטאַלן אַראַבישן אָנפאַל אויף דער גרענעץ, זיצט ביי אַ טישל פון אַ תל אביבער קאַפע אַ יונג מיידל און וואַרט אויף איר בחור, אַ סאָלדאַט פון דער ישראל־אַרמיי. מיט וועלכן זי האָט אָפּגעשמועסט אַ „דעיט״. זי וואַרט און וואַרט און דער בחור קומט נישט. פּלוצים רופט מען דאָס מיידל צום טעלעפאָן. אַ פרעמדע מענער־שטימע מעלדעט איר דאַן טעלעפאָניש:

„גברת, אַזוי ווי עס האָט היינט געזאָלט קומען צו אייך אַ בחור׳טשיק, וויל איך אייך מעלדן, אַז איר זאָלט נישט וואַרטן אויף אים, ווייל ער וועט נישט קומען. ער האָט היינט „אַרבעט״, — מאָרגן וועט ער קומען. און אויב איר וועט מיר דערלויבן, וועל איך אויך מיטקומען, — איך וויל אייך באַקענען!״

„אָבער ווער רעדט?״ — פרעגט דאָס מיידל.

„דאָ רעדט״, — ענטפערט די שטימע, — „דער מיליטערישער קאָמאַנדיר פון אייער בחור׳ס אָפּטיילונג!״.

אָט אַזוי נאָרמאַל פליסט דאָס ישראלדיקע לעבן אפילו אין טעג פון הייסע געשעענישן ביי דער גרענעץ. און גרענעצן אין ישראל, דאַרפט איר וויסן, האָט איר „וואו איר גיט זיך נאָר אַ דריי״.

און ביי „קלענערע״ געשעענישן, ביי ספּאָראַדישע באַנדיטישע אָנפאַלן פון אַראַבער אויף ציוויל־פּאַסאַזשירן אויף די שאָסייען, ווערט דאָס נאָר־מאַלע טאָג־טעגלעכע לעבן אינגאַנצן נישט געביטן. אויפן זעלבן שאָסיי, וואו עס איז נאָר־וואָס פאָרגעקומען דער אָנפאַל, ווערט ווידער צוריק־געשטעלט דער פאַרקער, און לויט דער שטימונג פון עולם און לויט דער גלייכגילטיקייט פון די שאָפערן, לאָזט זיך גאָרנישט מערקן, אַז אָט ערשט נישט לאַנג צוריק איז דאָ עפּעס געשען.

שרעק איז אַ פרעמד געפיל אין ישראל.

ביי דער יוגנט בכלל, און ביי די סאַבראַס בפרט, עקזיסטירט אינגאַנצן ניט דאָס וואָרט — פּחד. אויף די אַלט־איינגעזעסענע זיינען שוין געוואוינט צו זיין נישט־שרעקעוודיק. אָבער ביי די נייע עולים, בפרט די מיטל־יאָריקע און עלטערע מענטשן, איז דער געפיל פון שרעק נישט אינגאַנצן אויסגעוואָרצלט. מען איז דרייסט, ווייל מען ווערט מיטגעריסן מיט דער

אַלגעמיינער שטימונג פון דער מערהייט. קוים אָבער הערט מען וועגן אומרוען, לאָזט זיך מערקן ביי טייל פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע מענטשן, אַ געוויסע נערוועזיטעט.

איך האָב די נערוועזע שטימונג פון די דאָזיקע מענטשן געפילט בעת איך בין געווען צו כל־נדרי אין דער גרויסער תל אביבער שול „בית אל“, אויף רחוב פרישמאַן. די שול איז געווען געפּאַקט ביז איבער די ברעגעס. אַ גרויסער טייל פון עולם האָט זיך נישט געקאָנט אַריינבאַקומען אינע־ווייניק. מען איז דעריבער געשטאַנען אין מיטן וועג אויף דער גאַס, איינ־געהילט אין טליתים און געדאַווענט. אויך דער קאָרעספּאָנדענט פון „טאָג־מאָרגען זשורנאַל“ דוד פלינקער, איז געשטאַנען איינגעהילט אין טלית אין מיטן דער גאַס און געדאַוונט. מיר איז געלונגען זיך יאָ אַריינ־צובאַקומען אינעווייניק.

פּלוצים, ביים אָנהויב פון כל נדרי, האָט זיך דערהערט אין שול אַ זשומעריי ווי פון אַן עראָפּלאַן. דער גאַנצער עולם מתפּללים איז ווי עלעק־טריזירט געוואָרן פונם „אומגעבעטענעם גאַסט“, וואָס האָט זיך באַוויזן אין דער כל־נדרי־נאַכט איבערן הימל פון דער אידישער מדינה. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק. די גאַנצע מאַסע מענטשן האָט זיך מיטאַמאָל גע־נומען אַרויסשטופּן פון שול דורך איין און דעם זעלבן אַרויסגאַנג. קיין געשרייען האָט מען נישט געהערט. מען האָט בלויז געהערט אין פּראַגע, אין פאַרשידענע שפּראַכן, וואָס איינער דעם צווייטן האָט געפרעגט: „וואָס איז געשען?“ „מה קרה?“ „צאָ שיען סטאַלאָ?“ „טשטאָ סלוטשילאָס?“

געשען איז צום גליק — גאָרנישט. די פּאַניק איז שנעל אַדורך. דער עולם האָט זיך גלייך באַרואיקט. דאָס זשומען איז נישט געקומען פון קיין עראָפּלאַן. עס איז בלויז געווען אַ קאַפּריז פון עלעקטרישן ווענטילאַטאָר אויפן סופיט פון דער שול. דער ווענטילאַטאָר איז קאַליע געוואָרן, מען האָט אים גלייך צורעכט־געמאַכט. דער עולם האָט אָפּגעאָטעמט און דער חזן האָט ווייטער געצויגן דעם אייביקן ניגון, וואָס האָט אָפּגעקלונגען דורך הילכערס אויף דער גאַס אַרויס:

...מיום כפורים זה עד יום כפורים הבא עלינו לטובה!...

אויל !

כ'בין געקומען קיין ישראל מיטן „רעכטן פוס״, — כ'בין געקומען כמעט צוזאַמען מיטן אַנטדעקטן אויל.

איך מעג דעריבער שטאָלצירן דערמיט, וואָס איך בין געווען אין ישראל נישט בלויז קיין עולה־רגל, נאָר אויך — אַן „אויל״־רגל!

ס'איז געווען אין אָוונט, ווען די טעקסי האָט מיך געפירט פון פליפעלד אין לוד קיין תל־אביב. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן אַ שטיקל פעלד, וואו עס האָט אונז אַקעגנגעשלאָגן אַ ריח פון אויל, אָדער ווי מען רופט דאָס אין ישראל — נאַפט.

איך האָב דאַן מיט שפאַס אַ זאָג־געטאָן צום שאָפער:

„זייט פאַרזיכטיק מיט אַ שוועבעלע! דאָ, אויף דעם פעלד, מוז אוודאי זיין אַ קוואַל פון נאַפט!"

אויף מיין שפּאַסיקער באַמערקונג, האָט מיך דער שאָפער באַלד צוריק־אַטאַקירט אין אַן ערנסטן טאָן:

„אדון, זייט רואיק, מ'וועט נאָך ביי אונז געפינען נאַפט! און אפשר — אַ סך שנעלער, ווי איר שטעלט אייך פאָר!"

מיט 48 שעה שפּעטער האָט דער ישראלדיקער טעלעגראַף צעטראָגן איבער דער וועלט די נייעס, אַז אין ישראל האָט מען געפונען נאַפט.

פון דאַמאָלט אָן, אַז כ'בין איינגעשטיגן אין אַ טעקסי, האָב איך געקוקט דעם שאָפער אין די אויגן אַריין. איך האָב אַרומגעזוכט יענעם שאָפער, וואָס האָט אויפן וועג פון לוד קיין תל אביב, פאַראויסגעזען דעם נאַפט פון נגב.

וואו איז ער יענער שאָפער, אפשר איז ער אַ פאַרשטעלטער אליהו הנביא? אויף ישראל־שאָפערן קאָן מען דאָס אויך גלויבן!...

* * *

יאָ, מיט 48 שעה שפּעטער האָט שוין דאָס ביסעלע נאַפט, וואָס מ'האָט געפונען בערך 50 מייל הינטער תל־אביב, געשטעלט אויף די פיס גאַנץ ישראל.

ישראל־אידן האָבן גענוג „אַביסעלע" אויף צו פרייען זיך. זיי פרייען זיך מער פון „אַביסל", ווי אַנדערע פרייען זיך פון „אַסך".

די פריידיקע נאַפט־געשעעניש האָט אַרומגעכאַפּט קינד און קייט. מ'האָט גע'יום־טוב'ט אין די הייזער און אויף די גאַסן, אויף די באָסעס און אין די קאַפייען, אין די פאַבריקן און אין די געוועלבער.

איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ געוועלב פון שרייב־מאַטעריאַלן אויף רחוב בן־יהודה אין תל אביב, קויפן אַנזיכטס־קאַרטן און פּאָסט־מאַרקעס. דער באַלעבאָס פון געוועלב, אַ רומענישער איד, וואָס איז שוין אַ תושב אין לאַנד אַן ערך פינף־און־צוואנציק יאָר, איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ צעפלאַמטער פון שמחה.

עס האָט אים נישט אינטערעסירט מיך צו פרעגן, וואָס איך וויל

קויפן. עס האָט אים אָבער אינטערעסירט מיך צו פרעגן, צי איך האָב שוין געזען דעם אויל.

ער האָט נישט געוואָרט אויף קיין ענטפער, און ער איז צוגעפאַלן מיך קושן. ניין, דאָס איז נישט געווען דער איינציקער „אויל־קוש" אין לאַנד. גאַנץ ישראל האָט זיך דאַן, לכבוד דעם אויל, געקושט אין די גאַסן.

איך אַליין האָב שוין דאַן אויך פאַרגעסן וועגן וואָס איך בין אַריינגע־קומען אין געוועלב, און איך האָב מיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צום ענטוזיאַסטישן מאָנאָלאָג, וואָס דער איד האָט אויף דער הייסער מינוט אימפּראָוויזירט פאַר מיר:

„איך בין געווען דאָרט" — האָט ער געזאָגט — „און מיינע ליפּן האָבן אָנגערירט דעם נאַפט־באָדן און אים געקושט! נאָט אייך, זעט אונזער מאַפּע! אונזער נאַפט! איר הערט, וואָס מען רעדט צו אייך? — ס'איז אונזער! אונזער! אונזער!"

אָט אַזוי האָט געפילט אַ ישראלדיקער קרעמער אינם היסטאָרישן טאָג!

* * *

אויף רחוב ליליענבלום, אין תל אביב, וואו עס פאַרזאַמלען זיך די בערזע־לייט, האָט מען דערפילט דעם נאַפט אין די אַקציעס...

טייל אַקציעס זיינען אַרויף, אַנדערע — אַראָפּ.

טייל בערזע־לייט האָבן אויסגערעכנט מיט דער פעדער אין דער האַנט, וויפיל דער באַלעבאָס פון תל־אביבער האָטעל „דן" — איינער פון די נאַפט־אַקציאָנערן, — וועט „מאַכן" ביים נאַפט.

איין בערזעניק האָט געמאַכט פאַרוואורפן דעם שותף זיינעם:

— אָבער איך האָב שטענדיק געשריגן אַז מ'דאַרף קויפן אויל־אַקציעס!

—שוטה, וואָס דו ביסט! — האָט זיך אָנגערופן דער שותף, — מירביידע שפּילן דאָך אַזוי שלימ'מזל'דיק אויף דער בערזע, אַז ווען מיר קויפן אַקציעס, וואָלט מען נאָך ביז היינט דעם אויל נישט געפונען!...

* * *

איך האָב מיך צוגעקוקט ווי דער נאַפט האָט זיך צעפלאַקערט ביי די טישלעך פון די קאַפייען.

ספעציעל „הייס״ איז געווען ביי די טישלעך פונם פּאָפּולערן „קאַסיט״ קאַפע אויף דיזענגאָף־גאַס אין תל אביב.

ווען די געסט — ס׳רוב קינסטלער און שרייבער און פּאַרטיי־פירער — זיינען זיך אין אָוונט צוזאַמענגעקומען, האָבן זיי דאָרט געטראָפן אַ „לעבעדיקע״ פלאַש מיט נאַפט, וואָס דער באַלעבאָס פון קאַפע, כאַסקעל וויינשטיין, האָט אַראָפּגעבראַכט פונם סאַמע נאַפט־קוואַל.

האָט די פלאַש געוואַנדערט פון טיש צו טיש, און יעדער גאַסט האָט מיט זיין אייגענער נאָז זיך איבערצייגט, אַז דער נאַפט שמעקט טאַקע מיט נאַפט.

דער עולם האָט זיך ביים אויל דערוואַרעמט, און די שטימונג איז געוואָרן אַזוי יום־טוב׳דיק, אַז אַלע האָבן געגומען „שיכור׳ן״.

מ׳האָט געהויבן די גלעזער, געהאַלטן טאָסטן און זיך געוואונטשן:

— לחיים! — שרייט דער קאָמיקער דזשיגאַן, און הויבט ס׳גלעזל — פון היינט איבעראַיאָר זאָל מען ביי אונז טרינקען נאַפט ווי שאַמפּאַניער!

— ס׳אַ פּאַסקודנע מעשה מיטן נאַפט, — קרעכצט אַרויס דער קאָמיקער שומאַכער, — מ׳וועט שוין איצט נישט טאָרן גיין אין גנב מיט קיין שוועבעלע!

איינער פון די געסט האָט צוגערופן דעם קעלנער און געהאַט צו אים אַ טענה:

— אדון, די טיי וואָס איר האָט מיר געגעבן פילט מען דאָך מיט נאַפט!

— איז וואָס־זשע?! — זאָגט דער קעלנער, — איר האָט נאָך אַ טענה?!

דער קינסטלער מאַנע קאַץ איז צוגעקומען, אַ באַגייסטערטער, צו אַ טיש, געגעבן אַ גוט־ברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע איינעם פון די געסט ביים טיש. ער האָט אין אים אַריינגערעדט אַ לענגערע צייט, וועגן דער אויל־סענסאַציע, און ערשט שפּעטער האָט ער זיך דערמאָנט, אַז מיט דעם דאָזיקן מענטשן איז ער שוין ברוגז אַ לאַנגע צייט...

* * *

דער ריח פון נאַפט האָט זיך אויך דערשלאָגן צום תל אביבער ראָטשילד־בולוואַר, אויף די בענק פונם אַזוי גערופענעם „אידישן פּאַר־

לאַמענט״, וואו די געשוואוירענע באַנק־זיצערס ״מאַכן״ די פּאָליטיק פון לאַנד.

די שטענדיקע באַנק־זיצערס האָבן זיך אַנגעכאַפּט אינם נאַפּט און אים נישט אַראָפּגעלאָזן פון די ליפּן.

צווישן די באַגייסטערטע ״שטאַטסלייט״, האָבן זיך אויך אַריינגעכאַפּט ״אָפּאָזיציאָנערן״, סקעפּטיקער און פּעסימיסטן. זיי האָבן געפּרואווט מאַכן צו ״קליינגעלט״ די גאַנצע אַנטדעקונג:

— וואָס איז די גדולה אַזוי גרויס! — שרייט אויס דער פּעסימיסט,

— לאָמיר זיך פריער איבערצייגן צי דער נאַפּט ברענט טאַקע!

— וואָס איילסטו זיך! — ענטפערט אַ צווייטער, — ס׳ברענט ניט!... אין עטלעכע טעג אַרום וועט מען זיך איבערצייגן.

— לאָמיך געמאַך! ס׳גאַנצע קוואַלעכל איז אַזוי גרויס ווי אַ מינוט!

— שרייט דער פּעסימיסט.

— אָבער אַ מינוט איז טיילמאָל זייער אַ סך!

— לאָמיך געמאַך! מיר האָבן דערווייל קוים בלויז פינף פּראָצענט פונם נאַפּט וואָס דאָס לאַנד דאַרף האָבן!

— זאָל דערווייל זיין פינף פּראָצענט! דינג זיך נישט! אַלץ בעסער ווי גאָרנישט! נעכטן אין דער צייט האָסטו נאָך קיין איין פּראָצענט אויך נישט געהאַט!

— לאָמיך געמאַך! — האַלט אין איין שרייען דער פּעסימיסט, — ס׳גייט מיר ניט איין די גאַנצע שמחה, אויב דער געוועזענער שר דוב יוסף האָט נאָר צוגעלייגט אַ האַנט צום קוואַל! איך געדענק אים נאָך, דעם מיניסטער, פון די צייטן פון ״צנע״! ער וועט איצט, מסתמא, ביים נאַפּט אויך מאַכן אַ פאַרטיילונג!

— וואָס מיר דוב יוסף?! ווען מיר דוב יוסף?! וואָס האָסטו מורא, ער וועט דאָך נישט מאַכן, אַז דער נאַפּט זאָל שפּריצן פּאַוואָליע!!

און דער פּעסימיסט־אָפּאָזיציאָנער איז געוואָרן בטל בששים. ער האָט זיך אונטערגעגעבן דער מערהייט און האָט סוף כל סוף אָנערקענט דעם נאַפּט.

דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן

איך בין געווען אין פאַר־שידענע היימען אין ישראל. איך האָב מיך צוגעקוקט צום טאָג־טעגלעכן לעבן פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. איך האָב באַזוכט רייכע, מיטעלע און אָרימע הייזער.

איך האָב געזען אין ישראל דירות — פּאַלאַצן, וואָס קאָנען דרייסט „קאָנקורירן" מיט פענטהייזער פון אַ ניו־יאָרקער פּאַרק־עוועניו; און איך האָב אויך געזען אָרימקייט לויטן „מוסטער" פון די סאַמע־אָפּגעשטאַנענסטע אָרימסטע קוואַרטאַלן אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט.

ווייזט אויס, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ געהיימער אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך צווישן גבירים פון דער גאַנצער וועלט, זיך איינצואָרדענען דאָס לעבן

אין רייכטום און אין לוקסוס. אין וועלכן לאַנד זיי וואוינען — צי אין אַמעריקע, צי אין אויסטראַליע, צי אין ישראל — אומעטום פאַרלייגן זיי זייער רייך לעבן. די זעלבע דערשיינונג קומט פאָר מיט אָרימעלייט נאָר — אין דער קאַפּויערדיקער ריכטונג...

און ווי האַלט עס מיט דעם גרויסן טייל פון דער ישראל באַפעלקערונג, וואָס געהערט נישט צו דער קאַטעגאָריע פון גאָר־רייך אָדער — גאָר־אָרעם? ווי האַלט עס מיט דער קאַטעגאָריע בירגער, וואָס באַשטייט פון „פקידים״ — באַאַמטע, אַנגעשטעלטע, אַרבעטער, מער אָדער ווייניקער קלאַסיפיצירטע — אַזעלכע, וואָס ציען זייער חיונה פון באַשטימטער חודש־לעכער שכירות?

איך האָב מיך איבערצייגט, אַז מאַכן אַ לעבן פאַר דעם דערמאָנטן שיכט בירגער, דאָס מיינט קודם כל: זיין פאַרזאָרגט מיט אַ דירה. איז מען פאַרזאָרגט אין ישראל מיט אַ וואוינונג, פאַלט שוין במילא אַוועק דער גרעסטער טייל דאגות פרנסה.

אָבער דערשלאָגן זיך צו אַ דירה איז נישט פון די לייכטע זאַכן.

אמת, דירות זיינען איצט פאַראַן אין ישראל איבערגענוג. מען בויט און מען בויט און מען בויט. עס וואַקסן איצט אויס, למשל, אין תל־אביב און אין אַנדערע שטעט — גאַנצע קוואַרטאַלן מיט נייע הייזער. ווען איר גייט איבער די גאַסן פון שטעט, מוזט איר אָפּט אַראָפּגיין פון טראָטואַר, ווייל „רושטאָוואַניעס״ פון נייע וואוינונג־הייזער פאַרשטעלן אייך דעם וועג. און עס איז נישט קיין נייעס צו טרעפן ביי יעדער נייער געביידע אַ שילד: „למכירה דירות״ (דירות צו פאַרקויפן), „דירות לוקסוס למכירה״. בכלל גייט איצט אַן אַ געיעג אין ישראל אויף לוקסוס־דירות.

ווען איר קומט אַריין אין די נייע ישראל וואוינונגען, טרעפט איר דאָרט אַזאַ פּראַכט און אַזעלכע באַקוועמלעכקייטן, וואָס גלייכן זיך אויס מיט די מאָדערנסטע אַמעריקאַנער וואוינונגען. און אַ סך פון די נייעסטע ישראלדיקע וואוינונגען זיינען נאָך אפשר רחבת'דיקער ווי די נייע אַמע־ריקאַנער וואוינונגען. מער ליכט, העכערע סופיטן, טעראַסעס, גרעסערע צימערן, און ביי יעדן הויז — אַ גאָרטן.

דער רוב פון די דאָזיקע הייזער ווערט געבויט פון פּריוואַטע קבלנים (אונטערנעמער).

אַ גרויסע בוי־באַוועגונג פון האָטעלן גייט איצט אָן איבערן לאַנד.

די האָטעלן ווערן געבויט מיט אַ לוקסוס — על פּי נוסח אַמעריקע.

ווערט איצט טאַקע אין ישראל אַזאַ איבערפלוס פון לוקסוס־האָטעלן, אַז אַ לייטישער האָטעל פאַר אַ „מיטל־קלאַס״־טוריסט, איז שוין באַלד נישטא בנמצא.

אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן האָבן אָנגעהויבן בויען אין תל אביב אַ האָטעל פון אַ ריזיקן פאַרנעם מיט כלערליי באַקוועמלעכקייטן, וואָס אַ מיליאָנער קאָן זיך וואונשן.

צוליב פאַרשידענע נישט פאַראויסגעזעענע סיבות איז פּלוצים, אין מיטן דער אַרבעט אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס בויען פונם האָטעל.

איצט באַוואונדערן טוריסטן און קאָנען זיך נישט אָפּלויבן.

זיי זאָגן, אַז אַזאַ שיינעם, נישט־פאַרענדיקטן האָטעל זעט מען נישט אויף דער גאַנצער וועלט...

די דירות אין די לוקסוס־הייזער זיינען, אין מערסטן פאַל, צום פאַרקויפן, און נישט צום פאַרדינגען אויף דירה־געלט.

אין א „בעסערער״ געגנט, למשל, אין צפון פון תל־אביב, קאָסט אַ וואוינונג פון אונזערע דריי און אַ האַלב רומס אין אַ לוקסוס־הויז — בערך 10־12 טויזנט פונט. דריי פערטל פונם באַטרעף דאַרף מען איינצאָלן דעם קבלן, און איין פערטל פון דער סומע בלייבט אַ פאַרמשכונטער חוב.

די, וועלכע אַרבעטן ביי „יענעם״ און ציען זייער חיונה פון דער דורכשניטלעכער הויך פון שכירות און געניסן נישט פון קיין שום „פּריווילעגיעס״, קאָנען זיך אַזוי לייכט נישט דערשלאָגן צו קיין לוקסוס־ דירות. מען מוז דעריבער אָנקומען צו רעגירונגס־שיכונים, וואָס ווערן געבויט אין די פּעריפעריעס פון די שטעט. די פּרייזן אין אַזעלכע שיכונים זיינען ביליקער ווי אין די פּריוואַטע הייזער, אָבער די איינצאָלונגען באַטרעפן אויך אין די טויזנטער פונטן, און דערצו נאָך נעמט עס אַ לענגערע צייט ביז עס קומט־אָן די ריי אויף צו באַקומען די וואוינונג.

מען קאָן אויך אין ישראל נעמען אַ דירה, נישט ווי אַן אייגנטום, אָבער עס רעדט זיך נאָר בלויז — „נעמען אַ דירה״. נעמען אַ דירה — דאָס הייסט: באַצאָלן „שליסל־געלט״, דאָס איז אַזאַ „סיסטעם״, וואָס ווערט טאָלערירט. דער אַלטער אייוונאווינער פאַרקויפט צום נייעם די וואוינונג, באַקומט דערפאַר שליסל־געלט עטלעכע טויזנט פונט, און דער באַלעבאָס פון הויז באַקומט אַ דריטל פון דער איינגעקאַסירטער סומע, און אַחוץ דעם נעמט ער דירה־געלט.

מענטשן פון דער מיטלקלאַס־קאַטעגאָריע, זיינען פאַרשולדיקט ביז איבער די אויערן צוליבן אָנבאָרגן זיך אויף די שטעלעס, וואו זיי אַרבעטן, אָדער אָנבאָרגן זיך אין די בענק אויף איינצואָרדענען זיך אין אַ דירה. די דאָזיקע „גמילות־חסדים״ מאַכן שווערער דעם בודזשעט פון הויז־געזינט און מאַכן שווערער דאָס לעבן. ס'איז טאַקע שווער אויסצוקומען גאַנצע פיר וואָכן מיטן חודשלעכן געהאַלט. די פערטע וואָך פון חודש איז די שווערסטע אין יעדן מיטלקלאַס הויז. מען וואַרט שוין אויפן נייעם חודש ווי אויף משיח'ן...

און צו דעם אַלעם דאַרף מען צוגעבן (אָדער בעסער געזאָגט: אַראָפּ־נעמען) די שטייערן, וואָס מען צאָלט פונם געהאַלט אויף פאַרשידענע פאָנדן. צוזאַמען מיט די שכירות גיט מען דעם אָנגעשטעלטן אַ צעטל, וואָס פאַרנעמט אַ יאַרד די ברייט, אויף וועלכן עס זיינען אויסגערעכנט אַלע פּאָזיציעס פון שטייער, וואָס ווערן אַראָפּגערעכנט.

עס ליגט פאַר מיר איצט אַזאַ צעטל, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון ישראל. איך זע דאָ, אַז פון אַ פקיד'ס געהאַלט, וואָס באַטרעפט, למשל, 258 פונט אַ חודש, איז אַראָפּגערעכנט 36 פונט ווי שטייערן, און 46 פונט אויפן חשבון פון דער הלוואה, וואָס דער פקיד האָט גענומען אויף צו קויפן אַ וואוינונג. לויט די ישראלדיקע באַדינגונגען געהערט אָט אַזאַ פאַרדינער פון 258 פונט אַ חודש — צו די נישט־שלעכטע פאַר־דינערס. אָבער דאָך „גייט ער אַהיים״ יעדן חודש מיט אַ סומע פון ניט מער ווי 176 פונט!

דער לאַנגער שמאָלער צעטל האָט אַפילו אַ ספּעציעלן נאָמען אין ישראל. מען רופט אים: „דער לאָקש״. אַפילו אויף העברעאיש איז דער

צעטל פּאַראַייביקט מיטן זעלבן נאָמען. מ׳רופט אים אויף העברעאיש: „הלאָקש״. און גאַנץ אָפט טרעפט זיך אין די אַמטן, אַז די שכירות צאָלט מען מיט אַ טאָג שפּעטער, אָבער דעם „לאָקש״ גיט מען פּינקטלעך צו דער צייט. איר הערט אָפט אין די אַמטן אַ מעלדונג צו די מיטאַרבעטער: „היום יהיה ה׳לאָקש, מחר יהיה הכסף!״ (היינט וועט זיין דער לאָקש, מאָרגן וועט זיין געלט!).

* * *

נישט געקוקט אויף אַלע ראַנגלענישן מיטן הויז־בודזשעט, איז אָבער היינט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון דער ישראלדיקער הויז־פרוי לייכטער, ווי מיט עטלעכע יאָר צוריק, אין די צייטן פון „צנע״

די באַלעבאָסטע האָט נישט מער איצט די דעמאָלסטיקע זאָרג פון דאַרפן לויפן זוכן פּראָדוקטן, פון דאַרפן שטיין אין דער ריי, ביים איינקויפן לעבנס־מיטל, פון דאַרפן באַהאַלטן אַן עוף הינטער זיבן שלעסער און פון דאַרפן קאָכן אַן איי ביי פּאַרמאַכטע טירן.

ישראל האָט איצט גענוג לעבנס־מיטל, און האָט מען נאָר גענוג געלט — קאָן מען זיך איינקויפן דאָס טעלערל פון הימל.

און ווי זאָגט דאָס ווערטל: דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן!

אויב עסן איז דאָ לרוב, הויבט מען שוין אָן צו טראַכטן וועגן באַקוועמלעכקייטן אין דער הויז־ווירטשאַפט.

אין די נייע הייזער, בפרט אין די „בעסערע״ וואוינונגען טרעפט איר וואַש־מאַשינען און פרידזשידעירס.

אין שיכונים, וואָס ווערן באַוואוינט פון ווייניקער פאַרמעגלעכע פאַמיליעס, איז נאָך דערוייל דער פרידזשידעיר נישט איבעריק פּאָפּולער. איך האָב געמאַכט אַן „אַנקעטע״ אין אַ הויז פון אַכט שכנים, און האָב מיך נאָכגעפרעגט ווער פון זיי עס האָט אַ פרידזשידעיר. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז בלויז צוויי פון די שכנים האָבן פרידזשידעירס. די איבעריקע זעקס באַלעבאָסטעס פון הויז בלייבן אָבער נישט אויף הפקר מיט זייערע פּראָדוקטן. אַלע געניסן פון די צוויי „גביר׳טעס״, און מ׳האַלט די פּראָדוקטן אין זייערע פרידזשידעירס. ווען איר זיצט אין אַזאַ הויז אַ האַלבע שעה,

זעט איר ווי די טיר רוט נישט. די שכנים האַלטן כסדר אין איין אַריינ־טראָגן און אַרויסטראָגן עסנוואַרג.

פאַראַן פאַמיליעס וואו דינסטן העלפן אַרויס אין דער ווירטשאַפט. דינסטן ווי שטענדיקע אָנגעשטעלטע, טרעפט מען נאָר אין די גאָר פאַרמעגלעכע הייזער .די שכירות פון אַ דינסט מאַכט אָבער אויס זייער אַ סך, בערך 200 פונט אַ חודש (שוין מיט באַשפּייזונג). אין די ווייניקער פאַרמעגלעכע הייזער באַקומט די הויז־דינערשאַפט באַצאָלט לויט דער שעה. עס צאָלט זיך בערך 60—70 פּיאַסטער אַ שעה. די מערהייט הויז־ראַמערינס זיינען אָריענטאַלישע פרויען.

דאָס צוזאַמענקומען זיך אין די שטובן פון שכנים, קרובים און פריינט איז אין ישראל אַן אָפטע דערשיינונג. אָבער דאָס אויפנעמען געסט אין ישראל־הייזער טראָגט נישט אַזאַ „אָפיציעלן" כאַראַקטער ווי, למשל, ביי אונז אין אַמעריקע. מ׳דאַרף נישט פריער אָנזאָגן קיין וויזיט. מערסטנטייל „פאַלט מען אַריין" אומגעריכט. אָבער פון 2 ביז 4 נאָכמיטאָג וועט קיינער נישט קומען צו־גאַסט. דעמאָלט איז די צייט פון שלאָפן. די מאָדע פון מיטברענגען, ווען מ׳קומט צו גאַסט, אַ „באָקסל טשאָקאָלאַד" איז אויך נישט איינגעפירט. גיכער ברענגט מען מיט בלומען. יעדע באַלעבאָסטע אין ישראל איז אַ „נאַשעריך" אויף בלומען. איך דערמאָן מיך נישט קיין איין הויז אין ישראל וואו איך זאָל נישט האָבן געטראָפן בלומען.

* * *

צי מאַכט מען אין ישראל „פּאַרטיס"?

אוודאי מאַכט מען פּאַרטיס, אָבער נישט לויט קיין סקאַרבאַוון נוסח און נישט מיט קיין סנאָבישע צערעמאָניעס און נישט מיט קיין „אָבלי־גאַטאָרישע" פּרעזענט־ברענגענישן, און נישט לויט קיין איינלאַדונגען אויף וואָכן פאָראויס. די פּאַרטיס ווערן נישט פּלאַנירט, זיי ווערן גיכער אימ־פּראָוויזירט: „ווּעסט האָבן צייט, כאַפּ זיך אַריין! עס וועלן זיי נאָך אַ פּאָר מענטשן!"

איך האָב בייגעוואוינט עטלעכע פּאַרטיס אין פאַרשידענע שטובן. דער זעלבער באַשיידענער כיבוד אומעטום. די וועטשערע טראָגט גיכער

דעם כאַראַקטער פון אַ פּיקניק. דער „מעניו" באַשטייט, ס׳רוב פון הערינג, סאַלאַד, דעליקאַטעסן און ביר. עס טרעפט זיך זעלטן, אַז עמיצער פון די פאַרזאַמלטע זאָל צוליב „דאַיעט"־סיבות קאַפּריזעווען: דאָס מעג איך יאָ עסן, און דאָס טאָר איך נישט עסן! בכלל איז ישראל די עפּידעמישע מאָדע פון „גיין אויף אַ דאַיעט" — נאָך אַביסל אָפּגעשטאַנען פון אונז...

אויף די מערסטע פּאַרטיס פאַרנעמט דאָס זינגען און דאָס שמועסן אַ גרעסערן פּלאַץ ביים טיש, ווי דאָס עסן. נישטאָ קיין פּאַרטי אָן געזאַנג בציבור; און זינגען זינגט מען אויף אַלע לשונות. אין זעלבן אָוונט קאָנען זיין עטלעכע פּאַרטיס אינם זעלבן הויז; און אַזוי ווי די פענסטער זיינען אָפן, הערט מען געזאַנגען פון עטלעכע וואוינונגען. פון איין פענסטער רייסט זיך אַרויס אַ חלוצים־האָראַ אויף העברעאיש, פון אַ צווייט פענסטער קלינגט אַ „מאָסקוואַ מאַיאַ" אויף רוסיש, און פון אַ דריטער וואוינונג רייסט זיך אַרויס אויף מאַמע־לשון: „זולעיקאַ", פון מנשה אָפּענהיים.

אויב ס׳איז שוין גאָר שפּעט אין דער נאַכט, הערט מען טיילמאָל אַריבערשרייען פון קעגנאיבערדיקן באַלקאָן: „שקט!" — אָבער קיינער נעמט נישט ערנסט דעם צווישנרוף, און מ׳זינגט ווייטער, ווייל מאָרגן קאָן מען זינגען ביי דעם זעלבן שכן, וואָס האָט נעכטן געשריגן: „שקט!"

* * *

אָט אַזוי זעען־אויס באַלעבאַטישע פּאַרטיס אין ישראל. נישט דאָס עסן „מאַכט" די פּאַרטי, נאָר — די סביבה און די שטימונג מאַכט עס.

זייער פיל פרויען אין ישראל אַרבעטן אויף שטעלעס. און אויב מען וויל לעבן בשלום מיטן הויז־בודזשעט, דאַרפן די מענער אויך אַרבעטן אויף צוגאָב־שטעלעס.

איר וועט אָפט הערן אין ישראל דאָס ווערטל: „ס׳איז שווער אויס־צוקומען מיט איין שטעלע — מוז מען האָבן אַ צווייטע שטעלע. אָבער צו האָבן אַ צווייטע שטעלע, לוינט זיך נישט, ווייל מען דאַרף צאָלן מס־הכנסה, מוז מען דעריבער זוכן אַ דריטע שטעלע, אָבער גיי מאַך אַ לעבן פון בלויז 3 שטעלעס!..."

די יחוס׳דיקע
פּראָפּעסיע

באַנען, אויטאָבוסן, טעקסיס

— דאָס זיינען די דריי קאָמוניקאַציע־נעצן, וואָס מאַכן דאָס אידישע לאַנד „גיין אויף רעדלעך".

אָבער פון אַלע דריי — פאַרנעמען בלויז די טעקסיס און די אויטאָבוסן דעם אויבן־אָן, און די באַן קאָן זיי נאָך נישט דעריאָגן...

אויטאָבוסן און טעקסיס זיינען פאַרצווייגט איבערן גאַנצן לאַנד, און שפּילן די ערשטע פידל אינם טאָג־טעגלעכן לעבן. די הויפּט־העלדן פון דער קאָמוניקאַציע, — די ישראל שאָפערן, — זיינען אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

בעת מיין באַזוך אין ישראל, האָב איך זיי דערקענט און ליב־געקראָגן. איך מוזט זיי ליב־קריגן, ווייל דער רוב פון זיי איז געבענטשט מיט אַ

ברודערלעכער וואַרעמקייט; און טאַקע צוליב דער דאָזיקער ברידערלעכער וואַרעמקייט, האָב איך זעלטן־ווען געגעבן צו אַ ישראלדיקן שאָפער — אַ „טיפּ״.

גיי גיב אַ „טיפּ״ צו אַן אייגענעם ברודער!...

* * *

וויפיל פאַרדינט אַ שאָפער אין ישראל?

ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן שאָפערן אין ישראל גאָר גוט פאַרדינט. איצט זיינען די פאַרדינסטן קלענערע ווי פריער, אָבער נישט געקוקט דערויף, פאַררעכנט זיך שאָפעריי נאָך אַלץ צו די גוט־באַצאָלטע פאַכן אין ישראל.

ספּעציעל „יחוסדיק״ אין פאַך, — איז דער אויטאָבוס־שאָפער. ער אַרבעט נישט ביי „יענעם״, נאָר — ביי זיך אַליין. ער איז אַ שותף אין קאָאָפּעראַטיוו (די שכירות באַטרעפט בערך 250 פונט אַ חודש, מיט איבער־שעהן — בערך 350). צו ווערן אַ שותף איז נישט פון די לייכטע זאַכן. מ׳דאַרף איינצאָלן אַ „פּאַי״, וואָס באַטרעפט שוין איצט בערך 9 טויזנט פונט, און אויב מען איז עלטער פון 32 יאָר העלפן נישט אפילו די 9 טויזנט פונט, ווייל מען נעמט נישט אַריין אַזעלכן.

אויטאָבוס־שאָפערן זיינען דעריבער די פּריווילעגירטע אין דער פּראָפעסיע. דאָס זיין אַן אויטאָבוס־שאָפער איז אויך אַ גוטע „וויזיט־קאַרטע״ צו אַ שידוך. איר וועט אָפט באַמערקן אין די ישראלדיקע אויטאָבוסן, אַז מיידלעך זעצן זיך אויף די פאָדערשטע בענק, צו כאַפּן אַ שמועס מיטן באָס־שאָפער. נישט איין שידוך איז שוין אַרויסגעקומען פון די דאָזיקע שמועסן.

בכלל „גייען״ געדיכטע שמועסן אין די ישראל־אויטאָבוסן. די פּאַסאַזשירן ווערן צווישן זיך שנעל היימיש, — פירט מען דיסקוסיעס אויף פאַרשידענע שפּראַכן. טיילמאָל ווערט דער שאָפער „מיטגעריסן״ מיטן שמועס; ער נעמט אויך אַ וואָרט, כאָטש ס׳איז דאָ אַ בפירושער פּסוק אויף דער וואַנט, נעבן שאָפער, וואָס דערמאָנט אים, אַז ער טאָר נישט רעדן אין מיטן פאָרן.

פאַראַן אויף די ווענט פון די אויטאָבוסן פאַרשידענע צעטלען מיט אויפשריפטן, אָבער די פּאַסאַזשירן זיינען נישט געוואַלדיק מדקדק ביים אָפּהיטן די פאַרשריפטן. אָט, למשל, איז פאַראַן אַ צעטל: „אסור לעשן!" (רויכערן פאַרבאָטן), אָבער מערסטנטייל היטן בלויז די נישט־רויכערער אָפּ דעם דאָזיקן פאַרבאָט, און די רויכערער רויכערן, אַז עס גייט אַ רויך. איך האָב געזען ווי אַ פּאָליציאַנט האָט אין אַן אויטאָבוס אויפמערקזאַם געמאַכט אַ רויכערער, אַז מ'טאָר נישט רויכערן. ער האָט אים נישט באַשטראָפט, נאָר — בלויז אים אויפמערקזאַם געמאַכט מיט אַ גרימאַסע אויפן פּנים, פּונקט ווי ער וואָלט געזאָגט:

„ס'טייטש, וואו איז יושר?! מ'האָט דאָך עפּעס געשמועסט, אַז מ'דאַרף נישט רויכערן אין אויטאָבוס?!..."

פאַראַן נאָך אַנדערע צעטלען מיט פאַרשריפטן, וואָס דער ברייטער עולם האָט אַזוי צו זאָגן, נישט „אַקצעפּטירט". טייל וויצלען זיך אפילו אויפן חשבון פון געוויסע פאַרשריפטן. עס קורסירט, למשל, אין ישראל, אַ וויץ, וואָס קיבעצט דעם אויטאָבוסן־קאָאָפּעראַטיוו „דן":

לויט די פאַרשריפטן פון „דן", מעגן זיצן אויף געוויסע בענק אין אויטאָבוס בלויז דריי פּאַסאַזשירן. כאַפּט זיך אָבער אַריין אַ פּאַסאַזשיר אַן עקשן און וויל דווקא זיך אַריינקוועטשן ווי אַ פערטער אויף דער באַנק. דער עולם פּראָטעסטירט:

„אדון, עס טאָרן נישט, על פּי דין, זיצן קיין פיר פּאַסאַזשירן אויף איין באַנק!"

דער פּאַסאַזשיר בלייבט נישט שולדיק און ענטפערט:

„איר זענט גערעכט, רבותי, על פּי דין טאָר מען טאַקע נישט זיצן זאַלבע פיר, אָבער על פּי „דן" — מעג מען יאָ זיצן!"...

אין געוויסע שעה'ן פון טאָג זיינען די שטאָטישע אויטאָבוסן גוואַלדיק געפּאַקט, אַזוי ווי אַ ניו־יאָרקער סאָבוועי אין די „ראַש־אוערס"; אָבער אָפּטרעטן אַ פּלאַץ פאַר קינדער און פאַר עלטערע מענטשן, איז נאָך דערוויל אין ישראל מער אין דער מאָדע ווי ביי אונז דאָ... עס זיינען אָבער אויך דאָ אויסנאַמען פון פּאַסאַזשירן, וואָס מאַכן זיך „אַוועק־קוקן" ווען ס'קומט צום אָפּטרעטן אַ פּלאַץ. די דאָזיקע פּאַסאַזשירן מוזן אָבער „אַרבעטן" לויט

אַ „סטראַטעגיע״, — זיי פאַרכאַפּן בכיוון די לעצטע בענק און רירן זיך נישט פון אָרט. זיי האָבן אפילו אַ ספּעציעלן נאָמען, — מען רופט זיי: „דעזערטירן״. זיי דעזערטירן אין די לעצטע רייען, כדי נישט צו דאַרפן אָפּטרעטן קיין פּלאַץ.

וועגן דער ענגשאַפט אויף די אויטאָבוסן גייען אויך אַרום וויצן.

אַיין פאַסאַזשיר זאָגט דעם צווייטן:

— אדון, איר שטייט אויף מיינע פיס!

— איך ווייס, — ענטפערט דער צווייטער פאַסאַזשיר, — איך בין אַ נייער עולה, און איך קען נאָך נישט שטיין אויף מיינע אייגענע פיס!

* * *

די גאַנצע לאַסט פון דער ישראל־קאָמוניקאַציע ליגט אויף די אויטאָ־בוסן.

עס קורסירן בסך הכל איבערן לאַנד 1800 אויטאָבוסן, וואָס געהערן צו 3200 שותפים, קאָאָפּעראַטיוו־מיטגלידער.

די דריי קאָאָפּעראַטיוון זיינען: „אגד״, „דן״ און „המקשר״.

„אגד״, — אגב, איז דער דאָזיקער נאָמען געגעבן געוואָרן דורך חיים נחמן ביאַליק, — איז דער גרעסטער קאָאָפּעראַטיוו (2300 מיטגלידער און איבער עלף הונדערט אויטאָבוסן). „אגד״ אָפּערירט מיט אַלע צווישנ־שטאָטישע אויטאָבוסן אין לאַנד.

די אויטאָבוסן פון „דן״ (איבער פינף הונדערט) לויפן אין תל אביב.

די אויטאָבוסן פון „המקשר״ באַדינען ירושלים.

עס איז נישט קיין סוד, אַז דער גאַנצער קאָמוניקאַציע־אַפּאַראַט, כאָטש ער „ליגט״ אין ציווילע הענט, ווערט פאַרוואַנדלט, „ווען מ״דאַרף״, אין אַ הונדערט פּראָצענטיקן מיליטערישן אַפּאַראַט.

* * *

און ווי זעט אויס אין ישראל דאָס פאָרן אין טעקסיס?

פאַראַן צוויי סיסטעמען פון באַנוצן זיך מיט טעקסיס. אויב איר קאָנט אייך דערלויבן, נעמט איר אַ „ספּעשל־טעקסי״ (אַזוי רופט מען עס טאַקע

אין ישראל!); און אויב איר ווילט פאָרן פאַר ביליקער — נעמט איר אַ „שרות״־ (שיירוט) טעקסי.

אין אַ „ספּעשל״ — קאָנט איר אייך פאָרן איינער אַליין ווי אַ פּריץ. אַ „שרות״ — דאָס איז שוין אַ טעקסי אין וועלכער איר פאָרט בציבור. דער שאָפער וואַרט ביז וואַנען עס זאַמלען זיך אָן זעקס פּאַסאַזשירן, און ער פאָרט נאָר אין אַ געוויסער באַשטימטער ריכטונג. מיט אַנדערע ווערטער: אין אַ ספּעשל פאָרט דער שאָפער דאָרט אַהין, וואו א י ר הייסט אים; און אין אַ שרות פאָרט איר דאָרט אַהין, וואו דער ש אָ פ ע ר הייסט אייך.

פאָרן אין אַ בשותפותדיקער טעקסי קאָסט אַן ערך פון 10 ביז 20 פּיאַסטער פאַר אַ פּאַסאַזשיר (עס ווענדט זיך אין שטח). אין אַ ספּעציעלער טעקסי קאָסט אייך אַן ערך 75 פּיאַסטער ביז אַ פונט. ביינאַכט — צוויי מאָל אָדער דריי מאָל אַזויפיל טייערער. איך האָב אין ירושלים פאַר פאָרן איינס ביינאַכט מיט אַ טעקסי פון צענטער שטאָט ביז צו אַ שיכון אין די פּעריפעריעס (ס׳האָט גענומען אַ צען מינוט פאָרן) — באַצאָלט 4 פונט.

אגב, קיין זייגערס („מיטערס״), האָב איך אין די ישראלדיקע טעקסיס נישט געזען. מען צאָלט לויט אַ באַשטימטן טאַריף.

אין אַלגעמיין זיינען פאַראַן אַ סך טעקסיס אין לאַנד. די טעקסי־באַזיצערס קלאָגן זיך, אַז עס איז שוין פאַראַן אַביסל צופיל. בלויז תל־אביב האָט אַן ערך פון טויזנט טעקסיס, און מיט דריי יאָר צוריק איז געווען בלויז אַ פינף הונדערט.

טעקסיס ווערן געטריבן אָדער דורך די באַלעבאַטים, אָדער — דורך אָנגעשטעלטע שאָפערן. אַ באַלעבאָס פון אַ טעקסי „מאַכט״ ביז פיר הונדערט פונט אַ חודש. אַן אָנגעשטעלטער פאַרדינט בערך צוויי הונדערט און פופציק פונט אַ חודש.

אַ טעקסי־באַלעבאָס האָט זיך פאַר מיר געקלאָגט, אַז ביזנעס איז שוין נישט היינט אַזוי גוט ווי פריער. די סיבות? — ערשטנס, ס׳איז דאָ צופיל טעקסיס; צווייטנס — דער עולם האָט ווייניק געלט; דריטנס — עס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דער „לאַין״ שלעכטע עלעמענטן.

מיטן אויסדרוק „שלעכטע עלעמענטן", מיינט ער געוויסע שאָפערן פון די ניי־צוגעקומענע, וואָס פירן זיך אויף הפקרדיק אין באַצוג צו פּאַ־סאַזשירן און „צייכענען" זיך אויס מיט נעמען צו־לייכט די טרעפיק־פאַרשריפטן. צום גליק — זאָגט ער — איז די צאָל פון דעם מין שאָפערן גאָר אַ קליינע, אָבער אפילו אַ קליינע צאָל קאָן אויך קאַליע מאַכן דעם גוטן נאָמען פון אונזערע ישראלדיקע שאָפערן. אַ שאָד, — זאָגט ער ווייטער, — וואָס אונזער רעגירונג קוקט אויף זיי „דורך די פינגער". ווען איך בין קאָמוניקאַציע־מיניסטער, נעם איך אַוועק ביי אַזעלכע פּאַר־שוינען די „רשיונ'ס" (לאַיסענס)!

פאַר דעם, וואָס קומט נאָר־וואָס אין לאַנד, איז שווער צו כאַפּן דעם אונטערשייד פון אַ טעקסי ביז אַ פּריוואַט־אויטאָ. זיי האָבןביידע איין פּנים. שפּעטער אָבער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז עס איז יאָ פאַראַן אַ שטיקל סימן צום אונטערשיידן: די שילדלעך אויף פּריוואַטע אויטאָס האָבן אַ ווייסע קאָליר, און די שילדלעך אויף די טעקסיס האָבן — אַ גרינע קאָליר. איך דערמאָן דאָ דעם דאָזיקן פּרט דערפאַר, ווייל צוליב די דאָזיקע קאָלירן איז אַמאָל געווען אַ שטיקל קנאה. נישט איין פּרי־וואַטער אויטאָ־באַלעבאָס האָט „אַמאָל" מקנא געווען די גרינע שילדלעך. אַז מ'האָט געפלעגט ווינטשן אַזאַ באַלעבאָס: „גאָט זאָל דיר העלפן, אַז פון היינט איבעראַיאָר זאָל פון דיין ווייסן שילדל ווערן אַ — גרינס!", האָט ער געענטפערט: אמן!...

* * *

ישראל־שאָפערן זיינען אויספּרובירטע מוטיקע חברה־לייט, — בראַווע, דרייסטע, אָפּפערוויליקע פּאַטריאָטן פון מדינת ישראל!

שטענדיק ווען איך האָב געזען אַ ישראל־שאָפער זיצן ביים רעדל און טרייבן אַ טעקסי אָדער אַ באָס, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער דרייט נישט דעמאָלט בלויז מיטן רעדל פון דער קאַר, — נאָר ער דרייט דעמאָלט אויך מיטן רעדל פון דער מדינה.

עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די טרייב־קראַפט איז נישט אַזוי ווייט די גאַזאָלין, ווי — דער פּאַטריאָטיזם...

ישראל שאָפערן זיינען בטבע באַריידעוודיק, אָבער זיי ווייסן אויך ווען צו שוויגן...

„ערגעץ" אין ישראל בין איך איינמאָל געפאָרן אין אַ טעקסי צו מיינעם אַ קרוב, וועמענס גענויעם אַדרעס איך האָב געהאַט פאַרגעסן. כ'האָב אָנגעוויזן דעם שאָפער די געגנט וואוהין צו פאָרן, און כ'האָב געהאַט אַ סימן, וואו צו הייסן די טעקסי זיך אָפּשטעלן. דער סימן איז פאַר מיר געווען — אַ מיליטערישע פאַבריק, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות פון מיין קרוב'ס הויז. ווען כ'בין צוגעקומען צום הויז, האָט זיך מיר אָבער אויסגעוויזן, אַז כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט, כ'בין נישט געווען זיכער, צי דאָס איז טאַקע די מיליטערישע געביידע, אָדער — נישט. כ'האָב מיך דעריבער געפילט אין אַ שלעכטער סיטואַציע. פרעגן דעם שאָפער, צי דאָ איז אַ מיליטערישע געביידע, האָב איך נישט געוואָלט. כ'בין טאַקע געוואָרן, אין פאַרלויף פון דער רייזע, גאָר היימיש מיט דעם שאָפער, אָבער פונדעסטוועגן האָב איך אים נישט געוואָלט שטעלן אַזאַ פראַגע, אויף וועלכער ס'וועט אים אפשר זיין אומבאַקוועם מיר צו ענטפערן.

איך האָב דעריבער „פאָרמולירט" מיין פראַגע אויף אַן אַנדער אופן:

— זאָגט מיר, וואָס פאַר אַ פאַבריק געפינט זיך דאָ?

— דאָס קאָן איך אייך נישט זאָגן! — האָט דער שאָפער זיך אָנגערופן, — דאָס איז אַ סוד!

— אָ, אויב ס'איז אַ סוד, קאָנט איר דאָ בלייבן שטיין, — דאָ איז עס!...

און ביידע, סיי דער שאָפער און סיי איך, דער טוריסט־פּאַסאַזשיר, האָבן זיך קעגנזייטיק פאַרשטאַנען.

וועגן דער נישט־שרעקעוודיקייט פון ישראל־שאָפערן דערציילט מען וואונדער.

וואָלט געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלער קאָנטעסט פון שאָפערן־דרייסט־קייט, וואָלט דער ישראלדיקער שאָפער זיכער באַקומען דעם ערשטן פרייז.

איך בין, נאַטירלעך, דאָ נישט אויסן צו מאַכן קיין „פּובליסיטי" די ישראלדיקע שאָפערן. זיי האָבן זיך שוין, — אָן מיין רעקלאַמע, — דער־וואָרבן זייערע „אַטעסטאַטן" פון דרייסטקייט און געוואַגטקייט.

בעת אַ רייזע מיט אַ טעקסי פון צפת קיין עכו, האָב איך אויך, עפּעס געלערנט וועגן כאַראַקטער פון ישראלדיקן שאָפער.

דריי זיינען מיר געפאָרן אין דער טעקסי: מיינער אַ קוזין, — אַ ישראל־תושב זינט פינף און צוואנציק יאָר, — דער שאָפער, און איך.

מיר האָבן געדאַרפט פאַרבייפאָרן דאָס אַראַבישע דאָרף ראַמאַ, נעבן מירון, וואָס איז באַקאַנט צוליבן היסטאָרישן קבר פון תנא ר׳ שמעון בן יוחאי.

דעם תנא איז, ווייזט אויס, לעצטנס „באַשערט־געווען״ נאָך מער פּאָפּולער צו ווערן צוליב דעם, וואָס אַראַבישע טעראָריסטן האָבן זיך אויסגעקליבן דווקא דעם פּלאַץ נעבן זיין קבר — אויף צו מאַכן איבערפאַלן אויף פאַרבייפאָרנדיקע פּאַסאַזשירן.

ערשט מיט אַ טאָג פריער, פאַר אונזער דורכפאָרן, זיינען דאָרט אויך געפאַלן דריי אידישע קרבנות.

מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן דעם דאָזיקן געפערלעכן פלאַץ אין די שפּעטע שעה׳ן פון אַ פינסטערן אָוונט. אין די דאָזיקע שעה׳ן איז דער וועג נאָך געפערלעכער, ווייל אויפן שאָסיי איז דעמאָלט נישטאָ קיין שום באַוועגונג.

מיר זיינען דעם דאָזיקן וועג בשלום איבערגעקומען, כאָטש אויפן וועג האָט אונז אָפּגעשטעלט אַן אַראַבער מיטן אַן אַרומגעהילטן ווייסן שלייער אויפן פּנים. ער האָט גערעדט העברעאיש, ווען ער האָט געבעטן מען זאָל אים אַריינלאָזן אין טעקסי. מיר האָבן אים אַריינגענומען. אין דער טעקסי האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרשלייערטער אַראַבער איז אַ איד, — אַן אָפיציר פון דער ישראל־אַרמיי.

ערשט נאָכן אָנקומען קיין עכו, האָט דער שאָפער געזאָגט:

„איר זאָלט וויסן, מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן אַ געפערלעכן פונקט. דערצו נאָך בין איך געפאָרן אָן געווער. איך האָב אייך פריער ניט געוואָלט זאָגן וועגן דער געפאַר, ווייל איר וואָלט זיך זיכער געשראָקן. איר זענט דאָך ביי אונז אַ „גרינער״. אָבער מיר וותיקים, — שרעקן זיך נישט. לאָמיך דאַרפן איצט צוריקפאָרן, וואָלט איך עס אויך געטאָן. מיר ישראל־

איינוואוינער זיינען דרייסט. שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען מיר וואָלטן געווען שרעקעוודיקע!״...

אָבער פונדעסטוועגן קאָן איך דערציילן וועגן אַ ישראלדיקן שאָפער, וואָס האָט מיך אַנטוישט, — ער האָט זיך יאָ אַרויסגעוויזן פאַר אַ שרעקעוודיקן:

דאָס איז געווען צוויי טעג פאַר יום כיפור, ווען כ׳בין געפאָרן מיט אַ טעקסי אין תל־אביב. כ׳האָב באַמערקט ווי דער שאָפער זיצט נערוועז ביים רעדל. אין מיטן פאָרן האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מיר עטלעכע מאָל און געפרעגט:

— אדון, איר זיצט באַקוועם?

— יאָ, — ענטפער איך אים, — איך זיץ באַקוועם!

נאָך עטלעכע מינוט, דרייט ער זיך ווידער אויס:

— איר זיצט באַקוועם?

— יאָ!

ווען ער האָט מיך מיט עטלעכע מינוט שפּעטער ווידער געפרעגט דאָס זעלבע, האָט מיך שוין אַביסל געוואונדערט, און איך האָב אים צוריקגעפרעגט:

— וואָס זענט איר אַזוי אומרואיק וועגן מיין פּלאַץ? פאַרוואָס זאָל מיר נישט זיין באַקוועם? איך זיץ דאָך דאָ איינער אַליין ווי אַ פּריץ!

— איר זיצט נישט איינער אַליין, — האָט ער מיר געענטפערט, — איר זיצט איצט אויף צוויי כפּרות, וואָס איך פיר צו מיין טאַטן אין הויז! איך שרעק מיך דעריבער צי איר צעקוועטשט מיר נישט די כפרות!...

נו, וואו ערגעץ אין דער וועלט, אַחוץ אין ישראל, וועט איר טרעפן נאָך אַ שאָפער מיט אַזעלכע השגות?!

מיט דער באַן
תל־אביב — ירושלים

די ישראלדיקע באַן האָט זיך נאָך ווייניק „איינגעבירגערט" ביים ישראלדיקן בירגער. מ׳קען זאָגן, אַז די באַן איז, היינט צו טאָג, דאָס אָפּגעשטאַנענסטע קאָמוניקאַציע־מיטל אין לאַנד. די באַן האָט זיך איינגעשאַפן אַ נאָמען, אַז „זי איילט זיך נישט", און דערפאַר אפשר איילן זיך אויך נישט די ישראלדיקע איינוואוינער אַזוי אָפט זיך צו באַנוצן מיט דער באַן.

אַ רייזע פון תל־אביב קיין ירושלים נעמט מיט אַ טעקסי — בערך אַ שעה מיט צוואנציק מינוט; מיט אַן אויטאָבוס — קנאַפּע צוויי שעה; מיט דער באַן — מער פון צוויי שעה.

איידער איך בין געפאָרן, האָט אַ באַקאַנטער מיך געראָטן:

— פאַלג מיך, לאָז געמאַך! כאַפּ בעסער אַ טעקסי! צו־וואָס זיך שלעפּן מיט דער באַן?!

דערביי האָט ער דאָס וואָרט „שלעפּן" אַזוי אונטערגעשטראָכן, אַז עס זאָל מיר איבערגיין דער אַפּעטיט.

מיך האָט אָבער ווייניק געשראָקן דאָס „שלעפּן" זיך. פאַרקערט, עס האָט מיך דווקא געלאָקט צו פאָרן מיט דער באַן, בפרט — לאָמיך זיך מודה זיין — אַז כ'בין נאָך קיינמאָל מיט דער אידישער באַן נישט געפאָרן. איבער קיין אידישער באַן האָב איך נאָך ביז היינט קיין שהחיינו נישט געמאַכט.

איך האָב דעריבער געוואָלט אָנקוקן די באַן מיט מיינע אייגענע אויגן, זי אָנטאַפּן מיט די אייגענע הענט און פאַרזוכן מיט וואָס אַזאַ רייזע שמעקט.

ווען כ'בין צוגעקומען צום באַן־וואָקזאַל אין תל־אביב, — אַ וואָקזאַל מיט אַלע פּיטשעווקעס פון אַ גרויס־שטאָטישן וואָקזאַל, — האָב איך נישט געטראָפן דאָרט קיין פּאַסאַזשיר, וואָס זאָל האָבן געקומען, אָדער וואָס זאָל וועלן אָוועקפאָרן.

בלויז איין מענטש האָב איך געטראָפן, — דעם קאַסירער פון דער באַן־בילעטן קאַסע. ער איז געזעסן הינטערן פענסטערל פון קאַסע־שטיבל און געוואָרט. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער וואָרט בלויז אויף מיר, און באַלד נאָכן פאַרקויפן מיר דעם בילעט, וועט ער פאַרמאַכן ס'פענסטערל און אַהיימגיין...

אַ בילעט פון תל אביב קיין ירושלים קאָסט 70 פּיאַסטער. סאָלדאַטן צאָלן 50 פּראָצענט. סטודענטן און זשורנאַליסטן צאָלן — 66 פּראָצענט. דעפּוטאַטן און פּאָליציאַנטן פאָרן אינגאַנצן אומזיסט.

ווי אַ זשורנאַליסט האָב איך מיר געקענט איינשפּאָרן עטלעכע צוואַנציק פּיאַסטער (בערך אַ דאַים), אָבער איך האָב נישט אויסגענוצט מיין פריי־ווילעגיע, און באַצאָלט ווי יעדער בשר ודם — 70 פּיאַסטער. נאָר דאָס בלויז פעלט אים, דעם קאַסירער, אַז ביי די „גליקן" וואָס ער מאַכט, זאָל נאָך קומען אַ פּאַסאַזשיר און וועלן כאַפּן אַ מציאה...

לויטן רייזע־פּלאַן האָט די באַן געדאַרפט אָפּפאָרן 4 אַזייגער נאָכ־מיטאָג. מיין ערשטע אַנטוישונג צום גוטן איז געווען, אַז איין מינוט נאָך

פיר איז שוין די באַן געווען אין וועג. פּאַסאַזשירן זיינען טאַקע געווען ווייניק, אָבער די באַן האָט נישט געוואַרט און האָט אַ פייף־געטאָן אין דער ריכטיקער צייט.

איך האָב געמאַכט אַ שפּאַציר פון לאָקאָמאָטיוו אָן ביז צום לעצטן וואַגאָן. כ׳האָב איבערגעציילט 7 וואַגאָנען. כ׳בין אויך געווען אַ בעלן איבערצוציילן וויפיל פּאַסאַזשירן עס פאָרן. בסך הכל זיינען אין אַלע וואַגאָנען געווען — 47 פּאַסאַזשירן. איך בין נישט קיין ספּעציאַליסט צו מאַכן דעם חשבון, אָבער אויב ס׳איז שטענדיק אַזאַ „ענגשאַפט״ פון פּאַ־סאַזשירן, איז נישטאָ מקנא־צו־זיין דעם שיראלדיקן קאָמוניקאַציע־מיניס־טער, — קיין גוואַלדיקע פּראָפיטן ברענגט אים די באַן זיכער נישט...

ווען כ׳האָב געזען דעם קאָנדוקטאָר (איין קאָנדוקטאָר האָט געפירט די גאַנצע באַן), האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער שעמט זיך פאַר מיר. ער שעמט זיך, וואָס ער אַרבעט אין אַן אונטערנעמונג, וואָס איז הינטער־שטעליק פונם אַלגעמיינעם טעמפּאָ אין לאַנד. קוקנדיק אויף אים, האָט זיך מיר דערמאָנט דער באַקאַנטער וויץ וועגן „יענעם״ אידן, וואָס איז אַמאָל געפאָרן איינער אַליין אין טראַמוויי און געקראָגן רחמנות אויפן אָרימען קאָנדוקטאָר און אים נעבעך געוואָלט אונטערשטיצן. „איך זע דאָך שוין״ האָט ער צו אים געזאָגט, — דו ביזט נישט פון די גרויסע פאַרדינערס, טאָ גיב מיר נאָך איין בילעט!...״

ווען כ׳האָב שפּעטער פאַרפירט אַ שמועס מיטן קאָנדוקטאָר, האָב איך געזען, אַז איך פאָר מיט אַ שטאָלצן ישראל־איד, אַ סאַבראַ אַ קאָנדוקטאָר, וואָס איז טאַקע אָרעם אין פּאַסאַזשירן, אָבער רייך אין פּאַטריאָטישע געפילן און נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. ער איז דער אידישער סאָלדאַט פון דער אידישער באַן אין אידישן הימלאַנד. ער קוקט אויף זיין אַרבעט נישט ווי אויף אַ פּראָפעסיע, נאָר ווי אויף אַ מיסיע. ער פירט אויס די פליכטן, וואָס מ׳האָט אויף אים אַרויפגעלייגט, און פילט די אחריות פאַר דער זיכערקייט פון די פּאַסאַזשירן, וואָס ער פירט עטלעכע מאָל אין טאָג, האַרט ביי די גרענעץ־ליניעס פון שונא.

ווען די באַן איז אין מיטן פאָרן געבליבן שטיין, איז דער קאָנדוקטאָר פאַרשוואונדן. ווען ער איז דערנאָך צוריקגעקומען, האָט ער דערפון נישט

געמאַכט קיין סוד, אַז ער איז געווען פאַרנומען ביים צוטשעפּען צום צוג אַ ספּעציעלן וואַגאָן מיט שמירה. „אַז מיר פאָרן פאַרביי האַרט די גרענעץ״, האָט ער געזאָגט, „מוזן מיר זיין ספּעציעל געשיצט״...

47 שעה אַ וואָך אַרבעט אַ קאָנדוקטאָר אויף די ישראל־באַנען. די חודשלעכע שכירות באַטרעפן בערך 160 פונט נעטאָ. פאַר איבער־שעה׳ן צאָלט מען עקסטראַ. דערווייל איז די באַן־נעץ אין ישראל זייער אַן אָרימע. פאַראַן בלויז צוויי הויפּט־ליניעס: תל־אביב—ירושלים, און ירושלים—תל־אביב.

נישטאָ אויף די ישראל־באַנען קיין אונטערשיד פון בעסערע און ער־גערע קלאַסן. אַלע וואַגאָנען זיינען גלייך — האַרטע בענק פאַר יעדן. די וואַגאָנען זיינען זייער אָפּגעלאָזן און די עסטעטיק ווערט נישט איבעריק אָפּגעהיט פון די פּאַסאַזשירן. לויט די סימנים אויף דער וואַגאָן־פּאָדלאָגע האָב איך געזען, אַז די ישראלדיקע באַן־פּאַסאַזשירן זיינען ליבהאָבער פון „רבי־ניסלעך״.

דאָס קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום פירט נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע צווישן די ישראל איינוואוינער וועגן פאָרן אויף די באַנען מער, ווי ביז־איצט. סיי ווי איז אַ מאַנגל אין וואַגאָנען. די פּראָפּאַגאַנדע וועט זיך אָבער איינגיכן אָנהויבן, ווען עס וועלן אָנקומען נייע וואַגאָנען. אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין ישראל, זיינען שוין געהאַט אָנגעקומען די ערשטע 4 (דייטשע) נייע וואַגאָנען.

די נייע וואַגאָנען האָבן צו 90 פּלעצער. מ׳האָט זיך געגרייט איינצופירן צווייערליי קלאַסן. די „בעסערע״ קלאַס האָט געזאָלט קאָסטן מיט 20 פּיאַסטער טייערער אויף אַ בילעט. דער פּלאַן איז אָבער אויסגעגאַנגען נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. מ׳האָט פאָראויסגעזען, אַז עס איז נישט דורכפירבאַר, ווייל אַלע פּאַסאַזשירן וועלן קויפן בילעטן אין דער ביליגער קלאַס און וועלן זיך באַזעצן אין דער טייערער קלאַס.

ווי פירן זיך אויף אידישע פּאַסאַזשירן אויף אַ אידישער באַן?

די קאָנדוקטאָרן האָבן נישט קיין לייכטע אַרבעט. אַן קיין בילעט פאָרט נישט קיין פּאַסאַזשיר; עס איז אָבער אַ צרה, וואָס טייל פּאַסאַ־זשירן האָבן זיך ליב צו „חכמה׳ן״ מיטן קאָנדוקטאָר, ווען ער הייסט

זיך ווייזן דעם בילעט. ער זוכט מכלומר׳שט און געפינט נישט. פאַראַן אויך פּאַסאַזשירן וואָס האָבן אַ „שוואַכקייט" צו מאַכן שאָדנס אין וואַגאָן. אויך אַזעלכע פּאַסאַזשירן מוז דער קאָנדוקטאָר האָבן „אויפן אויג".

פרייטאָג 4 אַזייגער נאָכמיטאָג שטעלן זיך אָפּ די ישראל באַנען, און הויבן אָן ווידער צו קורסירן זונטאָג אינדערפרי (די תל־אביב־ירושלים ליניע), אָדער שבת־צו־נאַכטס (די תל־אביב־חיפה ליניע).

פּראַכט־צוגן קורסירן יאָ אום שבת, אָבער זיי מאַטערן זיך אַביסל, ווייל זיי טאָרן נישט פייפן. נישט איינמאָל האָט דער מאַשיניסט, — צוליבן פאַרבאָט פון פייפן, — געמוזט אָפּשטעלן דעם צוג אין מיטן פאָרן, אַראָפּ־גיין צום פאַרשוין, וואָס האָט זיך געשטעלט אויף די רעלסן און אים מקיים־פּסק זיין:

— אַראָפּ די שייגאָץ איינער, דו זעסט נישט, אַז כ׳פאָר?!...

די גרעסטע צאָל פּאַסאַזשירן אויף די באַנען זעט מען פרייטאָג און זונטאָג. מערסטנטייל זיינען די צוגן, וואָס פאָרן קיין ירושלים, שטאַרק געפּאַקט יעדן ערב יום־טוב. חסידים פאָרן דעמאָלט צו זייערע רביים קיין ירושלים. מיין רייזע קיין ירושלים האָב איך געמאַכט ערב סוכות, אָבער דאָס מאָל איז געווען אַן אויסנאַם, — ס׳איז געווען אַזוי גראָם צו פאָרן, אַז יעדער פּאַסאַזשיר האָט זיך געקענט אויסלייגן אויף אַ באַנק. ווי כ׳האָב מיך שפּעטער דערוואוסט, איז דאָס געווען אַן עקסטראַ־צוגאָב צוג לכבוד יום־טוב, וואָס איז געפאָרן אויסערן פּלאַן. די פּאַסאַזשירן האָבן וועגן דעם נישט געוואוסט, און דערפאַר איז די באַן געווען אַזוי שוואַך באַזעצט.

נאָכן אָפּפאַרטיקן זיך מיט דער קליינער צאָל פּאַסאַזשירן איז דער קאָנדוקטאָר צוריק אַריינגעקומען אין מיין וואַגאָן.

מיר האָבן זיך ביידע אַוועקגעשטעלט ביים אָפענעם פענסטער. ער האָט געוואוסט, אַז כ׳בין אַ טוריסט, האָט ער מיך געוואָלט מכבד זיין מיט דער פּרעכטיקער לאַנדשאַפט. ביים אָפענעם פענסטער איז דערווייל פאַרגעקומען אַן אויסטויש פון אַמעריקאַנער און ישראלדיקער פּראָדוקציע: איך האָב אים געגעבן צו פאַררויכערן אַן אַמעריקאַנער „טשעסטערפילד", און ער האָט מיך טראַקטירט מיט אַ ישראלדיקן „דובק"־סיגאַרעט. דער

רויך פוןביידע סיגאַרעטן האָט זיך צונויפגעקנוילט אין איין וואָלקנדל, און די באַן איז געגאַנגען אַזוי לאַנגזאַם, אַז דאָס וואָלקנדל איז אימשטאַנד געווען אונז „נאָכצוגיין" אַ שפּאַר שטיקל וועג, ביז עס האָט זיך אויפגעלייזט.

מיר האָבן עטלעכע מינוט געקוקט און געשוויגן. אָבער, ווייזט אויס, אַז דעם קאָנדוקטאָר איז שווער געווען צו „פאַרשווייגן" די פּלעצער וואָס מיר פאָרן דורך, און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן.. גערעדט האָט ער מיט אַ סאַבראַ־אידיש, אָבער גאַנץ פליסיק. פון צייט צו צייט בלויז האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן מיט אַ העברעאיש וואָרט:

— דו זעסט, — זאָגט ער צו מיר בלשון „דו", — דעם־אָ וועג קען איך ווי מיינע צען פינגער. אפילו אין דער פינסטער וועל איך טרעפן.

און ער טייטלט מיטן פינגער: „אין די־אָ בערג געפינט זיך די הייל פון שמשון הגבור! דאָ ליגט אַ שטיק תנ"ך... און דאָ־אָ איז דער הייניקער „שמשון" — אונזער גרעסטע צעמענט־פאַבריק אין לאַנד הייסט „שמשון" — און דאָס איז דער נייער וועג צו בית גבורין (דזשובירין), און איצט פאָרן מיר אַדורך די אַראַבישע גרענעץ... אויג אויף אויג... מיט די אַראַבער. די גרענעץ שניידט דורך דאָס אַראַבישע דאָרף ביתר. און דאָ האָסטו אַן אַנדער אַראַביש־דאָרף, בית צפפה (צאַפאַפאַ). דו זעסט, אין מיטן פון דאָרף איז דאָ אַ צאַם... דאָס זיינען אָפּגעטיילט אַראַבער פון אַראַבער, אַ האַלב דאָרף געהערט צו אונזערע אַראַבער, צו די ישראלדיקע בירגער, און אַ האַלב דאָרף צו זיי, צו „יענע" אַראַבער..."

דער קאָנדוקטאָר האָט איבערגעריסן דעם שמועס, און איז אַריבער אין אַנדערע וואַגאָנען.

די באַן איז זיך „געגאַנגען" איר וועג, און די רעדער האָבן אויסגעקלאַפּט אַ ריטמישן ניגון, — אַ באַקאַנטער ניגון, — ווי ער וואָלט געקלונגען זמירות'דיק...

אין אַ ווינקל פון מיין וואַגאָן איז געזעסן אַ תימנער פון אַ יאָר פופציק. אים איז ווי גאָרנישט אָנגעגאַנגען די רייזע. נישט גערעדט קיין וואָרט און די גאַנצע צייט געקוקט אויף אַ פינטל אין דער לופט און נישט אַוועקגעלאָזט דאָס פינטל פון אויג.

אַ אינגעלע מיט בלויע אויגן, געקרייזלטע פּיאות און אַ יאַרמולקע אויפן בלאָנדן קאָפּ האָר, איז געגאַנגען פון פענסטער צו פענסטער אין וואַגאָן און זיך געלאַנגווייליקט. ס׳איז געווען קענטיק, אַז די באַן און דער וועג זיינען פאַר אים נישט קיין נייעס.

— פון וואַנען ביזטו, בחור׳ל? — פרעג איך.

— פון מאה שערים, אין ירושלים!

— דו קענסט רעדן לשון קודש?

— איך קען, אָבער איך רעד נישט! לשון קודש איז נישט צום רעדן, — לשון קודש איז צום דאַווענען!״

— וויפיל ביזטו אַלט?

— כ׳בין שוין בר־מצוה!

— וועסט שוין באַלד קענען זיין אַ סאָלדאַט אין דער אידישער אַרמיי!

— איך בין שוין, — זאָגט ער, — היינט ראוי צו זיין אַ סאָלדאַט, אָבער „זיי״ ווילן דאָך מיך נישט נעמען.

— פון וואַנען ווייסטו?

— ווייל כ׳בין איינמאָל נאָכגעלאָפן מיט אונזערע סאָלדאַטן צו דער גרענעץ, האָבן זיי מיך אָוועקגעטריבן...

בשכנות פון מיין באַנק זיינען געזעסן נאָך צוויי פּאַסאַזשירן, — איינער אַן עלטערער און דער צווייטער אַ אינגערער. דער עלטערער פּאַסאַזשיר האָט געטראָגן אַ לאַנגן, שוואַרצן כאַלאַט, אויפן קאָפּ — אַ גרויסן רבנישן קאַפּעלוש מיט אַ ברייטער ראַנד, דאָס פּנים אַרומגע־רינגלט מיט אַ גרויער פּאַטריאַרכאַלער באָרד. ער איז געזעסן אומבאַ־וועגלעך און די גאַנצע צייט געשוויגן.

עס האָט מיר אַ בליץ־געטאָן אַ געדאַנק:

„אפשר איז דאָס אברהם אבינו?... ניין, דער קאַפּעלוש מיט דער ברייטער ראַנד איז צו־מאָדערן!...

קעגנאיבער אים איז געזעסן דער צווייטער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט פויל געשפּילט מיט אַ שטריימל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פונם אָפענעם שאַכטל אויף דער באַנק.

ס׳איז מיר שווער געווען צו דערקענען ווי יונג ס׳איז דער דאָזיקער

יונגערמאַן. ער האָט אויסגעזען אי ווי 20 און אי ווי 30 יאָר. לויטן יונגן פּנים האָט ער אויסגעזען נישט מער ווי 20 יאָר, אָבער דאָס בלאָנדע בערדל, וואָס האָט באַצירט דאָס יונגע פּנים, האָט אים געמאַכט עלטער מיט נאָך צען יאָר.

ווען כ׳האָב מיך מיט אים דערנאָך צעשמועסט, בין איך געוואויר געוואָרן, אַז נישט ס׳בערדל איז גערעכט, נאָר — ס׳פּנים.

ער איז 22 יאָר אַלט. אַ ירושלימער ישיבה־בחור. ער לערנט אין דער קאַרלינער ישיבה. זינט די לעצטע פינף יאָר איז ער אַ נאַדוואָרנער חסיד. ער האַלט, אַז דער נאַדוואָרנער רבי איז אַ בעל־מופת. זיינע מופתים זיינען באַקאַנט ווייט איבער דער וועלט. עס קאָכט זיך לעצטנס מיטן מופת וואָס דער נאַדוואָרנער רבי האָט באַוויזן צו זיינעם אַ חסיד, וואָס איז ספּעציעל געקומען פון מינכן, דייטשלאַנד, קיין ירושלים. דער חסיד האָט זיך באַקלאָגט, אַז עס איז שוין 15 יאָר נאָך דער חתונה, און ס׳ווייב האָט נישט קיין קינדער. דער רבי האָט דערויף געענטפערט: „פאָר אַהיים און זאָג מיר שפּעטער אָן גוטע בשורות״.

מיט 7 חדשים שפּעטער איז אָנגעקומען פון מינכן אַ גוטע בשורה, און גאַנץ ירושלים קאָכט דערמיט, — דעם חסיד׳ס ווייב האָט געבוירן אַ בן־זכר.

דער שמועס ווערט כסדר היימישער, און דער יונגערמאַן פירט מיך ביסלעכווייז אַריין אין זיין היימיש לעבן:

ער וואוינט אין ירושלים. ער איז אַ באַווייבטער. זיין שווער איז נישט אַבי־ווער, — ער איז דער מזכיר פון די נטורי קרתא אין לאַנד. דער שווער, ר׳ חיים יצחק שוואַרץ, שטאַמט פון פּשעמישל, פּוילן. ער איז שוין פערציק יאָר אין ארץ ישראל, רעדט אַראַביש, ענגליש און אידיש. קיין העברעאיש קאָן ער נישט.

איך פרעג דאָן דעם ישיבה־בחור: איר זענט אויך אַ נטורי קרתא׳ניק ווי אייער שווער?

ער ענטפערט: „וואו שטייט עס געשריבן, אַז אַן אידעם מוז גיין אין די דרכים פון שווער? ער — איז ער, און איך — בין איך! אָבער אין בשותפותדיקע פּאַרטיי האָבן מיר יאָ — דעם רבונו של עולם!

יעדער ערלעכער איד האָט אַ חשבון מיטן רבונו של עולם! דער רבונו של עולם זעט און הערט, וואָס דאָ טוט זיך! פאַר די אפיקורסים איז באַשאַפן געוואָרן אַ ראַדיאָ מיט אַ טעלעפאָן. מ׳האָט זיי געוויזן, אַז איין מענטש קען הערן פון ווי ווייט דעם צווייטן מענטשן — ריידן. איז אויב איין מענטש הערט דעם צווייטן, — טאָ הערט דאָך דער רבונו של עולם אוודאי!... מ׳האָט באַשאַפן פאַר די אַפּיקורסים טעלעוויזיע, כדי זיי צו ווייזן, אַז איין מענטש קען זען פון ווי ווייט דעם צווייטן מענטשן; און אויב איין מענטש זעט דעם צווייטן, — טאָ זעט דאָך דער רבונו של עולם אוודאי!... זאָל נאָר קומען משיח, וועט מען מאַכן אַ שטיקל טאָלק מיט די אַלע נישט גלויביקע! און משיח קאָן קומען יעדע שעה, יעדע רגע! ס׳איז ביי מיר רעכט, מיר קומען איצט אַראָפּ אין ירושלים, און משיח איז שוין דאָרט געקומען!״

די באַן איז געבליבן שטיין. מיר זיינען שוין אין ירושלים. דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן. איך בין אויסגעשטיגן פון צוג צוזאַמען מיטן „איידעם״. ער האָט זיך אומגעקוקט און געזוכט.

געזוכט און אַוועק ווייטער.

אויפן מאָדערנעם ירושלים׳ער וואָקזאַל האָט ער משיח׳ן נישט געפונען.

שווער צו זיין
אַ בריוו־טרעגער
אין ישראל

די פּאָסט אין ישראל איז די זעלבע פּאָסט ווי אויף דער גאַנצער וועלט, נאָר — מיט איין אונטערשיד: זי איז אַביסל... היימישער. ווען איר קומט אַריין אין אַ ישראלדיקער פּאָסט, כאַפּט אייך אַרום אַזאַ היימישקייט, ווי איר וואָלט אַריינגעקומען אין אַ הויז פון אַן אייגענעם וואו איר קענט ס'הויז־געזינט, איר קענט די באַלעבאָסטע, און איר קאָנט אפילו וויסן וואָס עס קאָכט זיך אויף מיטאָג.

מיט אַ טאָג פריער, איידער כ'בין געקומען צו פליען פון איטאַליע קיין ישראל, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויף דער הויפּט־פּאָסט פון רוים. האָט דער דאָרטיקער פּאָסט־אַמט מיט זיין גרויסשטאָטישן פּאַרנעם געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט צוליב דער היימישקייט און

משפּחה׳דיקער אַטמאָספערע, אין וועלכער מען פילט זיך דאָרט. ביי די לאַנגע טישן און שטולן, וואָס שטייען אויסגעשטעלט אינם גרויסן זאַל, טרעפט איר מענטשן, וואָס קומען ספּעציעל אַהין כאַפּן אַ דרימל; דער פּאָסט־אַמט איז אויך אַ טרעף־אָרט פאַר יונגע מיידלעך און בחורים, וואָס אַראַנזשירן דאָרט זייערע אַפּאָינטמענטס און ראַנדעוואוס. באַזונדערס היי־מיש האָב איך זיך געפילט צוליב דעם, וואָס צווישן פאַרשידענע בילדער אויף דער וואַנט פון דער פּאָסט אין רוים, האָב איך אויך געזען דאָס בילד פון ישראל־פּרעזידענט בן צבי. אמת טאַקע, דאָס בילד איז געווען אַרויסגעשטעלט פון אַ קאָמערציעלער געזעלשאַפט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט איבערשיקן ראַדיאָ־טעלעגראַפישע פאָטאָגראַפיעס פון איין לאַנד צום צווייטן. אָבער מיר האָט דאָס בילד ספּעציעל אימפּאָנירט, און נאָך מער פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון היימישקייט.

נאָר צו אַ ישראלדיקער פּאָסט קומט דאָס אַלץ נישט. דאָרט איז די היימישקייט גאָר אַן אַנדערע. כ׳בין אַריינגעגאַנגען צוזאַמען מיט אַ ישראלדיקן איינוואוינער אין אַן אָפּטיילונג פון אַ תל־אביבער פּאָסט. דער באַאַמטער האָט מיט אַ הויכן „שאָלאָם" באַגריסט מיין באַגלייטער און אים געפרעגט: „וואָס איז די מעשה, וואָס מ׳האָט אייך שוין אַזוי לאַנג ביי אונז נישט געזען?!"

ווען איך האָב באַזוכט צפת, בין איך אַרומגעגאַנגען פון איין היס־טאָרישער שול צו דער אַנדערער. איך האָב זיך אָנגעהערט מיט כלערליי לעגענדעס וועגן אר״י הקדוש, כ׳האָב מיך אָנגעזאַפּט מיט היסטאָרישער הייליגקייט, און דערנאָך, ווען כ׳בין אַריינגעגאַנגען אין פּאָסט, האָט דאָס מיידל, די באַאַמטין, גערעדט צו איינעם פון די קליענטן אויף פּויליש מיט אַ קראָקעווער אַקצענט.

אין אַ פּאָסט־אָפּטיילונג אין ירושלים האָב איך געטראָפן אין מיטן העלן טאָג פאַרמאַכט די טיר, און אַ שכן האָט מיר געזאָגט כ׳זאָל צו־וואַרטן אויפן באַאַמטן — ער איז אַרויסגעלאָפן אויף עטלעכע מינוט, ער קומט באַלד צוריק!...

אין תל־אביבער האָטעל, וואו איך האָב געוואוינט, האָב איך באַקומען צוגעשיקט אַ מעלדונג כ׳זאָל קומען אָפּנעמען אַ פּעקל אויף דער פּאָסט.

אינם פעקל איז געווען מיינס אַ מלבוש, וואָס כ׳האָב פאַרגעסן אין ירושלים, אין הויז פון מיינעם אַ פריינט. איך בין אָבער געווען פאַרנומען און נישט געהאַט קיין צייט צו קומען אויף דער פּאָסט אָפּנעמען דאָס פעקל. מיינער אַ קרוב אין תל־אביב האָט מיר דאַן געזאָגט: „גיב מיר די מעלדונג, — איך וועל דיר שוין ברענגען דאָס פעקל!״

„ווי אַזוי״, פרעג איך, „וועט מען דיר אויף דער פּאָסט אַרויסגעבן אַ פרעמד פעקל?״

„פרעג נישט קיין קשיות״, האָט ער מיר געענטפערט, „ביי אונז אויף דער פּאָסט איז מען היימיש!״

און ער האָט מיר טאַקע געבראַכט דאָס פעקל.

אָבער די אַלע „היימישע פאַקטן״ וואָס כ׳האָב דאָ דערמאָנט, שטערן גאָרנישט אַז די ישראל־פּאָסט זאָל אַרבעטן פּינקטלעך און לויטן אָנ־גענומענעם נוסח ווי יעדע אַנדערע פּאָסט אויף דער גאַנצער וועלט. פּרואווט אָוועקשיקן פון ישראל אַ בריוו, וואו ס׳איז אויפגעקלעפּט אַ מאַרקע אפילו מיט איין פּרוטה ווייניקער ווי דער טאַריף הייסט, וועט אייך דער בריוו גאַנץ שיין צוריקקומען מיט אַ סטעמפּל אויפן קאָנווערט: „צו־ווייניק פּאָסט מאַרקן״.

איר קאָנט אויך געפינען אויף אַ טייל בריוו נאָך אַ מין סטעמפּל פון דער ישראלדיקער פּאָסט — אַ סטעמפּל פון דער צענזור: „נפתח על ידי הצנזור״ (געעפנט דורכן צענזאָר).

איך אַליין האָב אויך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקומען אַזאַ געעפנטן בריוו בעת מיין באַזוך אין ישראל. איך האָב דערהאַלטן אין ישראל אַ בריוו פון מיינעם אַ פריינט אין ניו יאָרק, דעם שרייבער יחזקאל קייטעלמאַן, וועלכער בעט מיך אָפּצוגעבן אַ גרוס צו זיין ברודער צבי, אין אַ דערפל הינטער פתח תקוה. דער בריוו איז געוואָרן געעפנט און צוריק פאַרמאַכט דורך דער צענזור. איך האָב באַקומען אויך אַנדערע בריוו פון קאָלעגן־שרייבער, אָבער אַלע אַנדערע בריוו זיינען אַדורך אומבאַרירט, בשלום... מיך האָט פאַראינטערעסירט די דאָזיקע פּראָצעדור, און כ׳האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם. קיין קלאָרע אויפקלערונג האָב איך נישט

באַקומען. דער ענטפער איז בלויז געווען: „פרעגט נישט קיין קשיות, ווען ס'וועט קומען די צייט, וועט קיין צעגזור ביי אונז מער נישט זיין!"

אין די יום־טובדיקע טעג, בפרט פון ערב ראש השנה ביז הושענא רבה, דאַרף זיך די ישראל־פּאָסט ספּעציעל אונטערגאַרטלען. דעמאָלט איז דער הויך־סעזאָן. מען שיקט „לשנה טובה"־קאַרטן. אויף דער גאַנצער וועלט ווינשן זיך נישט אידן אַזויפיל, ווי מען ווינשט זיך אין ישראל. היינטיקס יאָר האָט די ישראל־פּאָסט צוגעגרייט אַן אַפּאַראַט אויף צו מאַכן אַן „אומזאַץ" פון אַן 8 ביז 10 מיליאָן ווינש־בריוו.

איך האָב אין די „סעזאָן־טעג" באַזוכט די הויפּט־פּאָסט פון תל־אביב און געזען ווי די אַרבעט האָט „געברענט אונטער די הענט". צענדליקער „פענסטערלעך" זיינען געווען באַלאַגערט פון מענטשן, וואָס האָבן געקויפט מאַרקעס און געשיקט ווינש־בריוו פאַרן לאַנד און פאַר אויסלאַנד. און די ווינשעוואַניעס „בכתב" זיינען בלויז געווען אַ צוגאָב צו די ווינשעוואַניעס וואָס זיינען געפלאָסן „בעל־פּה". איינער דעם צווייטן האָט נישט דורכ־געלאָזט אָן אַ ווינשעוואַניע. דער צייטונגס־פאַרקויפער האָט געוואונשן, דער קאָנדוקטאָר אויפן באָס האָט געוואונשן, קינדערלעך אויף דער גאַס האָבן זיך געוואונשן, און דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל פאַר אַריבערגיין שלעכט די גאַס, האָט נאָכן פאַרענדיקן דעם פּראָטאָקאָל געזאָגט צום באַשטראָפטן: „כאַטימאַ טאָוואַ" (אַ חתימה טובה), און דער באַשטראָפטער פאַרבייגייער האָט צוריקגעענטפערט: „גם אתם!"

אין דער ישראל־פּאָסט טרעפט איר אַ פאַרהעלטניסמעסיק גרויסן פּראָצענט פון רעליגיעזע באַאַמטע. איר זעט אַ סך אָנגעשטעלטע אין בערד און טייל אפילו מיט פאות. דאָס זיינען ס'רוב מיטאַרבעטער וואָס זיינען אַריינגעזעצט געוואָרן אין די פּאָסט־אַמטן אין די צייטן ווען דעם פּאָרטפעל פון פּאָסט־מיניסטעריום האָבן געהאַט די רעליגיעזע פּאַרטייען.

דער בריוו־טרעגער אין ישראל האָט נישט קיין לייכטע אַרבעט ביים פאַנאַנדערטראָגן בריוו. די אַדרעסן זיינען טיילמאָל קאָמפּליצירט און נישט באַקאַנט פאַרן בריוו־טרעגער. עס קומען אויף כסדר נייע שיכונים, און נעמען פון נייע גאַסן מערן זיך, אָן עין הרע, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן.

פאַראַן למשל, איצט אין תל־אביב אַזעלכע גאַסן, וואָס אפילו דער פּאָלי־ציאַנט און דער טעקסי־שאָפער קענען זיי נאָך נישט.

אָבער פאַרן ישראלדיקן בריוו־טרעגער איז נישטאָ קיין אומבאַקאַנטער אַדרעס אין לאַנד. און נאָך מער: ער געפינט טיילמאָל אויס אַדרעסן פון אַדרעסנלאָזע בריוו.

„חנן״, דער געוועזענער באַקאַנטער פאָלקס־טיפּ אויף דער אידישער גאַס אין ניו יאָרק, וועלכער האָט זיך אין די לעצטע יאָרן איבערגע־וואָרצלט אין ישראל, האָט מיר געוויזן אין תל־אביב אַ בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון ניו יאָרק. דער אַדרעס איז באַשטאַנען פון פיר ווערטער: „חנן — דער באַוואוסטער. תל אביב״.

לויט חנב׳ס מיינונג קומט אויס, אַז בלויז אַ דאַנק זיין נאָמען איז דער בריוו אָנגעקומען. אָבער דער אמת איז, אַז מען קאָן אויך געבן „אַביסל קרעדיט״ דעם ישראלדיקן בריוו־טרעגער פאַר מאַכן אַזאַ דזשאָב...

עס איז מיר באַקאַנט נאָך אַ פאַקט וואָס האָט אַ שייכות מיט דער אַרבעט פון דער ישראלדיקער פּאָסט: מיינער אַ חבר האָט געשיקט אַ בריוו פון תל־אביב קיין ירושלים. ער האָט אָנגעשריבן אויפן קאָנווערט דעם פולן אַדרעס, אָבער איין קליינעם טעות האָט ער געמאַכט: אַנשטאָט אויפשרייבן אויפן אַדרעס „ירושלים״, האָט ער אויפגעשריבן „תל־אביב״. וואָס איז געוואָרן? — דער בריוו איז טאַקע „געגאַנגען״ פיר טעג, אָבער ער איז אָנגעקומען קיין ירושלים.

בריוו־טרעגערס אין ישראל זיינען נישט פון די גרויסע פאַרדינערס. אָבער גרויסע לייענערס זיינען זיי יאָ. כ׳ווייס נישט ווי שטאַרק זיי לייענען ביכער, אָבער צייטונגען און זשורנאַלן לייענען זיי גאָר שטאַרק. איר זעט זיי, די בריוו־טרעגערס, אָפט ביי דער אַרבעט לייענען צייטונגען. צווישן איין הויז און צווייטן כאַפּט מען דערווייל אַ בליק אין אַ זשורנאַל, און „מ׳לויפט״ דערווייל דורך אַן אַרטיקל. אמת, פון די קליינע שכירות קלעקט נישט צו קויפן קיין זשורנאַלן, „באָרגט״ מען זיך אויס אַ זשורנאַל, וואָס מען צעטראָגט פאַר די קליענטן.

איך אַליין האָב געהאַט די געלעגנהייט צו אָבסערווירן די דאָזיקע

„ליטעראַרישע שוואַכקייט“ ביי די בריוו־טרעגער, און אַ חוץ דעם האָבן מיר אויך אַנדערע דערציילט וועגן דעם.

דער באַוואוסטער בעלעטריסט ש. בערלינסקי, וועלכער וואוינט זינט נאָך דער מלחמה אין ישראל, האָט מיר דערציילט וועגן אַ „קאָנפליקט“ אויפן „ליטעראַרישן באָדן“, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין בריוו־טרעגער. בערלינסקי איז זינט אַ לענגערער צייט אַן אַבאָנענט פון אַ זשורנאַל, וואָס ער באַקומט יעדע וואָך צוגעשיקט דורך דער פּאָסט. לעצטנס האָט זיך אָבער פאַרהאַקט די פּינקטלעכקייט, און ער האָט אָנגעהויבן צו באַקומען די זשורנאַלן מיט עטלעכע טעג שפּעטער. צוערשט האָט ער זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט. אָבער ווען ער האָט געזען, אַז די פאַרשפּעטיקונג ווערט וואָס אַמאָל גרעסער, האָט ער זיך שוין געוואָלט באַקלאָגן וועגן דעם אין דער פאַרוואַלטונג פון זשורנאַל.

די אָנקלאַגע איז אָבער נישט צושטאַנד געקומען. דער בריוו־טרעגער איז געקומען צו לויפן מיטן זשורנאַל און געבעטן ביי בערלינסקי׳ן אַנט־שולדיקונג: „איר וועט מיר מוחל זיין“, האָט ער געזאָגט, „וואָס כ׳האָב אייך מיט דעם־אָ נומער אביסל לענגער אויפגעהאַלטן! כ׳האָב געפונען אין לעצטן נומער פון אייער זשורנאַל עטלעכע אַזעלכע אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, אַז כ׳האָב זיי געמוזט דורכלייענען. איך ראָט אייך, איר זאָלט נישט דורכלאָזן די אַרטיקלען! אָט דאָ האָט איר זיי!! כ׳האָב געמאַכט אַ סימן, כ׳האָב זיי אונטערגעשטראָכן מיט אַ בליישטיפט!“

איר שפּילט אייך מיט ישראלדיקע בריוו־טרעגער? — אָט אַזוי זיינען זיי. אַ געזונט אויף זיי!

אַן אינטערוויו
— דורכן פענצטער

ד עם אינטערוויו האָב איך געמאַכט דורכן אָפֿענעם פענצטער פון מיין האָטעל־צימער אין תל־אביב.

איך האָב מיך דורכגעשמועסט מיט אַ ישראלדיקן מויערער, וואָס האָט געלייגט אַ ציגל צו אַ ציגל פון אַ נייער געביידע.

איך האָב אַריבערגעשריגן צו אים מיינע פראַגעס, און ער האָט צו מיר צוריקגעשריגן זיינע ענטפערס.

געווען אַמאָל אַ צייט אין ישראל, — ספּעציעל אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן, — ווען מ׳האָט געטראָפן דיפּלאָמירטע אינטעליגענץ אין די רייען פון די בוי־אַרבעטער.

דאָס איז געווען אין די צייטן ווען אידישע דאָקטוירים און אַדוואָ־

קאַטן פון דייטשלאַנד זיינען געקומען קיין ישראל און האָבן דאָרט פאַר־פאַקט זייערע מעדיצינען און קאָדעקסן, און זיך אַ נעם־געטאָן צו „שוואַר־צער אַרבעט" פון טראָגן ציגל, קאַלך און צעמענט.

נאָך היינט געדענקט מען ווי מ'האָט זיך אַמאָל געוויצלט אויפן חשבון פון יענע „פריש־געבאַקענע" מויערער, וואָס זיינען געשטאַנען ביי די בוי־געביידעס, זיך קעגנזייטיק דערלאַנגט ציגל, און זיך גערופן מיט די אוניווערסיטעט־טיטלען: „ביטע, הער דאָקטאָר! דאַנקע שען, הער דאָקטאָר!", ביטע, הער דאָקטאָר! דאַנקע שען, הער דאָקטאָר!"...

אַוודאי איז מען שוין אַוועק אין ישראל פון יענער צייט. די לאַגע איז שוין נישט מער די זעלבע. דאָקטוירים האָבן היינט זייער אַרבעט אין שפּיטאָלן, און מויערער האָבן זייער אַרבעט אויף די מויערן. אָבער נישט געקוקט דערויף, וועט איר נאָך אפילו היינט, אין די רייען פון די „פּראָסטע" מויערער אין ישראל, געפינען אַ סך אַזעלכע, וואָס קאָנען די קליינע אותיות'לעך; וואָס געדענקען אַ בלעטל גמרא; וואָס קאָנען נאָך פון אויסנווייניק אַ קאַפּיטל „פּאַן טאַדעאוש" פון מיצקעוויטש'ן, אָדער אַ לאַטיינישן פּסוק פון אָווידיוש.

ס'איז גאָרנישט פון די גרויסע סענסאַציעס, איר זאָלט טרעפן אַ מויערער אויף די ישראלדיקע בוי־געביידעס, וואָס זאָל אַריינקוקן, — בעת לאָנטש־צייט, — אין אַ תנ"כ'ל. מיט איין האַנט מישט ער די בלעט־לעך, און מיט דער צווייטער האַנט פירט ער צו דעם סענדוויטש צום מויל...

און וויַיזט־אויס, אַז די קליינע אותיות'לעך זיינען אַ סגולה פאַר דער פּראָדוקציע, און זיי ברענגען אַריין אַ ברכה אין דער ישראלדיקער בוי־באַוועגונג.

איך האָב מיך אַביסל צוגעקוקט, ווי אַזוי הייזער ווערן דאָרט געבוירן.

אָט זעט איר היינט אַ ליידיקן פּלאַץ; צומאָרגנס איז שוין דער פּלאַץ פאַרלייגט מיט צעמענט און מיט ציגל; עטלעכע טעג שפּעטער איז שוין דאָ אַ פונדאַמענט, און, איידער איר קוקט זיך אום, — האָט איר שוין אַ פאַרטיקן „סקעלעט" פון אַ פיר־פינף אָדער זעקס־שטאָקעדיקער גע־

ביידע. נאַטירלעך, אַז בלויז דער „דרויסן" איז דערוויל פּאַרטיק, — דאָס איבעריקע נעמט אַ ריי חדשים.

אויבנאויפיק דאַכט זיך איך, אַז די אַרבעט גייט־צו פויל און שליאַ־בעריק. עפּעס זעט איר ווי צוויי פאַרשלאָפענע אידן קומען יעדן פאַר־טאָג צו דער אַרבעט, און „שפּילן" זיך אָפּ ביז זון־אונטערגאַנג מיט לייגן איין ציגל אויפן אַנדערן. אָבער אין עטלעכע טעג אַרום זעט איר, ווי פונם דאָזיקן שפּילן זיך האָט זיך דערוויל „אויסגעשפּילט" אַ הויז, — איין גאָרן איז אַרויסגעוואַקסן אויפן אַנדערן.

ווען איך האָב צום ערשטן מאָל אַרויסגעקוקט פון פענצטער פון מיין האָטעל־צימער אין תל־אביב, האָב איך געזען ווי צוויי מויערער הייבן זיך אָן פאַרען ביים שטעלן אַ נייע געביידע. איך האָב פון דעמאָלט־אָן געפלעגט יעדן פרימאָרגן צוגיין צום פענצטער און אַ קוק־טאָן, ווי „מיר" האַלטן שוין מיט דער געביידע. אין די ערשטע טעג פון מיין וואוינען אין האָטעל, האָב איך געדאַרפט אַראָפּקוקן צו די מויערער. מיט אַ וואָך שפּעטער האָבן די מויערער שוין צו מיר אַראָפּגעקוקט.

דער נייער מויער האָט איבערגעיאָגט מיין האָטעל־צימער!

דוכן פענצטער האָב איך געכאַפּט אַ שמועס מיט איינעם פון די מויערער.

ער האָט אויסגעזען אין די הויכע פערציקער, געהאַט אַ שטאַרק אָפּגעברענט פּנים און האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ יאַרמולקע. כ'האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די יאַרמולקע, וואָס ער טראָגט איז נישט אַזוי ווייט צו באַשיצן דעם שולחן־ערוך, ווי — צו באַשיצן דעם קאָפּ פון דער הייסער זון.

— שאַלאָם, ר' איד! — האָב איך צו אים אַריבערגעשריגן.

— שאַלאָם ובראַכאַ! — האָט ער צוריקגעשריגן.

— וואָס מאַכט אַ איד?

— איר זעט דאָך, — מען מאַכט הייזער! עץ זענט אַ טוריסט?!

— יאָ, אַ טוריסט!!

— אַמעריקע?

— יאָ, אַמעריקע!

— שלום עליכם!

— עליכם שלום!

— עץ זענט אפשר פון מעמפיס?

— ניין, פון ניו יאָרק! פאַרוואָס פרעגט איר אויף מעמפיס?

— ווייל איך האָב דאָרט אַ שטיקל קרוב!

— פאַרזיכטיק ר׳ איד! בויגט אייך נישט אַזוי אַריבער צו מיר! ס׳איז געפערלעך!

— געפערלעך־שמערלעך... אַז איך האָב נישט קיין מורא, וואָס האָט א י ר מורא?!... איך בין פאַרזיכערט! טאָמער פאַל איך אַראָפּ, וועט מיין ווייב נישט ליידן קיין עוולה, — איך וועל זי מאַכן פאַר אַ גביר׳טע!... אַ מויערער אין ישראל, שרעקט זיך נישט פאַר אַראָפּפאַלן! ער האָט נישט מורא פאַר די ערד, — ער האָט מורא פאַרן הימל. די זון ברענט און בראָט און מען מוז היטן דעם קאָפּ, — ס׳איבעריקע איז גאָרנישט! אָן אַ קאָפּ, קענט איר נישט האַלטן דעם האַמער אין דער האַנט!

— פון וואַנען זענט איר ר׳ איד?

— קיין סאַבראַ בין איך נישט! איך בין אַ פּוילישער! איך בין דאָ אין לאַנד פון נאָך דער מלחמה־אָן!

— פון וואָס פאַר אַ פאַך זענט איר געווען אין פוילן?

— קיין מויערער זיכער נישט! ביי אונז אין פוילן זיינען קיין אידן נישט געווען קיין מויערערס. מען האָט זיי נישט פאַרגינען ס׳גליק! דאָס גאַנצע פאַך איז דאָרט איינגעשטאַנען ביי וואָיטעק׳ן און ביי אַנטעק׳ן. מאָלט אייך, אַז איך בין ביז צו דער מלחמה געווען אַ מאַנופאַקטור־סוחר, — איך האָב געהאַט אַ שניט־קראָם אין לאָדזש, אויף נאָוואָמיעיסקע גאַס נומער זעקס. און גלויבט מיר, ס׳איז מיר היינט ליבער צו שטיין אין מיין מדינה אויף אַ פרעמדן דאַך, איידער דעמאָלט — אין אַ פרעמדער מדינה אין אַן אייגן געשעפט!

— און ווער האָט אייך אויסגעלערנט ס׳פאַך?

— סטאַלין האָט עס מיך אויסגעלערנט אין די לאַגערן!

— און פּרנסה האָט איר?

— געלויבט צו גאָט. איך באַקלאָג מיך נישט. אַ מויערער איז אַ גוט פאַך אין ישראל. מען קאָן דערביי פאַרדינען פון 7 ביז 12 פונט אַ טאָג, און אַזוי ווי איך בין אַ גוטער בעל־מלאכה, פאַרדין איך מיר טאַקע מיינע 12 פונט אַ טאָג! איך האָב מיך שנעל אויסגעלערנט דעם אלף־בית! איר ווייסט, וואָס איך מיין „אלף־בית"? — אייזן־בעטאָן!...

— ווי פאַרברענגט איר די אָונטן, — איר גייט אַמאָל אין אַ טעאַטער?

— וואָדען?! וואָס זאָל איך טאָן מיטן געלט?!

— צייטונגען לייענט איר?

— עפּעס פרעגט איר קלאָץ־קשיות! וועלכער איד אין ישראל לייענט נישט קיין צייטונגען? איך לייען צוויי צייטונגען אַ טאָג! אַ העברעאישע צייטונג לייען איך, ווייל איך וויל וויסן, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, און אַ אידישע צייטונג לייען איך, ווייל איך וויל האָבן אַ הנאה!

— איר געהערט עפּעס צו אַ פּאַרטיי?

— כ'בעט אייך, לאָמיר רעדן וועגן פריילעכערע זאַכן!...

דער צאַפּלדיקער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן נאָכדעם, ווי אויף דער „רושטאָוואַניע" האָט זיך באַוויזן אַ מאַן, וועלכער האָט זיך גענומען אַרומקוקן, וואָס עס טוט זיך ביי דער אַרבעט. ווען דער מאַן איז צוריק אַוועק, האָט דער מויערער ווידער אַריבערגערעדט צו מיר אין פענצטער, אָבער דאָסמאָל — שוין מיט אַ שטילערן טאָן.

— דאָס איז געווען מיין קבלן (אונטערנעמער), און אַז ער איז דאָ, רעדט מען נישט. ער האָט פיינט צו צאָלן געלט פאַר ריידן. אַז ער צאָלט געלט, וויל ער די אַרבעט זאָל זיין אָנגעלייגט! נו?! איר ווייסט שוין אַלץ? איצט דערציילט איר עפּעס! קיין ראקעפעלער שטויס איך מיך אָן, זענט איר זיכער נישט; אַ סברא אַז נישט אַלע אַמעריקאַנער זיינען מיליאָנערן?

— אוודאי נישט!...

— וואָס־זשע זענט איר פון פאַך?

— אַ שרייבער!!

— אַ שראַבאָ?! ס׳האָט מיך שוין גוט געטראָפן! אַלץ — מיין גרויס מויל!... כ׳בעט איך, באַשרייבט מיך מיט רחמים! לייגט גאָרנישט צו!

* * *

ניין, איך האָב גאָרנישט „צוגעלייגט״! איך האָב דאָ איבערגעגעבן דעם ווערטלעכן שמועס.

אַזוי האָב איך אים געזען, דעם ישראלדיקן מויערער!

די ישראל'דיקע
„עמפּאַיר סטייט בילדינג"

עס האָט מיך געלאָקט צו זען דעם „אינעוויייניק" פון העכסטן הויז אין תל־אביב. דעם „דרויסן" פון הויז האָב איך כסדר געזען ווען איך בין געווען אין שטאָט.

איך מיין דאָ — די ועד־הפועל־געביידע, דאָס הסתדרות־הויז, אָדער ווי מען רופט עס דאָרט — די „עמפּאַיר סטייט" פון תל־אביב.

אוודאי האָט זיך נאָך דערווייל דאָס הסתדרות הויז נישט אַרויפגעאַרבעט צו דער מדרגה פון 102 שטאָק, ווי אונזער ניו יאָרקער עמפּאַיר סטייט בילדינג. דערווייל האָט דאָס הויז נישט מער ווי זיבן שטאָק. אָבער די דאָזיקע זיבן שטאָק זעען זיך, אָן עין הרע, אַזוי אָן, אַז אין וועלכער געגנט אין תל־אביב איר געפינט זיך — קוקט צו אייך די געביידע אַריבער.

און נישט נאָר עס איז דאָס העכסטע הויז אין שטאָט, נאָר אויך — דאָס פּאָפּולערסטע. איך ווייס נישט צי ס׳איז דאָ נאָך איין געביידע אין לאַנד, וואָס זאָל זיך האָבן דערוואָרבן אַזאַ שרייענדיקע „פּובליסיטי״, ווי דאָס דאָזיקע הויז האָט זוכה געווען.

דאָס הויז איז געבויט געוואָרן ביי דער באַגלייטונג פון אַ כאָר פון שאַרפער קריטיק. מ׳האָט געהאַט טענות, וואָס מען שאַסטעט מיט געלט אויף בויען אַ פּאַלאַץ, און מען לייגט אַריין אַ פאַרמעגן אין ווענט פון מאַרמאָר.

פיר יאָר האָט גענומען דאָס בויען די געביידע; און וואָס העכער ס׳איז געוואָרן די געביידע, אַלץ העכער איז געוואָרן דער באַרג פון פּראָטעסטן, פּליאַטקעס און וויצן אויפן חשבון פון הויז און פון אירע איניציאַטאָרן.

און די פּראָטעסטן זיינען געקומען נישט בלויז פון דרויסנדיקע „פּראָפעסיאָנעלע אָפּאָזיציאָנערן״, נאָר — טאַקע אויך פון אַ טייל פּראָמינענטע מיטגלידער פון דער מפא״י־משפחה גופא. אפילו בן גוריון האָט נישט באַהאַלטן זיין קעגנערשאַפט צום דאָזיקן לוקסוס־אינוועסטמענט. בעתן פייערלעכן חנוכת־הבית, האָט ער, בן־גוריון, געזאָגט צווישן אַנדערעס: „ווען איך בין אַ מיטגליד פון ועד הפועל, וואָלט איך דאָס נישט דערלאָזט״.

אָבער איצט ווען דער „פּאַלאַץ״ איז שוין אַ געשעענער פאַקט, און בערך 400 מיטאַרבעטער האָבן פאַרלייגט זייערע געצעלטן אין די דאָרטיקע צימערלעך, און 500 טויזנט מיטגלידער (מיט פאַמיליעס — 800 טויזנט נפשות) ווערן באַדינט, און די אַרבעט איז קאָנצענטרירט אויף איין אָרט און גייט מיט דער גאַנצער פאַרע — איצט איז די שאַרפע קריטיק־אָפּענסיווע כמעט ווי פאַרשוואונדן.

די אַמאָליקע מעסיקע קעגנער פון הויז, זיינען איצט — נייטראַל. מ׳האָט זיי שטיל־געמאַכט מיטן באַווייזן שוואַרץ אויף ווייס, אַז דאָס „גאַנצע״ הויז וואָס האָט אָפּגעקאָסט איין מיליאָן מיט 250 טויזנט פונט, האָט אייגנטלעך — לויט דער אונטערשטער שורה — נישט געקאָסט מער ווי 150 טויזנט פונט, ווייל פאַר די אַלטע בנינים וואו די הסתדרות־אַרבעט

איז פריער געפירט געוואָרן, האָט מען אָפּגענומען מער ווי אַ מיליאָן פונט.

די עקסטרעמע קעגנער זיינען אָבער ווייטער געבליבן קעגנער, און זיי באַנוצן דאָס „הויז" ווי אַ וואָפן אין דער פּאַרטייאישער פּראָפּאַגאַנדע. בעת די לעצטע וואַלן אין ישראל האָט די ועד־הפועל געביידע געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין דער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור.

עס ליגט פאַר מיר איצט אַן אַמעריקאַנער דאָלאַר־ביל, איינער פון די טויזנטער איינציקע דאָלאַר־בילס, וואָס די „חירות"־פּאַרטיי האָט געוואָרפן אויפן מאַרק, בעת די לעצטע כנסת־וואַלן אין ישראל.

און טאָמער וויל עמיצער פרעגן: „ס'טייטש?!! טאַקע געוואָרפן דאָלאַרן ממש אין די גאַסן?!" וויל איך צוגעבן איין קליינע באַמערקונג: די דאָלאַרן זיינען נישט געווען הונדערט פּראָצענט פּינקטלעך, טאַטש ווי'טאַטש ווי מען דרוקט זיי אין דער ערשטער האַנט, אין וואַשינגטאָן. עפּעס איז אויפן באַנקנאָט געווען אַנדערש. און דער „עפּעס" איז געווען אַנזעעוודיק אויף ביידע זייטן פונם דאָלאַר. אויף דער פאָדערשטער זייט פון דאָלאַר זיינען אָפּגעדרוקט, מיט גרויסער שריפט, צוויי ווערטער: „לאָן נעלם?" — ס'הייסט, וואו איז ער פאַרשוואונדן דער דאָלאַר?! און אויף דער אַנדערער זייט פון דאָלאַר זעט מען אילוסטרירטע מעברות, באַראַקן וואו די נייע עולים וואוינען, און בשכנות פון די באַראַקן זעט מען פאָטאָגראַפירט דעם פּרעכטיקן פּאַלאַץ וואָס די הסתדרות האָט אויפגעבויט.

און אַזוי אַרום האָט די „חירות" גענומען צו־הילף דאָס „הויז" צום וואַל־קאַמפּעין...

ווען איר קומט אָבער אַריין אין הויז, און איר באַקענט אייך מיט דער דאָרטיקער פאַרצווייגטער אַרבעט, נעמט ניט לאַנג איר זאָלט אייך איבערצייגן, אַז דאָס הויז איז שטאַרקער פון יעדער פּראָפּאַגאַנדע און קאַניוקטור־קריטיק.

בערך אַ האַלבן טאָג האָב איך פאַרבראַכט אין דער פּרעכטיקער הסתדרות־געביידע. אינם שפּאַציר האָט מיך באַגלייט מיין פריינט, דער

שריפטשטעלער און ציוניסטישער אַרבעטער־טוער דר. ש. יוריס, ווערכער פילט זיך אין הויז ווי אַ גאַר נאָענטער מחותן.

— לאָזט נישט דורך, — האָט ער מיר כסדר דערמאָנט, — קיין איין ווינקעלע, ווייל יעדעס ווינקעלע איז ווערט אַ פאַרמעגן!

און ס׳איז גאָרנישט קיין גוזמא, וואָס דר. יוריס האָט מיר געזאָגט. איר טרעפט גראָד אין די ווינקלען פון די מיט מאַרמאָר־אויסגעפלאַסטערטע קאָרידאָרן, אַזעלכע אומשולדיקע סקולפּטורן, וואָס זיינען דוקא פון אַ גאָר הויכער ווערט. אָבער לאָמיר איצט איבערלאָזן די ווינקלען אַן אַ זייט...

די פּרעכטיקע וועד־הפועל געביידע געפינט זיך אויף אַרלאָזאָראָוו גאַס 93. די גאַנצע געביידע באַשטייט אייגנטלעך פון בלויז פענסטער, און עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז די שטיקלעך ווענט וואָס געפינען זיך צווישן איין פענסטער און דעם אַנדערן, האָבן זיך „אַריינגעכאַפּט" צופעליק, על פי טעות. דער סטיל פון הויז איז אָבער נישט קיין צופעליקער, ער איז קאָפּירט אַזש פון בראַזיל. מען זאָגט, אַז דאָס הויז איז אַ קאָפּיע פון דער געביידע פון מיניסטעריום פאַר פינאַנסן און קולטור אין ריאָ דע זשאַנעירא.

ווען איר קומט אַריין אינעווייניק, אין דער געביידע, זעט איר לאַנגע קאָרידאָרן און פון ביידע זייטן פון די קאָרידאָרן — אַ ים מיט צימערלעך, געבויט לויט אַ האָטעל־סיסטעם. די צימערלעך זיינען פאַרנומען דורך די באַאַמטע פון כל׳ערליי דעפּאַרטמענטס. אויף די טירן פון יעדן צימער געפינען זיך וויזיט־קאַרטן מיט די נעמען פון די פקידים, וואָס אַרבעטן דאָרטן. מערסטנטייל טרעפט מען צוויי באַלעבאַטים אויף אַ צימער.

עס וואַרפט זיך אין די אויגן די גרויסע זאַל „האָלס" וואָס דינען ווי וואַרט־פּלעצער פאַר קליענטן. די דאָזיקע פּלעצער זיינען באַקוועם און לופטיק. מ׳האָט, ווייזט אויס, באַלד ביים בויען פאָראויסגעזען, אַז עס וועט אויסקומען די קליענטן צו וואַרטן, האָט מען זיי דעריבער באַוואָרנט, אַז זיי זאָלן וואַרטן מיט באַקוועמלעכקייטן.

די מאַרמאָר־ווענט זיינען אויסדעקאָרירט מיט קינסטלערישע מאָלע־רייען. ביידע — סיי דער מאַרמאָר־רויטשטאָף און סיי די מאָלערייען, —

זיינען תוצרת הארץ. די עלעוועיטאָרס זיינען אַ מתנה פון געווערקשאַפטן קאַמפּעין.

איך האָב באַמערקט אַן איין און איינציקע מזוזה צווישן אַלע צימערלעך, וואָס זיינען אָקופּירט פון די „פּרייע״ באַאַמטע — די מזוזה געפינט זיך אויף דער טיר פונם צימער וואָס געהערט צו דר. יוריס.

די באַאַמטע פון הסתדרות־הויז אַרבעטן זומער־צייט פון האַלב נאָך זיבן ביז אַ פערטל נאָך צוויי. ווינטער־צייט, פון אַכט ביז אַ פערטל נאָך פיר. אין דער הפסקה עסן די באַאַמטע אין זייער רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אין דער געביידע. מען קריגט דאָרט פון כל טוב און די פּרייזן זיינען באַדייטנד ביליקער ווי פּשוטע בשר ודם׳ס דאַרפן צאָלן אין שטאָט. אַחוץ די מיטאָגן אין רעסטאָראַן, סערווירט מען צוויי מאָל אַ טאָג טיי פאַר די באַאַמטע. די טיי ווערט „דעליווערט״ דירעקט צום אַרבעטס־צימער פון באַאַמטן.

אין משך פון אַכט און צוואַנציג יאָר זיינען די געהאַלטן פון אַלע הסתדרות באַאַמטע געוועזן פּראָפּאָרציאָנעל גלייך. אין די לעצטע צוויי יאָר זיינען איינגעפירט געוואָרן שכירות — לויט קאַטעגאָריעס.

אין יעדן שטאָק פון הויז איז די סביבה אַן אַנדערע. אויף איין שטאָק קאָכט און זידט, און אויף אַן אַנדער שטאָק איז שטיל, ווי מ׳וואָלט געשלאָפן . . .

אויפן ערשטן שטאָק געפינט זיך דער טעכנישער אַפּאַראַט פון הויז — די ביוראָ־אָפּטיילונג. ווען איך בין אַריין אין גרויסן זאַל פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג, האָב איך געטראָפן אַ סימפאָניע פון קלאַפּענדיקע שרייב־מאַשינען. דרייסיק מיידלעך זיצן איבער די מאַשינען און קלאַפּן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן. פיר מאַשאַניסטקעס שרייבן אידיש.

דער צווייטער שטאָק איז אָקופּירט פון בלויז פרויען. איר וועט דאָ קיין איין מאַנסביל־באַאַמטן נישט געפינען. אגב, רופט מען דעם דאָזיקן שטאָק — „דער מולען רוזש פון דער הסתדרות״.

די „ראָזשינקע״ פון דער גאַנצער געביידע איז דער זיבעטער שטאָק. אינם דאָזיקן שטאָק האָט מען אַריינגעלייגט דאָס גאַנצע „דאָברע מזל״.

דער דאָזיקער שטאָק יאָגט איבער אַלע אַנדערע מיט פּראַכט און גלאַנץ און לוקסוס. ס׳איז אַ סברא אַז די גאַנצע קעגנערשאַפט פונם הסתדרות הויז שפּאַרט זיך אָן טאַקע אויפן זיבעטן שטאָק. דער לוקסוס פונם דאָזיקן הויז רייסט־אויף די אויגן ביי די קעגנער, און די איבעריקע שטאָקןליידן נעבעך פאַר די „זינד" פון לוקסוסדיקן זיבעטן שטאָק.

דאָרט־אָ, אויף דעם שטאָק, געפינט זיך אַ לוקסוס־טעראַסע פאַר אויפ־נעמען הויכגעשטעלטע אויסלענדישע געסט. דאָרט געפינט זיך דער ריזי־קער זאַל, ווי די „ענגע עקזעקוטיווע" האַלט אָפּ אירע זיצונגען און האָט אַלע באַקוועמלעכקייטן, כמעט ווי אַ זיצונג־זאַל אין דער יו־ען. איך האָב מיך נאָכגעפרעגט וויפיל פלעצער עס זיינען פאַראַן ביים „רונדן טיש" פון זאַל. מ׳האָט מיר נישט געקאָנט געבן קיין פּינקטלעכן ענטפער. גראָד איז אַריינגעקומען די אויפראַמערין פון זאַל און זי האָט אַרויסגעהאָלפן מיט אַן ענטפער — עס איז פאַראַן דאָרט 71 פּלעצער.

איידער מיר גייען אַרויס פון זיצונג־זאַל, איז נאָך כדאַי צו כאַפּן אַ בליק אויפן סופיט. אַזאַ אויסגעשטערנטן סופיט מיט עלעקטרישע לאָמפּן האָב איך אין ישראל נישט געזען.

אויפן זיבעטן שטאָק איז פאַראַן אַ פּרעכטיקער האָל ספּעציעל פאַר רכילות. מען רופט טאַקע דעם האָל — די „רכילות קולואַרן". איך וויל נישט, חלילה, טרייבן קיין רכילות, אָבער דער דאָזיקער זאַל איז אַזוי לוקסוסדיק, אַז ער בעט זיך ממש אַז מ׳זאָל פּראַווען רכילות!

מ׳האָט מיר אָנגעוויזן אויפן צימער פון נאמיר, דעם גענעראַל־סעק־רעטאַר פון הסתדרות. אייגנטלעך דאַרף מען זיך פריער מעלדן איידער מען קומט אַריין צו נאמיר׳ן, אָבער אַזוי ווי ער ווייסט נישט, אַז איך בין דאָרט געווען, וועט ער מיר זיכער מוחל זיין איצט, ווען ער וועט זיך דערפון דערוויסן.

עס איז אַזוי אויסגעקומען אַז איך בין אַריין אין נאמיר׳ס צימער דורך דער הינטערשטער טיר, וואו מען גייט שוין אַרויס. און אַרויס בין איך פון צימער מיט דער פאָדערשטער טיר, דורך וואַנען מען דאַרף אַריינקומען, נאָכן מעלדן זיך פריער, ביי דער סעקרעטאַרשע. די סיבה

פון מיין אַריינגיין אין גענעראַל סעקרעטאַר׳ס צימער אָן אַ מעלדונג, איז נישט, חלילה, צוליב חוצפה פון מיין זייט. די סיבה איז אַן אַנדערע: איך האָב געוואוסט, אַז נאַמיר איז געווען פאַרנומען מיט קלייבן אַ נייע רעגירונג און ער אַמטירט נישט אין דעם טאָג ביי זיין שרייבטיש.

איך האָב אַלזאָ נאַמיר׳ן נישט געזען, אָבער זיין אַרבעטס־צימער האָב איך יאָ געזען. נאַמיר׳ס צימער איז אויסגעשטאַט אַזוי ווי עס אַנט־שפּרעכט פאַר אַ הויכן באַאַמטן פון אַזאַ ריזיקער באַוועגונג. דאָס צימער איז באַצירט מיט קינסטלערישע סקולפּטורן, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר דעם פּרעזידענט בן צבי, בן גוריון און שפּרינצאַק. אַן אָנגעזען אָרט צווישן די אַנדערע בילדער פאַרנעמט אויך די סקולפּטור, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ העלד פון די יוגאָסלאַווישע פּאַרטיזאַנען. ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, איז דאָס דאָזיקע קונסט־ווערק אַ מתנה פון דער יוגאָסלאַווישער אַרבעטער באַוועגונג.

אַ גרויסע ביבליאָטעק־שאַנק פאַרנעמט איינע פון די ווענט פון צימער. איך האָב געכאַפּט אַ בליק וואָס עס טוט זיך אין דער ביבליאָטעק. איך האָב דאָרט געזען די רוקענס פון אַזעלכע ביכער ווי: יעווורעיסקאַיאַ ענ־ציקלאָפּעדיאַ, אידישע געשיכטע פון דובנאָוו, און ווערק וועגן זוהר און רמב״ם.

אויפן שרייבטיש פון גענעראַל סעקרעטאַר האָב איך געטראָפן: בלומען, אַ גלאָבוס, אַ תנ״ך און נאָך עטלעכע אַנדערע ביכער.

ווען איך האָב מיך אָנגעזעגנט מיט נאַמיר׳ס צימער, האָב איך מיך געמאָלדן — ווי שוין פריער דערמאָנט, — צו דער סעקרעטאַרשע. איך בין, נאַטירלעך, געווען אַן אומגעריכטער גאַסט, ווייל איך בין אַריינגעפאַלן נישט דורך דער ריכטיקער טיר. אין זכות פון מיין זשורנאַליסטיק, האָט מיר אָבער די סעקרעטאַרשע מוחל געווען און מיט מיר אפילו געהאַט אַ שמועס און מיר געגעבן אַלע אינפאָרמאַציעס, וואָס איך האָב געבעטן.

די סעקרעטאַרשע, ריקאַ גרובערגער, אַרבעט שוין פינף יאָר אויף איר אַמט. זי שטאַמט פון טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. זי באַזיצט עטלעכע שפּראַכן, און די אַלע שפּראַכן באַנוצט זי ביי איר אַרבעט. „אפילו די

העברעאישע שפּראַך", האָט זי מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל, „קומט מיר אויך צוניץ אויף מיין אַמט!"

„און אידיש?" האָב איך געפרעגט, „קומט אייך אויס צו באַנוצן?"

„גאָר אָפּט", ענטפערט זי מיר, „קומט מיר צוניץ מיין אידיש!"

איך בין מיט שטאָלץ אַוועק פון דער הסתדרות געביידע, ווען איך האָב געהערט, אַז אין דער העברעאישער פעסטונג איז אונזער מאַמע לשון אויך אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

אין אַ מעברה —
ביי אַ פאַמיליע־טיש

די צאָל „מעברות", — ווי מען רופט אין ישראל די איבערגאַנגס־לאַגערן פאַר נייע עולים, — ווערט כסדר קלענער.

די אַלטע באַראַקן ליקווידירן זיך אַליין, אָדער זיי ווערן ליקווידירט.

אין דער זעלבער צייט, ווען די ישראל־רעגירונג האָט צו טאָן מיט גרויסע דאגות, ווערן אויך די קלענערע דאגות נישט פאַרנאַכלעסיקט. מען זאָרגט וועגן איבערטראָגן די פריערדיקע עולים אין מענטשלעכע וואוינונגען, און די נייע עולים ווערן שוין זינט אַ לענגערער צייט נישט באַזעצט אין קיין אַלגעמיינע באַראַקן. גלייך פון דער שיף „גייען" די נייע עולים אין נגב און בויען זיך דאָרט אַליין אויף הייזקעס פון בוי־מאַטעריאַלן, וואָס זיי באַקומען צוגעטיילט.

אָבער פונדעסטוועגן, ווען איר מאַכט אַ רייזע איבערן לאַנד, טרעפט איר נאָך איצט אויך, — דאָ און דאָרט, — גענוג פּלעצער, וואָס זיינען פאַרזייט מיט הילצערנעביידלעך און „בלעכענע פּושקעס".

ווען איר קוקט אייך צו פונדערווייטנס צו די דאָזיקע באַראַקן־פּלעצער, זעען זיי אויס ווי פליגן — אויף פליגן פּאַפּיר. און ווען איר קומט צו נאָענט, איז די אַנטוישונג נישט קיין גרויסע, — פליגן, וואָס ראַיען אַרום די באַראַקן, קומען אייך אַקעגן „מקבל פּנים" זיין.

וויפל נפשות „וואוינען" נאָך היינט אין די מעברות?

איך האָב מיך פאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער פראַגע, אָבער ליידער האָב איך קיין קלאָרן ענטפער נישט באַקומען. די ציפערן, וואָס איך האָב צונויפגעזאַמלט, לעבן נישט צווישן זיך בשלום. טייל זאָגן, אַז היינט צו טאָג זיינען נאָך פאַראַן אין די מעברות — זיבעציק טויזנט נפשות; אַנדערע זאָגן — הונדערט טויזנט, און אַנדערע זאָגן — נאָך מער. אַ סברא, אַז דער נאָענטסטער ציפער צום פּאַקטישן מצב ליגט צווישן זיבעציק טויזנט און הונדערט טויזנט.

איך האָב געהאַט די „פּריווילעגיע" צו באַזוכן אַ מעברה, נישט ווי אַ זשורנאַליסט, וואָס קומט אָנקוקן און פאַרשרייבן, נאָר — ווי אַ גאַסט ביי אַ פאַמיליע־טיש.

בעת מיין באַזוך אין ישראל האָב איך מיך דערוואוסט, אַז אין אַ מעברה, נישט ווייט פון תל־אביב, וואוינען מיינע קרובים, — אַ פּאָר־פאָלק מיט צוויי קינדער, אָפּגעראַטעוועטע פון די נאַצישע רוצחים.

די קרובים האָבן מיך איינגעלאַדן אויף מיטאָג אין זייער היים. — אין איינער פון די פינף הונדערט הילצערנע הייזקעס און בלעכענע פּושקעס, וואָס זיינען קאָנצענטרירט צוזאַמען און בילדן דעם לאַגער ג׳ליל, הינטער תל אביב, בשכנות פון הרצליה און כפר סבא.

— קום צו אונז, — האָבן זיי מיר געזאָגט, — און מיר וועלן עסן צוזאַמען מיטאָג. מיר פאַרנעמען נישט קיין גרויסע דירה, אָבער מיר׳ן זיך פאַמעשטשען! מיר וואוינען טאַקע אין אַ מעברה, אָבער מיר הונגערן נישט חלילה!

און גראָד איז אויסגעפאַלן אַזוי, אַז אינם זעלבן טאָג, וואָס איך בין

געווען איינגעלאַדן אויף מיטאָג אין דער מעברה, האָב איך אויך געהאַט אַן איינלאַדונג צו קומען אויף מיטאָג צו נאָענטע פריינט, וואָס וואוינען אין אַ לוקסוס־דירה אין צענטער פון תל־אביב, — ממש אין אַ פּאַלאַץ.

די מעברה האָט אָבער באַזיגט דעם פּאַלאַץ...

אויפן שאָסיי, נישט ווייט פון די באַראַקן, האָבן שוין מיינע קרובים געוואַרט אויף מיר. זיי האָבן מיך אַריינגעפירט אין סאַמע „האַרץ" פונעם לאַגער. איך האָב דערזען, אַז איך געפין מיך אויף אַ גרויס פעלד, וואָס איז „באַוואַקסן" מיט אַ סך הילצערנע און בלעכענע הייזקעס. פון אין הייזקע צו דער אַנדערער — אַ שטח פון עטלעכע יאַרד.

אין איינער פון די דאָזיקע הייזקעס, וואָס פאַרנעמען צוויי קליינע צימערלעך, וואוינען די קרובים מיינע. זיי האָבן געהאַט מזל, אָדער אפשר רופט מען עס — „פּראַטעקציע", צו קריגן אַזאַ גרויסע וואוינונג. בדרך כלל איז מען נישט באַרעכטיקט צו האָבן אַזש צוויי צימערן.

— אָט, דאָ, — זאָגט צו מיר דער באַלעבאָס, — איז אונזער וואוינונג!

איך האָב מיך אַראָפּגעבויגן און אַריין אין דער וואוינונג.

אַ ריח פון היימיש־געקאָכטע מאכלים האָט אַקעגנגעשלאָגן. איך האָב מיך געפונען אין אַ קליין חדר'ל מיט געקאַלכטע ווענט, אויף וועלכע מ'האָט געקאָנט איבערציילן די ברעטער אַזוי ווי ריפּן אויף אַ סקעלעט... קעגנאיבער דער טיר — אַ קליין פענצטערל, פאַרשטעלט מיט אַ געדיכטער נעץ פון דראָט, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ „באַריקאַדע" קעגן פליגן. די באַריקאַדע איז אָבער, הפּנים, געווען ווייניק ווירקזאַם, ווייל כ'האָב געטראָפן אין צימערל גענוג פליגן זיך אַרומדרייען פראַנק און פריי. דאָס אָרעמע ביסל מעבל אין צימער האָט אויסגעזען ווי „היימישע אַרבעט": עטלעכע צונויפגעקלאַפּטע בענקלעך, אַ בעטל, אַ טישל. ביים פענצטערל איז געשטאַנען אַ קעסטל, וואָס דינט אי ווי אַ טישל פאַר דער נאַפט־מאַשינקע צום קאָכן, און אי — ווי אַ קיך־שענקל פאַר געפעס.

די באַלעבאָסטע האָט זיך געפּאָרעט ביים נאַפט־לעמפּל. געגרייט דאָס לעמפּל צום אָנצינדן. דאָס איז די באַלייכטונג פון די מעברה־דירות. אינדרויסן איז געווען אַ העל־זוניק ליכט, אָבער אינעם חדר'ל איז שוין געווען שטאַרק בין־השמשותדיק.

ווען כ׳בין אַריין אין צווייטן צימער פון דער דירה, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן אַ גאָר אַנדער אויסזען. ס׳איז געווען קענטיק, אַז דאָס איז די „ליווינג־רום" פון דער דירה.

ס׳איז דאָרט געווען אָנגעשטעלט אַ שפּאָר ביסל מעבל, וואָס האָט, אגב, אויסגעזען אַביסל „צו־רייך" פאַר דער דאָזיקער דירה. די „מענטש־לעכע" שאַנק, דער „נאַרמאַלער" טיש און די „לייטישע" שטולן אַרום טיש האָבן זיך גאָרניט אַריינגעפּאַסט אין דער דאָזיקער סוכה־דירה. דאָס אַלץ האָט אויסגעזען ווי פרעמד און פאַרבלאָנדזשעט אין דער אָרע־מער ראַם פון די קאַלך־ווענט.

שפּעטער האָב איך מיך דערוואוסט, אַז דאָס ביסל מעבל איז טאַקע שוין איינגעקויפט געוואָרן פאַר דער נייער וואוינונג, וואָס די באַלע־באַטים האָבן זיך געקויפט אין אַ שיכון, און וואוהין זיי גרייטן זיך איב־גיכן אַריבערצוקלייבן.

שוין עטלעכע יאָר ווי זיי וואוינען דאָ אינם באַראַק, און די גאַנצע צייט גרייטן זיי זיך איבערצוגיין אין אַ מענטשלעכער וואוינונג. עס קומט נישט אָן אַזוי לייכט. זיי לעבן אין שווערע באַדינגונגען, אָבער ס׳איז צו באַוואונדערן זייער האַפּערדיקייט און זייער גוט געמיט.

די פאַמיליע באַשטייט פון פיר פּערזאָן: אַ פּאָרפאָלק און צוויי קינ־דער, — איין טעכטערל פון צען יאָר, און די צווייטע טאָכטער — אַ כלה־מיידל. דער פאָטער אַרבעט אין אַ פאַבריק און פאַרדינט 180 פונט אַ חודש; די טאָכטער אַרבעט אויף אַ שטעלע און פאַרדינט 120 פונט אַ חודש. פון דער דאָזיקער הכנסה פירט מען אַ באַלעבאַטיש לעבן און מ׳האָט נאָך אָפּגעשפּאָרט פאַר אַ דירה אין אַ שיכון. עס „ראַטעוועט" אַביסל דאָס, וואָס עס קאָסט נישט קיין דירה־געלט אין די באַראַקן. מען דאַרף צאָלן איין פונט מיט 75 פּיאַסטער פאַר איין צימער, און דריי פונט — פאַר צוויי צימערן. אָבער מען צאָלט דאָס דערווייל נישט. ערשט ביים איבערטראָגן זיך אין אַ פּריוואַטער דירה, מאָנט מען אויף דאָס דירה־געלט פאַר דער גאַנצער צייט.

מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש עסן מיטאָג. דער טיש איז סערווירט געוואָרן מיט אַלע פּיטשעווקעס. דער „מעניו" האָט געמאַכט פאַרגעסן,

אַז מען געפינט זיך אין אַ מעברה. די מאכלים און געטראַנקען האָבן גיכער דערמאָנט אָן אַ „פאַרטי". דער מאָלצייט איז באַשטאַנען פון: פיש, זופּ, הון, קאָמפּאָט, טיי, לעקעך, בראַנפן, וויין.

נאָכן אָפּעסן מיטאָג, האָבן די באַלעבאַטים מיך גענומען אויף אַ „שפּאַציר" איבער דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער מעברה. ערשט מיט אַ יאָר צוריק זיינען נאָך אין דער דאָזיקער מעברה געווען אַן ערך זעקס הונדערט „פּושקעס" און עס האָבן געוואוינט דאָרט דריי טויזנט נפשות. איצט זיינען איבערגעבליבן פיר הונדערט ביידלעך און עס וואוינען נאָך — צוויי טויזנט נפשות.

אַכציק פּראָצענט פון די דאָרטיקע איינוואוינער באַשטייען פון איראַ־קער, מאַראָקאַנער און עגיפּטישע אידן. די איבעריקע צוואַנציק פּראָ־צענט זיינען: פּוילישע, רומענישע, אונגאַרישע און יוגאָסלאַווישע אידן. עס איז נישטאָ קיין אידיליש צוזאַמענלעבן פון די אָריענטאַלישע מיט די אייראָפּעאישע איינוואוינער. באַזונדערע וועלטן און יעדע וועלט מאַכט „שבת פאַר זיך".

די אייראָפּייער באַקלאָגן זיך, אַז די מזרח־עולים מאַכן חרוב די מעברה. מען רייסט אַרויס טירן און פענצטער פון די הייזקעס. מען גנבעט אַראָפּ גאַנצע דעכער. מען צעברעכט די „שפּריצן" פון אַלגעמיינעם באָד־באַראַק. און וועגן אָפּהיטן די היגיענישע באַדינגונגען אין די באַ־ראַקן, ווייסן זיי אינגאַנצן נישט.

דער רוב פון די איראַקער און מאַראָקאַנער איינוואוינער באַנוצן אינגאַנצן נישט דעם באָד־באַראַק צום באָדן זיך. זיי האַלטן, אַז עס איז גענוג צו באַנוצן די באָד אויף צו וואַשן וועש.

איך האָב באַזוכט פאַרשידענע באַראַקן פון דער מעברה. אין טייל באַראַקן איז די אָרעמקייט פאַרדעקט, און פון אַנדערע באַראַקן שרייט די אָרעמקייט אַרויס.

איך האָב געהאַט שמועסן מיט פאַרשיידענע עולים. טייל זיינען רע־זיגנירט און גלויבן נישט, אַז זיי וועלן נאָך ווען עס איז פון דאָרט אַרויס. אַנדערע ווידער קאָנען זיך דערלויבן אַרויס, און זיי ווילן נישט.

אַ רומענישע פרוי האָט זיך פאַר מיר באַקלאָגט:

— שוין ס׳פינפטע יאָר ווי איך האָב פאַרגעסן ווי אַ מענטשלעכע שטוב זעט אויס!

און ווען כ׳האָב געוואָלט רעדן מיט איינעם פון די אונגאַרישע עולים, האָט ער מיר געזאָגט:

— כ׳בעט איך, האָט נישט קיין פאַראיבל, כ׳האָב נישט קיין צייט מיט אייך צו רעדן, — איך אייל מיך איצט אין טעאַטער אַריין!

שוין געווען שפּעטלעך אין אָוונט ווען כ׳בין אַוועק פון דער מעברה.

פאַר די טירן פון אַ סך הייזקעס זיינען די שכנים געווען אויסגע־זעצט אין קרענצלעך און געמיטלעך געשמועסט. כ׳האָב געהערט אָפּגע־האַקטע ווערטער אין פאַרשיידענע לשונות. דורך אַ פענצטער פון איין ביידל האָב איך געזען אַ שאָטן פון אַ צאַנקנדיק נאַפט־לעמפּל, און פון דער שטוב האָט זיך געהערט אַ שטיל געזאַנג פון אַ מידער ווייבערישער שטימע — „אין דעם בית המקדש אין אַ ווינקעלע חדר״...

דאָס האָט מסתמא די באָבע איינגעשלעפערט איר אייניקל מיט אַ לידל אויף עברי־טייטש!

„לופט־מענטשן״

עס איז נישט קיין סוד, אַז עס איז פאַראַן אַ „שוואַרצער מאַרק״ אין ישראל. בעת מיין באַזוך אין ישראל, בין איך געווען אַ בעלן אָנצוקוקן דעם דאָזיקן מאַרק, כאָטש אַ שוואַרצער מאַרק האָט אַ טבע, אַז דאָס, וואָס מען זעט נישט, — איז מער אָנזעעוודיק, ווי דאָס וואָס מען זעט...

ווי אַזוי־זשע טרעפט מען אַהין? אין טעלעפאָן־בוך איז דער „מאַרק״ נישט אָנגעגעבן. מען זעט אויך נישט אין די גאַסן קיין שילדל, וואָס זאָל אָנווייזן: „דאָס איז דער וועג, וואָס פירט צום שוואַרצן מאַרק!״ בלייבט, הייסט עס, איבער איין אויסוועג, — כאָטש נעם און גיי־צו צו אַ פּאָליציאַנט און בעט אים אַ טובה: „ווייזט מיר דעם וועג צום שוואַרצן מאַרק, איך בין נישט קיין היגער, — איך טרעף נאָך נישט דעם וועג!...

אָבער דער אמת איז, אַז עס האַלט נישט אַזוי שלעכט. אויב מ׳וויל קאָן מען אין תל אביב געפינען דעם מאַרק, אפילו מיט אייגענע כוחות... דער פאַרנעם פון מאַרק איז ניט אַזוי גרויס און מעכטיק, ווי מען שטעלט זיך פאָר פונדערווייטנס; און אויף וויפיל מיין אויג האָט געקאָנט כאַפּן, איז דער מאַרק נישט אַזוי שוואַרץ ווי מען מאַלט אים.

דער תל אביב׳ער „וואָל־סטריט״, ווי מען רופט דאָרט דעם שוואַרצן מאַרק, איז צעוואָרפן אין עטלעכע האַנדלס־געגנטן פון שטאָט. דער מאַרק האָט זיך, באַטירלעך, אַליין געשאַפן, אַליין געקרוינט און אַליין באַשלאָסן — „דאָ און דאָ דאַרף איך קיניגן!״...

איר זעט דאָרט אַ קייט פון געוועלבער מיט פאַרשידענע סחורות, — אָנהויבנדיק פון שפּייז און ענדיקענדיק אויף שיך, הויזן און טעפּיכער.

איר באַמערקט אַז אַרום די געוועלבער איז מער טומלדיק ווי אין די געוועלבער גופא. די טראָטואַרן זיינען. אָן עין הרע, אָנגעפּילט מיט דורכגייער. טייל פון זיי זיינען אַזעלכע „פּאַסיווע דורכגייער״ אַזוי ווי איך, וואָס קומען כאַפּן אַ בליק, און אַנדערע זיינען „אַקטיווע״ סוחרים, וואָס קומען דאָרט אַהין נישט בלויז לשם אָבסערוואַציע, נאָר — לשם מאַכן אַ לעבן. טייל לויפן און האַנדלען, און טייל זיינען יוצא מיט בלויז לויפן, און מיינען דערביי, אַז זיי האַנדלען.

פאַראַן דאָרט צוויי קאַטעגאָריעס סוחרים: קלענערע און גרעסערע. דער האַנדל פון די „קלענערע סוחרים״ באַשטייט מערסטנטייל פון מאַכן צו־געלט זייער אייגן ביסל שפּייז, וואָס זיי האָבן באַקומען אויף „סקריפּס״. איר זעט זיי, די סוחרים און סוחר׳טעס אויסגעזעצט אויף פּיס־בענקלעך אויפן טראָטואַר און נעבן זיי געפינען זיך קעסטלעך און קיישעלעך פון וואַנען עס קוקט־אַרויס אַ פּעקל דעניש פּוטער. אַ „קען״ אַרגענטינער פלייש, אַ טאָוול שאָקאָלאַד, אַ פּושקע אייער־פּראָשעק און נאָך אַנדערע אימפּאָרטירטע שפּייז־אַרטיקלען, וואָס רייצן דעם אַפּעטיט פון די דורכגייער.

געווען אַ צייט, — בפרט אין די טעג פון „צנע״ (רעישאָנינג) — ווען די דאָזיקע אַרטיקלען זיינען געוואָרן פאַרצוקערט. מ׳האָט געריסן די סחורה פון די הענט און געצאָלט אויפגעשרויפּטע פּרייזן. אין די

דעמאָלטדיקע שווערע טעג איז מען נישט געזעסן אַזוי פראַנק און פריי און געהאַנדלט. איצט איז די לאַגע אַנדערש, פאַראַן גענוג סחורה אויפן מאַרק, און די סוחרים ווערן נישט גע׳רודפ׳ט. מען קוקט אויף זייערע „טראַנזאַקציעס״ דורך די פינגער. די אימפאָרטירטע שפּייז־אַרטיקלען האָבן שוין „זייער״ סטאַביליזירטן פּרייז, אַזוי, אַז אײן פליייש „קען״ קאָנקורירט נישט מיט דער צווייטער.

דאָס אַלץ וואָס איך האָב דאָ דערמאָנט, איז נוגע בלויז די קלענערע סוחרים. און ווער זיינען די „גרעסערע סוחרים״? מיט וואָס האַנדלען זיי?

די גרעסערע סוחרים קומען ניט אויפן מאַרק מיט קיין סחורות. זיי קומען אויפן מאַרק מיט די ליידיקע הענט. זיי דרייען זיך אויפן טראָטואַר אַהין און צוריק מיטן „גייסטיקן לופט־שטעקעלע״ און האַנדלען מיט אַלעם, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַן „אלף״: אַ פרידזשידעיר, אַ וואַש־מאַשין, אַ גאַז־אויוועז, אַ וואוינונג, און — לאָמיך נישט פאַרהוילן דעם אמת, — אפילו מיט אַ פונט אויך...

דער האַנדל ביי די דאָזיקע סוחרים גייט־צו אַזוי, אַז מען זעט נישט וואָס מען קויפט, און מען זעט נישט וואָס מען פאַרקויפט. דער אומזאַץ ווערט געמאַכט אויפן וואָרט. און מערקווירדיק, ביי דעם דאָזיקן האַנדל אויפן וואָרט, ווערט אויך געפירט אַ בוכהאַלטעריע. עס איז אָבער אַזאַ בוכהאַלטעריע, אַז אפילו אַ פּראָפעסיאָנעלער בוכהאַלטער וועט זיך נישט פאַנאַנדערקלייבן, וואָס דאָרט טוט זיך. די טראַנזאַקציעס ווערן פאַרשריבן אויף אַ שאַכטעלע פון שוועבעלעך, אויף אַ דעקל פון אַ פּעקל סיגאַרעטן, אָדער גאָר — אויף אַן אויסגענוצטן אויטאָבוס־בילעט.

צווישן די דאָזיקע „געהיימניספולע״ נאָטיצן טרעפט איר, אַחוץ ציפערן וואָס זאָגן אייך גאָרנישט, — אויך ראשי תיבות פון נעמען און פון אַדרעסן און גיי דערגיי אַ טאָלק, וואָס דאָרט טוט זיך! אָבער די, וואָס חשבונ׳ען און פאַרשרייבן ווייסן אַלץ און דעשיפרירן אַלץ. זיי האָבן דאָס גאַנצע געשעפט אויפן קאָפּ!

אויך די געשפּרעכן צווישן די סוחרים גייען צו מיט אַ ספּעציעלן האַנדל־זשאַרגאָן. מען רעדט לאַקאָניש, מיט אַ טעלעגראַפישן סטיל, און מען פאַרשטייט זיך אויפן וואונק. אָט טרעפן זיך אויפן טראָטואַר צוויי

סוחרים און מאַכן אַ טראַנזאַקציע ביי אַזאַ דיאַלאָג:

— נו?

— וואָס?

— אַ קעסטל!

— אַהאַ!

— כמה?

— מיט אַ מאה ווייניקער!

— זכה לו!

נו, כאַפּט איר איך וואָס דער דאָזיקער דיאַלאָג מיינט?

איך, למשל, האָב מיך נישט געכאַפּט, ביז מ׳האָט מיר צוגעגעבן אַ פּירוש רש״י. דער ריכטיקער טייטש פון שמועס איז אַזאַ:

— נו, איר האָט עפּעס סחורה?

— וואָס דאַרפט איר?

— אַ פּריזשידעיר דאַרף איך!

— כ׳קאָן האָבן!

— וויפיל וועט איר מיר רעכענען?

— מיט אַ הונדערטער ווייניקער ווי דער אָפיציעלער פּרייז!

— ס׳געשעפט איז געמאַכט!

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע מאָדנע רעדעכצן און שרייבעכצן, וואָס גייען אָן צווישן די לופט־סוחרים, האָט דער שוואַרצער מאַרק איצט אַ קליינעם איינפלוס אויפן אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן אין לאַנד. דאָס איז אייגנטלעך אַן איבערבלייבעכץ פון „יענע״ יאָרן. דער „תרגום־לשון״, וואָס ווערט פון טייל מאַרק־סוחרים באַנוצט „אין שריפט און אין וואָרט״, איז גיכער אַ געוואוינהייט, ווי — אַ נויטווענדיקייט.

ווער זיינען עס די, וואָס זוכן פּרנסה אויפן שוואַרצן מאַרק?

זייער אַ קליינער טייל באַשטייט פונם באַקאַנטן טיפּ „לופט־מענטש״, וואָס זוכט צו מאַכן אַ לייכטע מטבע ביי ספּעציעלע קאָניונקטורן. אָבער די מערהייט לופט־מענטשן זוכן זייערע לופט־פּרנסות דערפאַר, ווייל זיי באַטראַכטן זיך פאַר די „קרבנות״ פון קאָניונקטורן, און פאַר אומבאַהאָלפענע צו מאַכן אַ לעבן פון עפּעס אַנדערש. דער רוב פון זיי באַשטייט

פון נייע עולים פון אייראָפּעאישע לענדער. מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין באַשטימטע פאַכן. מענטשן, וואָס האָבן זיך געפּרואווט איינאָרדנען און עס איז זיי נישט געלונגען, אָדער גאָר — מענטשן פון אַזאַ עלטער, וואָס מען „כאַפּט זיי נישט אויס" אַזוי שנעל אויף קיין שטעלעס. אין ישראל איז בכלל אַ טענדענץ, אַז ווען עס קומט צו אַ שטעלע, — אויב מען איז שוין עלטער פון פופציק יאָר, — איז מען נישט ס'אויבערשטע פון שטויסל...

איך האָב גערעדט מיט עטלעכע מאַרק־מענטשן. זיי האַלטן זיך אַלע פאַר גוטע פּאַטריאָטן, און זיי באַרואיקן זיך אַליין דערמיט, אַז מיט אַביסל „צוהאַנדלען" טוען זיי חלילה נישט קיין שלעכטס דעם לאַנד. אַנדערע גייען אפילו נאָך ווייטער, און זיי האַלטן אַז זיי טוען אפילו אַ טובה דעם לאַנד...

— כ'ווייס נישט, — זאָגט צו מיר דאָרט אַ איד מיט וועלכן איך בין געוואָרן אַביסל היימיש, — פאַרוואָס מ'האָט אַ נאָמען געגעבן דעם־אָ פּלאַץ „שוואַרצער מאַרק"?! דאָס איז נישט קיין שוואַרצער מאַרק, דאָס איז אַ בערזע! אין יעדן לאַנד זיינען פאַראַן בערזעס און ישראל איז אַ לאַנד מיט אַלע לענדער צוגלייך, און מיר האָבן אויך אַ בערזע... איך בין דאָ, אויף דער בערזע, אַן אָפּטער איינגייער און איך פאַרקויף קעסטלעך. נו, איז דאָס חלילה אַן עבירה?!

— וואָס פאַראַ „קעסטלעך"? — פרעג איך.

— קעסטלעך, דאָס מיינט מען, — רוימט מיר איין דער איד, — פרידזשידעירס!

— אויב, — זאָג איך, — איר רוימט מיר דאָס איין אין אויער, שמעקט עס דאָך הפנים יאָ מיט אַן עבירה?...

— ס'הויבט זיך נישט אָן; איך קען עס אייך זאָגן הויך אויך! איך האָב מיך נישט וואָס צו שעמען! איך פאַרקויף נישט חלילה טייערער פון אָפיציעלן פּרייז. פאַרקערט, איך וועל אייך פאַרקויפן מיט אַ הונדערטער ביליקער. די רעגירונג רעכנט פאַר אַ פרידזשידעיר — טויזנט פונט, און ביי מיר קאָסט איך נישט מער ווי 9 הונדערט! שיין?!

— און אויב, — פרעג איך דעם אידן, — די רעגירונג וועט אָנהויבן

פּראָדוצירן מער פרידזשידעירס און מ׳וועט אַראָפּלאָזן דעם פּרייז — אויף 900 פונט?...

— וועלן מיר פאַרקויפן פאַר אַכט הונדערט! איר פאַרשטייט, מיר שרויפן נישט אַרויף די פּרייזן, מיר שרויפן זיי אַראָפּ!

ווען איך האָב דערנאָך געהאַט אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט אַן אַנדער „בערזע״־מענטש, האָב איך שוין געהערט אַנדערע רייד און אין אַן אַנדער טאָן. איך האָב אים געהערט זיך אַראָפּרעדן פון הארצן, ווייל עס מאַטערט אים עפּעס.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז פון די נייע עולים. אַ פּוילישער איד. עטלעכע יאָר אין לאַנד. האָט נישט קיין פאַך. האָט נישט קיין פּראָ־טעקציע. אויף אָנצוהויבן זיך לערנען אַ פאַך איז ער שוין צו אַלט. גע־פּרואווט זיך איינאָרדנען ביי כל׳ערליי אַרבעטן, און ס׳איז אים ביי אַלעם געגאַנגען „מיט דער פוטער אַראָפּ״. דאַרף שפּייזן זיין ווייב מיט צוויי קינדער. זינט ער „דרייט זיך״ דאָ אויפן מאַרק, כאַפּט ער אויפן טאָג פּרנסה. אַמאָל האַנדלט מען, אַמאָל מעקלערט מען.

צום סוף האָב איך דעם איד געפרעגט:

— וואו וואוינט איר?

— איך וואוין אין אַ מעברה! צו קיין אייגן שטיקל דירה קאָן איך נאָך אַלץ נישט קומען!...

נאָכן דאָזיקן שמועס בין איך אַוועק פונם מאַרק; אויף צוריקוועגס האָב איך געטראַכט: צי האָט דער לעצטער שמועס אַביסל „העלער״ געמאַכט דעם אַזוי־גערופענעם שוואַרצן מאַרק?...

נאַכט־לעבן
אין תל אביב

תל אביב איז אפשר די איינציקע שטאָט אין אידישן לאַנד, וואָס „מאַכט טאָג״ לויט איר אייגענעם זייגער... ווען אַלע אַנדערע שטעט שלאָפן שוין לאַנג מיט אַ רואיקן און טיילמאָל מיט אַן אומרואיקן שלאָף, — איז תל אביב וואַך.

ווען די הענער פון מדינת ישראל קרייען און זאָגן־אָן אַז ס׳איז שוין צייט זיך אויפצוהויבן, — דעמאָלט זאָגט ערשט תל אביב: „מנע, שוין צייט זיך צו לייגן און כאַפּן אַ דרימל!״

צווישן אַלע ישראלדיקע שטעט ווערט תל אביב פאַררעכנט ווי די שטיפּערקע, ווי די שטאָט מיט אַ „גרינגן קאָפּ״. ירושלימער קוקן אויף תל אביב ווי אויף אַ פאַרשווענדערקע, וואָס גיט אויס מער ווי זי פאַרדינט.

זיי זאָגן, אַז ווען אַ ירושלימער איינוואוינער פאַרדינט 200 פונט אַ חודש, גיט ער אויס — 190; אָבער אַ תל־אביבער ווען ער פאַרדינט 200 פונט, גיט ער אויס — 210...

דער אמת איז, אַז תל אביב׳ער זיינען נישט ווייניקער אַרבעטזאַם און נישט ווייניקער שפּאָרזאַם פון די איינוואוינער פון אַלע אַנדערע שטעט. דער „שלעכטער שם" נעמט זיך אפשר בלויז דערפון, וואָס תל־אביב איז, אַחוץ אַ האַנדלס־שטאָט און אַן אַרבעטס־שטאָט — אויך אַ קאַפע־שטאָט. און דאָס תל־אביב׳ער קאַפע־לעבן ציט זיך ביזן גרויען טאָג אַריין.

אוודאי זיינען פאַראַן גענוג קאַפעען אויך אין אַנדערע שטעט פון לאַנד, אָבער זיי זיינען נישט אין סטיל פון די תל אביב׳ער קיבעץ־קאַפעען, וואָס זיינען טעטיק אַן ערך 20 שעה אין מעת־לעת. עס איז נישט פון די זעלטנ־הייטן אין תל אביב זיך אָפּצושמועסן צו טרעפן צוויי אַזייגער ביינאַכט אויף דיזענגאָף גאַס. די דיזענגאָף־גאַס אין תל אביב — דאָס איז דער צענטער פון נאַכט־קאַפעען.

תל אביב׳ער קאַפעען האָבן אַ טבע זיך צו האַלטן „בציבור". זיי וואוינען צוזאַמען, און זיי טראָגן זיך איבער צוזאַמען. אַז איין קאַפע טראָגט זיך איבער, טראָגן זיך באַלד די אַנדערע קאַפעען אויך איבער, און אַזוי אַרום ווערט פון איין קאַפע־צענטער — אַ נייער צענטער.

געווען אַ צייט, ווען די קיבעץ־קאַפעען האָבן זיך קאָנצענטרירט ביים שפת הים; איצט זיינען די שפת הים־קאַפעען „אָקופירט" געוואָרן דורך די יוגנטלעכע עולים פון די אָריענטאַלישע לענדער. דורך אַ געוויסער צייט האָט דער קאַפע־צענטער זיך אויפגעהאַלטן אויף אַלענבי און בן־יהודה גאַס, איצטער אָבער „נעכטיקן" די תל אביב׳ער קאַפעען בלויז אויף דיזענגאָף גאַס. עס זיינען אויך פאַראַן גענוג קאַפעען אין פאַר־שידענע אַנדערע געגענטן פון שטאָט, אָבער זיי האָבן ס׳רוב בלויז „טאָג־דינסט".

אַרום יעדער קאַפע קאָנצענטרירן זיך געסט פון אַ ספּעציעלער קאַ־טעגאָריע. מערסטנטייל זיינען די קאַטעגאָריעס איינגעטיילט לויט די „נאַ־ציאָנאַליטעטן". דייטשע אידן קומען זיך צוזאַמען אין „זייער" קאַפע, אונגאַרישע זיצן אין אונגאַרישע קאַפעען, און פוילישע אידן האַלטן זיך

צוזאַמען מיט פּוילישע. די געסט אַליין היטן שוין אָפּ, אַז עס זאָל חלילה נישט קומען צו קיין צוזאַמענשטויס פון צוויי סאָרטן געסט אין איין קאַפע. איבעריקנס, אַז עס פאַלט אַריין אַ „פרעמדער" גאַסט אין אַ קאַפע, פילט ער זיך סיי־ווי אַזוי ווי אַ „יון אין סוכה". ער טרעפט דאָרט אַן אַנדער אַטמאָספער, אַן אַנדער לשון, אַנדערע מאַניערן, ער דאַרף אַנדערש רעדן צום קעלנער און דאַרף אפילו לאַכן פון „פרעמדע" וויצן, וואָס דער־גייען גאָרנישט צו אים.

לאָמיר אייך איצט אַריינפירן אין עטלעכע פון דער גרויסער צאָל תל אביב׳ער קאַפעען. יעדע פון זיי האָט איר באַזונדערן כאַראַקטער. אויף רחוב ירקון, ביים שפת הים, איז פאַראַן די קאַפע „דליה" (דאַליאַ). דאָרט אַהין קומען בלויז פּוילישע אידן טרינקן אַ קאַווע, עסן אַ „טשאַסטקע" און כאַפּן אַ פּליאָטקע. די פּליאָטקעס כאַפּט מען נאָר אויף פּויליש. ביי יעדן טישל הערט איר — „פּראָשע פּאַנאַ" און „צאַלויען ראַנטשקי". איר האָט דאָרט ביי די טישלעך אַ שטיק לעמבערג און קראָקע און לאָדזש און וואַרשע און ביאַליסטאָק. און טאָמער וואַרפט מען דאָרט אַריין אינם פּוילישן שמועס אַ העברעאיש וואָרט, ווערט דאָס העברעאישע גערעדט מיט אַ פּוילישן אַקצענט. די „הא" ווערט אַרויסגעזאָגט מיט אַ שאַרפער „כאַ". דאָס רוב קליענטן אין דער „דאַליאַ"־קאַפע, באַשטייט פון „געווע־זענע", — פון אַזעלכע וואָס האָבן אַמאָל פאַרמאָגט און פאַרמאָגן שוין נישט מער. יעדער איינער באַנוצט אין געשפּרעך דאָס וואָרט „מיאַלעם" (כ׳האָב געהאַט!) „מיאַלעם פאַבריקע" (כ׳האָב געהאַט אַ פאַבריק), „מיאַ־לעם ווילע" (כ׳האָב געהאַט אַ ווילע!) „מיאַלעם דאָם" (כ׳האָב געהאַט אַ הויז). די וותיקים (אַלט־איינגעזעסענע) האָבן דעריבער געשאַפן אַ ספּע־ציעלן נאָמען פאַר דער דאָזיקער קאַפע — מען רופט זי: „מיאַלעם־מיאַלעם"...

ווען עס קומט 10 אַזייגער אין אָוונט, ליידיקט זיך אויס די „דאַליאַ"־קאַפע, אָבער דער עולם גייט נאָך נישט, חלילה, דעמאָלט אַהיים שלאָפן. מען טראָגט בלויז איבער דעם קיבעץ אין אַן אַנדער „קאַפע", אין — „פּראַק", אויף דיזענגאָף־גאַס. נאָך 10 אין אָוונט בייטן די געסט די

דעקאָראַציע, און „פראַק" ווערט די פאַרזעצונג פון „דאַליאַ". מען קען דערציילן אַ וויץ אין „דאַליאַ" און לאַכן — אין „פראַק"...

פאַראַן אויף מוגראבי, אין תל אביב, אַ פאָפּולערע קאַפע — נאַגאַ.

אין ערשטן האַלבן טאָג איז די „נאַגאַ"-קאַפע — די בערזע פון טעאַטער. דאָרט טרעפט איר אַקטיאָרן, אימפּרעסאַריאָס און אַלע וואָס מאַכן אָדער ווילן מאַכן אַ לעבן פון טעאַטער. מערסטנטייל פאַרזאַמלען זיך דאָרט די אַלע, וואָס פאָרען זיך ביים וואָגן פון אידישן טעאַטער. דאָרט שרייבט מען קאָנטראַקטן, און דאָרט ליקווידירט מען קאָנטראַקטן. דאָרט שרייבט מען אַוועק בריוו צו „סטאַרס" אין אויסלאַנד, און דאָרט לייענט מען די בריוו, וואָס קומען-אָן פון די „סטאַרס". דאָרט גיט מען דעם גאַסטראָליאָר קאָמפּלימענטן ביי איין טישל, און מען באַרעדט אים ביים צווייטן טישל. דאָרט אַרבעט מען אויס מיט „געמיינזאַמע כוחות" דעם טעקסט פון נייע אַפישן, און דאָרט קומט דער דרוקער איינקאַסירן די חובות פאַר די אַלטע אַפישן, וואָס זיינען נאָך נישט באַצאָלט. בקיצור: די גאַנצע ביזנעס פון אידישן טעאַטער ווערט געפירט אין „נאַגאַ". דערפאַר אָבער ווען ס'קומט נאָכמיטאָג צייט, ווערט „נאַגאַ" — אויס „נאַגאַ". די טישלעך רוען זיך אויס, ביז צום מאָרגנדיקן „אַרבעטס-טאָג".

גאָר פון אַן אַנדערן כאַראַקטער זיינען די קאַפעען אויף דער דיזענגאָף גאַס. דאָס זיינען אייגנטלעך נישט קיין קאַפעען, נאָר שטיקער טראָטואַרן וואָס זיינען געדיכט באַשטעלט מיט טישלעך און בענקלעך. דער „אינעווייניק" פון די קאַפעען שפּילט דאָ, אייגנטלעך, נישט קיין שום ראָלע. דער עיקר איז דאָ — דער „דרויסן". די געסט נעכטיקן אַזוי אָפּ אין-דרויסן ביי די טישלעך ביז גרויען טאָג. אַרום איינס-צוויי אַזייגער ביי-נאַכט הויבט זיך ערשט אָן דאָס קאַפע-לעבן אויף דיזענגאָף-גאַס. און ווי אַזוי פיל טויזנטער איינוואוינער פון דער דאָזיקער גאַס זיינען אימשטאַנד צו שלאָפן ביים ליכט און ביים טומל פון די אַלע קאַפעען, איז זיך שווער פאָרצושטעלן. סיידן אפשר די איינוואוינער זיינען אויך שטאַם-געסט פון די אַלע קאַפעען.

די קאַפעען אויף דיזענגאָף-גאַס ציען זיך לענג-אויס און האַלטן זיך זייער חבריש. איין קאַפע שפּאַרט זיך אָן ביי דער צווייטער און שטעלט

איר אונטער אַ פּלייצע. עס זעט אויס ווי בלויז איין קאַפּע וואָלט זיך גע־צויגן אויף אַ שטיק דיזענגאָף־גאַס. דער אמת אָבער איז, אַז דאָס איז אַ קייט, וואָס נעמט אַרום אַ סך קאַפּעען. עס איז נישטאָ קיין אָנזעעוודיקע גרענעץ, וואָס זאָל אָפּטיילן איין קאַפּע פון דער צווייטער. די געסט — זיינען די גרענעץ. יעדע קאַטעגאָריע געסט זעצט זיך אַוועק ביי די טישלעך פון איר גרופּע, און יעדע גרופּע איז „איינגעבירגערט" ביי די טישלעך פון איר קאַפּע.

די „קעניגין" פון דער גאַנצער קייט קאַפּעען אויף דיזענגאָף־גאַס איז — די „קאַסיט"־קאַפּע. די דאָזיקע קאַפּע שטעלט מיט זיך פאָר אַ שטיק טראָטואַר מיט טישלעך, אַרום וועלכע עס זיצן: אַקטיאָרן, רע־זשיסאָרן, דיכטער, שריפטשטעלער, זשורנאַליסטן און אַנדערע באַהעם־לייט פון דער קולטור־משפחה.

דער באַלעבאָס פון „קאַסיט", כאַסקל ווײַנשטיין (אַ שוואָגער פונם אַמעריקאַנער דיכטער בעריש ווײַנשטיין), באַציט זיך מיט אַ ספּעציע־לער ליבשאַפט צו זיינע שטאַם־געסט. ער איז שטאָלץ, וואָס די „גייס־טיקע סמעטענע" פון תל אביב האָט אויסגעקליבן דווקא זיין שטיקעלע טראָטואַר פאַר אַ באַזע פון „גייסטיקן קיבעץ". עס אַרט אים נישט, וואָס זיינע געסט זיצן־אָפּ ביי אַ גלעזל ציקאָריע אָדער לעמאָניאַד ביז פאַרטאָג. געלט — איז בלאָטע. דער עיקר איז ביי אים דאָס, וואָס ביי זיינע טישלעך ווערט „געמאַכט" די פּאָליטיק פון לאַנד, און ביי זיינע טישלעך זיצן בלויז אַזעלכע מענטשן, וואָס „שטייען" יעדן טאָג אָדער אין די גאַזעטן, אָדער — אויף דער בינע.

כאַסקל ווײַנשטיין איז שוין אַזוי צוזאַמענגעלעבט מיט זיין סביבה, אַז ער אַליין לייגט־צו אַ האַנט, ווען מ׳דאַרף אַרויסהעלפן אַן „אייגע־נעם". געווען אַ צייט, ווען די אַקטיאָרן פון קאַמער־טעאַטער זיינען געווען אַרבעטסלאָז און פּרנסה׳לאָז. כאַסקל האָט דעמאָלט אַריינגענו־מען די גאַנצע טרופּע „אויף קעסט". ער האָט זיי געהייסן דערלאַנגען עסן און טרינקען — אויף קרעדיט אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלן זיך ווידער שטעלן אויף די פיס. די אַרטיסטישע וועלט האָט אָפּגעשאַצט דעם דאָ־

זיקן זשעסט, און מען געדענקט דאָס ביזן היינטיקן טאָג. מען פּאַראַט נישט כאַסקלען און מען האַלט זיך כסדר ביי זיינע טישלעך.

אויך די קעלנער פון „קאַסיט״ זיינען ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט דער קינסטלער־משפחה. יעדער גאַסט איז ביי זיי חשוב, און מען באַהאַנדלט אַ סאָדע־וואַסער־טרינקער מיט דער זעלבער חשיבות ווי אַ שאַמפּאַניער־גאַסט.

די „קאַסיט״־קיבעצאַרניע איז שטענדיק אָנגעפּיקעוועט מיט געסט, אָבער אפילו ביי דער גרעסטער ענגשאַפט, ווערט יעדער גאַסט פאַרזאָרגט מיט אַ פּלאַץ. ס׳איז געצונג, אַז דער גאַסט זאָל צוקומען צו דער טעריטאָריע פון „קאַסיט״ און זיך אומקוקן וואו זיך אַוועקצוזעצן, וועט דער קעלנער אים גלייך אונטערטראָגן פון ערגעץ אַ טישל מיט אַ בענקל. אין „קאַסיט״ קומט נישט דער גאַסט צום טישל, נאָר ס׳טישל קומט צום גאַסט.

אָט זעצט זיך אַוועק ביי אַ טישל דער שריפטשטעלער דוב בער מאַלקין; עס נעמט נישט לאַנג און ס׳טישל ווערט געדיכט באַזעצט, און מען פראַוועט שוין דאָרט, — אין אַ פּראָסטן מיטוואָך־צו־נאַכטס, — אַ „מעלאַווע־מאַלקין״.

ווי געדיכט עס זאָל נישט זיין באַזעצט דאָס טישל, וועט זיך שטענדיק אָנזען מאַלקינ׳ס עלעגאַנט־געפלעגטע בערדל, וואָס „קוקט־אַרויס״ מיט באָרד־שטאָלץ צו דער גאַס און צו די דורכגייער.

נישט אַלע בערד אין ישראל האָבן מזל צו זיין באַרימט. אין תל־אביב זיינען פאַראַן דריי באַרימטע ליטעראַריש־פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע בערד: די גראָע באָרד פון אַרבעטער־פירער זרובבל, די שוואַרץ־גראָע באָרד פון פּאַרזיצער פון העברעאישן שרייבער־פאַראיין, מיכאל אסף, און דאָס בלאָנדע סאַמעטענע בערדל פון דוב בער מאַלקין.

אָבער דער „פירשפּרעכער״ פון אַלע בערד, איז — זרובבל׳ס באָרד.

מען דערציילט, אַז ווען מאַלקין און אסף האָבן איינמאָל שפּאַצירט אויף דער גאַס, איז צוגעקומען צו זיי אַ נייער עולה און געפרעגט:

„זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ווער פון אייךביידע איז זרובבל?״

„קאַסיט״ איז דער צענטראַל־פּונקט אויף צו טרעפן אין מיטן דער

נאַכט פאַרשידענע פערזענלעכקייטן. אפילו די געסט וואָס זיצן נישט אין „קאַסיט", קומען אַהין זיך באַוויזן אויף אַ מינוט און אַ קוק־טאָן ווער עס איז דאָ.

אָט גייט־פאַרביי דער גענעראַל משה דיין; אָט שפּאַצירט דורך די טישלעך דער באַרימטער דיכטער נתן אַלטערמאַן; אָט גייט־פאַרביי אַ דורכגעפאַלענער מיניסטער, זעצט זיך אַוועק אויף אַ ווײַלע ביי אַ טישל, לאָזט זיך אַרײַנזאָגן אַ קיבעץ און גייט ווייטער.

ווער שמועסט אַז עס קומט צו אַ יומא דפגרא, איז אין „קאַסיט" גאָר יום־טוב׳דיג. אין דער נאַכט נאָכן יום העצמאות איז די ענגשאַפט אין „קאַסיט" געווען אַזוי גרויס, אַז די געסט האָבן זיך שוין נישט באַנוגנט בלויז מיטן טראָטואַר, נאָר מ׳האָט זיך אויך אויסגעבאָרגט דעם מיטן וועג פון דער גאַס. די צוויי שוישפּילער דזשיגאַן און שומאַכער האָבן צוזאַמען מיטן שרייבער יוסף הייבלום זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל אין סאַמע מיטן גאַס, און גערופן דעם קעלנער ער זאָל דערלאַנגען אַ לע־נאַדע. דזשיגאַן האָט געמאַכט קולות אין מיטן דער נאַכט: „שמע ישראל! שמע ישראל!" אויב איר מיינט, אַז דאָס האָט דזשיגאַן געזאָגט קריאת שמע, האָט איר אַ טעות; ער האָט בלויז גערופן דעם קעלנער, וועלכער הייסט ישראל...

אין „קאַסיט" איז שווער צו דערקענען אַז ישראל האָט אַ פאַרפּלייצונג פון פאַרטייען. די „פאַרביסענע שונאים" אין כנסת טרינקען דאָ פון איין פלעשל לעמאַנאַדע. מאָרגן וועט מען זיך טאַקע ביי דער זיצונג זידלען, אָבער דערווייל איז אַ חיי־שעה.

אויב מען טרעפט נישט אין „קאַסיט" אין משך פון עטלעכע נעכט איינעם פון די שטאַם־געסט, האָט מען שוין אַזאַ איינעם „אויפן אויג". מען פרעגט זיך שוין דאַן נאָך: „וואָס איז די מעשה, וואָס דעם און דעם האָט מען שוין אַ שיינע פּאָר נעכט נישט געזען?" און עס שפּילט, אגב, נישט קיין ראָלע, אַז אַזעלכע געסט זאָלן זיך צוזאַמענגעמען און אַוועקגיין אין מיטן דער נאַכט צו דעם „דעזערטיר", זיך דערוויסן, הלמאי מען זעט אים עפּעס נישט לעצטנס...

ס׳איז זעלטן צו טרעפן אין „קאַסיט" אַ טישל, וואָס זאָל זיין פאַרנומען

בלויז מיט איין גאַסט. בלויז איינמאָל האָב איך געטראָפן אַן איינזאַמען גאַסט ביי אַ טישל. דער גאַסט איז געווען דער לאַנגיאָריגער ניו־יאָרקער תושב „חנן דער באַוואוסטער". ער האָט מיר דערנאָך דערציילט, אַז ער זוכט אַ געלעגנהייט צו זיצן מיט זיך אַליין, ווייל ער איז לעצטנס פאַר־נומען מיט אַזאַ אַרבעט, אין וועלכער מ׳דאַרף אַ סך אַריינטראַכטן.

„וואָס איז די אַרבעט?" — האָב איך אים געפרעגט.

„איך אַרבעט", האָט ער מיר געזאָגט, „איבער אַ שווערן קאַלענדאַר־חשבון און איך בין שוין אויף אַ דרך. כ׳האָב אויסגעפונען, אַז אין די נאָענטסטע פופציג יאָר וועט דער יום העצמאות כסדר אויספאַלן שביעי של פסח. איצטער גרייט איך מיך שוין אויסצו׳חשבונ׳ען, ווי אַזוי עס וועט אויסזען שפעטער, נאָך די פופציג יאָר! דערציילט עס אין אַמעריקע, זאָל מען וויסן!"

איך טו עס טאַקע איצט, כאָטש איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין צייט נאָכצורעכענען, צי דער חשבון שטימט...

אַן אַרמיי
פון בלאָנדע קעפּלעך
מיט בלויע אויגעלעך...

אַ איך האָב זיך אַביסל באַ־
קענט מיט דער ישראלדיקער קינדער־וועלט און איך בין שטאָלץ פון דער דאָזיקער קענטשאַפט.

ישראלדיקע קינדערלעך שטעלן מיט זיך פאָר אַ ספּעציעלע ראַסע.

נעמט זיי צוזאַמען, — האָט איר פאַר זיך, — אַן אַרמיי פון בלאָנדע קעפּעלעך און בלויע אויגעלעך; און פון די אויגעלעך שטראַלט אַרויס אַ ליבשאַפט צום אידישן לאַנד.

אין ישראל זיינען קליינע קינדער — גרויסע פּאַטריאָטן.

מען זאָגט, אַז די דאָרטיקע קינדער קומען באַלד אויף דער וועלט — פּאַרטיקע פּאַטריאָטן און אויסגעשולטע קעמפער...

יעדעס ישראלדיקע קינד איז שטיפעריש און שטאָלץ. שטיפעריש ווי אַ קינד, און שטאָלץ — ווי אַ דערוואַקסענער. די שטאָלצקייט דערגייט טיילמאָל ביז חוצפּה. ס׳איז אמת, אַז טייל ישראלדיקע קינדער זיינען אַביסל חוצפּהדיק, און נישט שטענדיק ווערן די דערוואַקסענע רעספּעקטירט דורך די קינדער, אָבער דערפאַר ווערן שטענדיק די קינדער רעספּעקטירט דורך דערוואַקסענע... נישט געקוקט אויף דער חוצפּה האָבן די קינדער אַזאַ רייץ, וואָס מאַכט, אַז מען זאָל זיי ליב האָבן.

מיט זייערע מעלות און מיט זייערע חסרונות זיינען די ישראלדיקע קינדערלעך אַנדערש פון אַלע אַנדערע קינדער אויף דער וועלט. אַנדערש זיינען זייערע „קינדער־אינטערעסן" און אַנדערש איז זייער „קינדער־פילאָזאָפיע". זיי טראַכטן, וואָלט איך געזאָגט, אידישלעך, ישראלדיק.

אויף דער ישראלדיקער ראַדיאָ האָט מען אינטערוויוּאירט אַ מיידעלע. אַזעלכע אינטערוויוען זיינען נישט קיין נייעס ביי אונז אין אַמעריקע. מען הערט און מען זעט דאָ אָפט געראָטענע קינדער אויף ראַדיאָ און טעלעוויזיע־פּראָגראַמען. אָבער דעם ענטפער, וואָס דאָס קינד האָט געגעבן אויף דער דאָרטיקער ראַדיאָ, קאָן מען הערן בלויז נאָר — אין ישראל:

— ווי אַלט ביסטו, מיידעלע? — האָט דער ספּיקער געפרעגט.

— זעקס יאָר!

— האָסט אַ ברודערל?

— יאָ!

— ווי אַלט איז דיין ברודערל?

— צוויי יאָר מיט אַ שבת!

דער שבת איז פאַרן ישראלדיקן קינד דער סימבאָל פון דער וואָך.

— וואָס ווילסטו זיין, — פרעגט מען אַ ישראלדיק קינד, — ווען דו וועסט אונטערוואַקסן?

— אַ שאָפער פון אַמבולאַנס פון רויטן מגן־דוד!

— וואָס עפּעס אַ שאָפער פון אַמבולאַנס פון רויטן מגן־דוד?

— ווייל דאַמאָלס וועל איך מעגן פאָרן אום שבת!

ישראלדיקע קינדער־חכמות זיינען אָנגעזאַפּט מיט ישראל־לופט.

האַלט נישט פאַר איבערגעטריבן, אויב איך וועל זאָגן, אַז די ישראל־דיקע קינדערלעך — די באַ׳חנ׳טע מרימ׳לעך און תרצה׳לעך, משה׳לעך און רבקה׳לעך, — דערפילן אינסטינקטיוו די שטימונגען פון לאַנד.

זיי וויסן גאָרנישט, די קינדערלעך, ווי פרי זיי ווערן „שותפים" צום אַלגעמיינעם ישראלדיקן לעבן און ווי פרי זיי „אַנגאַזשירן" זיך אין דער לאַנד־פּאָליטיק...

צוויי אינגעלעך טרעפן זיך. זאָגט איינער צום צווייטן:

— חיימ׳ל, לאָמיר זיך שפּילן אין וואַלן, — דו וועסט פאַר מיר שטימען, און איך וועל אויף דיר רייטן!

דאָס באַקאַנטע פאָלקס־ווערטל — „קליינע קייען, וואָס גרויסע שפּייען", איז ווי „אָנגעמאָסטן" פאַר ישראל.

אפילו די פּאַרטייאישקייט כאַפּט זיך אַריין אין דער קינדער־וועלט.

אין די ערשטע צייטן נאָך דער גרינדונג פון מדינת ישראל, איז געוואָרן שטאַרק מאָדיש צו זאַמלען אויטאָגראַפן פון ישראל־פירער.

קומט איינמאָל אַהיים אַ צווילינג מיט אַ געוויין.

— וואָס וויינסטו שלמהקע? — פרעגט די מאַמע.

— די אינגלעך האָבן מיר צוגעגנבעט אַ מנחם בעגין!

— און וואָס וויינסטו, משה׳לע, — פרעגט די מאַמע דעם צווייטן, — וואָס האָט מען דיר צוגעגנבעט?

— נייך, — ענטפערט משה׳לע און הערט נישט אויף צו וויינען, — דר. סנה האָט זיך מיר צוגעקלעפּט צו מיקוניס׳ן!

עס איז נישט קיין נייעס, אַז קינדער זאָלן מאַטערן טאַטע־מאַמע מיט פרעגן קשיות. אָבער ישראלדיקע קינדער פרעגן קשיות אויף זייער אייגענעם אופן, און זיי „פילאָזאָפירן" לויט זייער אייגענער שיטה.

רבקה׳לע, דאָס דריי און אַ האַלב יאָריק טעכטערל פון מיינע פריינט לייבל און אסתר ראַכמאַן, אין ירושלים, שטעלט אום יום־כפור דעם טאַטן אַ קשיא:

— אבא, וואָס איז היינט פאַר אַ יום טוב?

— היינט, קינד מיינס, איז יום־כפור!

— אבא, וואָס איז אַזוינס יום־כפור?

— יום־כפור, מיין קינד, איז אומעטום געשלאָסן און מען בעט גאָט!

— אבא, — פרעגט ווייטער רבקה'לע, — אויב אומעטום איז געשלאָסן, דאַרף דאָך ביי גאָט אויך זיין געשלאָסן?...

אַזוי אַרום האָט דאָס דריי און אַ האַלב יאָריק קינד — „באַזיגט" דעם טאַטן.

קינדער פון נייע עולים, — בפרט פון אייראָפּעאישע עולים, — „אַסימילירן" זיך בליץ־שנעל, אָבער איידער זיי מאַכן־דורך דעם „אַסימילאַציע־פּראָצעס", ווילן זיי האָבן אַ קלאָרן טיש און זיי שטעלן די עלטערן גאָר מאָדנע פראַגן.

— טאַטע, — פרעגט אַ קינד פון אַ נייעם עולה, — דו ביסט פון פוילן?

— יאָ, מיין קינד!

— און די מאַמע איז פון אונגאַרן?

— יאָ, מיין קינד!

— און איך בין געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד?

— יאָ, מיין קינד!

— טאָ ווי אַזוי האָבן מיר זיך אַלע צוזאַמענגעטראָפן אין ישראל?

און ביי דער גאַנצער נאַאיוויטעט פונם קליינוואַרג, ווייסן זיי אָבער קלאָר, אַז עס זיינען פאַראַן שונאים, וואָס לויערן אויפן לאַנד. און די שונאים זיינען — אַראַבער.

אין דער זעלבער צייט אָבער ווערן די קינדערלעך צעטומלט, ווען זיי זעען זיך, אין פיל פלעצער, אין אַ בשלומדיק צוזאַמענלעבן אין דער סביבה פון אַראַבער.

זיי האָבן זיך דעריבער אַליין אויסגעאַרבעט מיט זייער קינדערישן שכל אַ טעאָריע, אַז עס זיינען פאַראַן צווייערליי אַראַבער, — „גוטע אַראַבער" און „שלעכטע אַראַבער".

די באַליבטסטע פאַרוויילונג פון ישראלדיקע קינדער איז — שפּילן זיך אין סאָלדאַטן.

נישט נאָר אינגעלעך, נאָר — אויך מיידעלעך ווערן „גענומען אין מיליטער", און מען הערט ניט אין דער קינדער־וועלט קיין פּראָ־

טעסטן קעגן אַריינציען מיידעלעך אין דער אַרמיי... צו 12—13 יאָר ווערן די קינדער אין די שולן אָרגאַניזירט אין „גדנע״ — מיליטערישע צוגרייטונגען און ספּאָרט־איבונגען. די קינדער קומען שוין דעמאָלט צו די מיליטערישע צוגרייטונגען ווי „קוואַליפיצירטע״ סאָלדאַטן. זיי האָבן שוין הינטער זיך געגוג פּראַקטיק פון זייערע פריערדיקע „מאַנעוורעס״.

ווען ישראל־קינדער זיינען מיט זיך אַליין, פילן זיי זיך קיינמאָל נישט איינזאַם. זיי פאַרברענגען צוזאַמען מיט זייער בעסטן פריינט, — מיט אַ תנ״כ׳ל.

אין די מערסטע הייזער וואו איך בין אַריינגעקומען, האָב איך גע־טראָפן, — סיי אינגלעך סיי מיידלעך, — מיט אַ חומש׳ל אין האַנט. ווען איך האָב איבערגעפרעגט „וואָס טוסטו?״ האָב איך אָפט געקראָגן אַן ענטפער: „איך לייען די טאָראַ (תורה)!״

די קינדערלעך פון מאה שערים, אין ירושלים, וויסן נישט פון לערנען „טאָראַ״, — זיי וויסן פון לערנען תורה. טיילמאָל ברעכן אפילו אויס צווישן די דאָרטיקע קינדער סקאַנדאַלן צוליב לערנען תורה און צוליב פרומקייט.

מ׳האָט מיר געוויזן אין מאה שערים אַ הויז, וואו עס איז מיט אַ טאָג פריער פאָרגעקומען אַ געשלעג צווישן קינדער מיט קינדער.

מ׳האָט געכאַפּט אַ אינגל, וואָס האָט שבת צעבראָכן אַ גלאָז. די גאַנצע חברה האָט דאַן באַשלאָסן מקיים פסק צו זיין דעם אַפּיקורס. דאָס קינד האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ס׳גלאָז איז „אַליין״ אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט, און אַז דער פאַל איז געשען בשוגג. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן און די חברים׳לעך האָבן אים געוואָלט אָנלערנען. דער סוף איז געווען, אַז דאָס קינד איז אַריינגעלאָפן אין אַ וואוינונג און זיך „פאַר־באַריקאַדירט״ און דאָרט אַזוי לאַנג געזעסן, ביז עס איז אַריבער דער גרימצאָרן פון די צעהיצטע קינדערלעך.

אָבער די זעלבע קינדער, וואָס זיינען אַזוי „קעמפעריש״, ווייזן אויך אַרויס אַ סך צאַרטקייט, אָפּפערווילקייט און מיטגעפיל. איך ווייס פון אַ ישראלדיק קינד, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט צו עסן די פיש, וואָס די מאַמע האָט איר דערלאַנגט.

— פאַרוואָס עסטו נישט די פיש? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— ווייל דער פיש וויינט, ווען איך עס אים!...

פון אַלע מיינע אָבסערוואַציעס און באַגעגענישן אין דער ישראל־דיקער קינדער־וועלט, האָט דעם שטאַרקסטן רושם אויף מיר געמאַכט מיין באַזוך אין איינער פון די שולעס אין רעננה, וואו מ׳האָט מיר געוויזן אַ קינדער־מלוכה, אַ „ישראל אין מיניאַטור״.

רעננה — דאָס איז אַ געוועזענע אַמעריקאַנער קאָלאָניע. ביי די אַראַבער האָט די קאָלאָניע געהייסן „אַמעריקא״. די אַמעריקאַנישקייט איז שוין פון לאַנג אַוועק פון דער קאָלאָניע, אָבער פונדעסטוועגן וואוינען נאָך היינט־צו־טאָג דאָרט 130 אַמעריקאַנער פאַמיליעס (בערך 400—500 נפשות) און אַרום 50 פאַמיליעס, וואָס זיינען נאָך ביזן היינטיקן טאָג אַמעריקאַנער איינוואוינער, אָבער — רעננה־שטייער־צאָלער.

פאַראַן דאָרט אַ סך אינסטיטוציעס, אויפגעבויט דורך אַמעריקאַנער אידן, ספּעציעל — דורך אַמעריקאַנער מזרחי־פּרויען. דאָ, אין דעם שטעטל, בויט זיך איצט דער בית־תרבות אויפן נאָמען פון ציוניסטישן אַרבעטער־טוער פּנחס גינגאָלד ע״ה, — אַ נאָמען וואָס איז גוט באַקאַנט אין אידישן אַמעריקע. פּנחס גינגאָלד איז, אגב, געווען פאַררעכנט אין רעננה ווי אַ דאָרטיקער איינוואוינער.

עס איז נישט דער פּלאַץ אינם דאָזיקן קאַפּיטל אויסצורעכענען אַלע וויכטיקע דערגרייכונגען פון רעננה; עס וואָלט אָבער געווען נישט יושר־דיק דורכצולאָזן דעם נאָמען ב. אָסטראָווסקי, וועלכער האָט, קאָן מען זאָגן, „מיט זיינע הענט״ אויפגעבויט דאָס, וואָס רעננה פאַרמאָגט.

ב. אָסטראָווסקי איז געווען אין משך פון 25 יאָר דער מעיאָר פון רעננה. זיינע שכירות האָט ער אַוועקגעגעבן פאַר פאַרשידענע קהל׳שע צוועקן, און זיין ענערגיע האָט ער געווידמעט דעם אויפבוי פון שטעטל.

איך האָב באַזוכט די שולע אין רעננה, וואו עס לערנען 650 קינדער. איך בין אויך געווען אַ גאַסט אין הויז פונם לערער צבי אריגי, וועלכער איז געקומען ווי אַ יונג בחורל פון וואַרשע, נאָך מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק, און זיך אין ישראל געווידמעט לערעריי, ספּעציעל — אויפן געביט פון באָטאַניק.

ער איז איינער פון די אָנגעזעענסטע פירער פון דער שולע אין רעננה, און פאַר זיינע אָריגינעלע אויפטועכצן אין דער שולע איז ער שוין עטלעכע מאָל אויסגעצייכנט געוואָרן דורך דער רעגירונג.

ווען איך בין געוועזן אין הויז פון די אריגי׳ס, האָב איך דאָרט אויך געטראָפן צבי׳ס זון, חיים אריגי, אַ קאַפּיטאַן פון ישראלדיקן פלאָט. דער זעלבער קאַפּיטאַן איז אין יאָר 1951 געקומען קיין ניו־יאָרק ווי איינער פון די באַגלייטער פון צוויי ישראלדיקע קריגס־שיפן.

צבי אריגי האָט מיך אַרומגעפירט איבערן גרויסן גאָרטן־פּאַרק, וואו די שולע געפינט זיך, און האָט מיר געוויזן „ישראל אין מיניאַטור", וואָס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט פאַרפלאַנצט און אויפגעבויט.

„אָט דאָ, — זאָגט ער צו מיר, און ווייזט מיטן פינגער, — הויבט אָן צו פליסן דער ירדן!... דאָ זיינען פאַרפלאַנצט בלויז אַזעלכע ביימער, וואָס וואַקסן נאָר ביים ירדן! דאָ האָט איר דעם ים המלח... דאָ איז סדום!.. דאָ־אָ איז דער גליל העליון!... און איצט לאָמיר צוגיין צום שרון... צום נגב... און דאָס איז דער בוים „צלה", וואָס איך האָב ספּעציעל געבראַכט פון עמק הירדן... דאָס איז אַ בוים ספּעציעל פאַר „ערבות!"

אריגי רעדט מיט שטאָלץ וועגן זיין אויפטו פון „אַ ישראל אין מיניאַטור".

אַחוץ וואָס דאָס איז שיין, — זאָגט ער, — איז עס אויך שטאַרק נוצלעך. עס איז אַ וויכטיקער פּעדאַגאָגישער פאַקטאָר.

בעת אונזער צוריקוועגס פון פּאַרק, האָט אריגי זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן אַלטן איינגעבויגענעם בוים מיט אַראָפּגעהאַנגענע צווייגן.

— דאָס איז, — זאָגט ער צו מיר, — אַ „גלות־בוים!" די אַראָפּ־געהאַנגענע צווייגן זעען אויס ווי זיי וואָלטן געוויינט... יאָ, זיי וויינען טאַקע! דער דאָזיקער בוים איז געפלאַנצט געוואָרן צום הייליקן אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים.

איין טאָג אין יאָר ווערט דער בוים אַרומגעהילט אין שוואַרצן, און צוויי קינדער פון דער שולע זיינען מזכיר די אומגעקומענע אידישע

קינדער. צו דעם יאָרצייט זאָגט מען ביים דאָזיקן בוים אַ קאַפּיטל תהלים און מען צינדט יאָרצייט־ליכט!

אונזער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן...

מיר האָבן גענומען שפּאַצירן אין דער ריכטונג פון אַרויסגאַנג און גערעדט שווייגנדיק.

צוויי קינדערלעך זיינען אונז אַקעגנגעקומען און האָבן זיך געווענדט צו אריגי:

— לערער, מיר מעגן נעמען צווייגעלעך אויף הושענות?

— נעמט איך, קינדערלעך! — האָט ער געענטפערט.

ס׳איז דעמאָלט געווען דער טאָג פון הושענא רבה.

* * *

די צוויי באַ׳חנ׳טע קינדערלעך מיט די הושענא־אַמביציעס שטייען נאָך איצט פאַר מיינע אויגן; איך זע זיי איצט, פּונקט ווי איך זע אַלע אַנדערע קינדערלעך וואָס איך האָב באַגעגנט אין ישראל און פון וועלכע איך האָב עפּעס געלערנט...

איך געפין מיך שוין איצט קנאַפּע זעקס טויזנט מייל ווייט פון ישראל, אָבער די פייערלעך וואָס בלישטשען־אַרויס פון די ישראל־קינדערס אויגעלעך, לייכטן־אַריבער דעם גרויסן מהלך, וואָס טיילט מיך אָפּ פון זיי...

קינסטלער עפנט זיך
אַ גאַס
אין רמת־גן

רמת גן, די גאָרטן־שטאָט פון מדינת ישראל, — וואָס ווערט געקעכלט און געצערטלט און געפוצט און געצוואָגן דורך די פּני העיר, — וועט גאָר אינגיכן באַרייכערט ווערן מיט אַ גאַס אויפן נאָמען פון דעם באַרימטן אידישן קינסטלער מאַנע קאַץ.

עס איז נישט קיין נייעס אין מדינת ישראל, אַז שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטלער און נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן זאָלן זיך דערשלאָגן צו אייגענע גאַסן. עסווימלט און שווימלט דאָרט, אָן עין הרע, מיט גאַסן אויף נעמען פון גרויסע מענטשן.

ישראל בויט זיך אין אַ שנעלן טעמפּאָ; נייע גאַסן ווערן כסדר גע־בוירן; דער צפון פון תל־אביב ווערט איצט פאַרצווייגט מיט בלויז

„קינסטלערישע גאַסן״. מען שמועסט, אַז אינגיכן וועט מען ביים זוכן אַ גאַס אין אַ ישראלדיקער שטאָט שוין נישט דאַרפן באַנוצן קיין מאַפּע. אַנשטאָט אַ מאַפּע וועט מען נוצן אַ לעקסיקאָן...

מעגלעך, אַז ביי די שטענדיקע איינוואוינער פון ישראל איז די שפּע פון באַרימטע גאַסן שוין נישט מער ווי אַ וואָכעדיקע דערשיינונג. דאָס אויג האָט זיך שוין אפשר אַזוי צוגעוואוינט צו די צוגעקלאַפּטע שילד־לעך, אַז מען קוקט אויף זיי בלויז ווי אויף אַ טעכנישער הילף צום אויסגעפינען דעם אָדער יענעם אַדרעס.

אָבער פאַר אַ גרויסן טייל פון נייע עולים, און בפרט פאַר טוריסטן, איז די דאָזיקע דערשיינונג אַ סך מער ווי אַ „טעכנישע הילף״. ווען איר גייט פאַרביי צווישן אַזעלכע גאַסן, כאַפּט אייך אַרום אַ היימישע וואַרעמ־קייט. עס גלעט אייך אַ ווינטל, וואָס דערמאָנט אינם אַמאָל, און וואָס רוקט־אַרויס אי פריילעכע און אי טרויעריקע דערמאָנונגען. אַ פּוילישער איד, וואָס לייענט־איבער אויף עק־גאַס דאָס שילדל „רחוב הלל צייטלין״, פאַרגעסט דערווייל וועגן אַדרעס וואָס ער זוכט און עס שווימט־אויף פאַר אים די צייט און די געשטאַלט פונם גרויסן אידישן דענקער־שריפט־שטעלער הלל צייטלין, אויף וועלכן אַ דור האָט זיך דערצויגן.

אין גרעסטן טייל ווערן גאַסן פאַראייביקט מיט נעמען פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך פאַרדינט ביים לעבן, אַז מען זאָל זיי געדענקען שפּעטער.

ווייניק זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך ביים לעבן דעם נחת צו זען אַ שילדל פון זייער אייגענער גאַס.

עס גייט אַרום אין ישראל אַ ווערטל, אַז אַ שרייבער קאָן גיכער זיך דערשלאָגן צו אַ גאַנצער גאַס, נאָכן טויט, אײדער — צו אַ שטיקל וואוי־נונג ביים לעבן...

צו די ווייניקע אויסנאַמען געהערט דער קינסטלער מאַנע קאַץ. ער האָט זיך, אייגנטלעך, פאַרזיכערט אין פאָראויס צו האָבן „זיין״ גאַס. ער האָט דאָס געטאָן אויף אַן אָריגינעלן און גרויסמוטיקן אופן. די גאַס, וואָס ווערט איצט פאַראייביקט מיט זיין נאָמען, איז פאַרבונדן מיט אַ

צוואה, וואָס דער קינסטלער האָט צוגעגרייט און פאַרעפנטלעכט איצט, אין די סאַמע בליענדיקע יאָרן פון זיין שאַפן.

מאַנע קאַץ איז אַ לאַנג־יאָריקער פאַריזער תושב, אַ פראַנצויזישער בירגער און אַ באַזיצער פון אַ מעדאַל, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אים צוגעטיילט פאַר זיינע קינסטלערישע דערגרייכונגען.

אין ישראל איז מאַנע קאַץ ניט קיין פנים חדשות. ווען מיר האָבן זיך דאָס מאָל באַגעגנט איז ער שוין געווען צום צענטן מאָל אויף אַ באַזוך אין מדינת ישראל. אָבער שטענדיק ווערט ער דאָרט אויפגענומען מיט דער זעלבער יום־טובדיקייט ווי אַ חשובער גאַסט, וואָס קומט אויף אַ באַזוך צום ערשטן מאָל. עס בינדט אים אַ פריינטשאַפט מיטן פרעזי־דענט פון מדינת ישראל, בן צבי. אפילו דעמאָלט ווען מאַנע קאַץ פליט־אַרום איבער דער וועלט, געפינט ער זיך אויך אין הויז פון פרעזידענט. איין וואַנט פון בן צבי׳ס הויז איז באַדעקט און באַצירט מיט אַ ריזיק בילד, וואָס דער קינסטלער האָט געווידמעט דעם פרעזידענט, און דער פרעזידענט האָט אים „צוריקגעצאָלט״ מיט אַ בילד, וואָס הענגט אויף אַ וואַנט פונם קינסטלערס סטודיאָ אין פאַריז.

לויט דער צוואה וואָס מאַנע קאַץ האָט צוגעגרייט, דאַרף זיין קינסט־לערישע קאָלעקציע איבערגיין בירושה צום נאַציאָנאַלן פאַרמעגן פון מדינת ישראל.

די קאָלעקציע פונם קינסטלער איז אַ ריזיקע. דאָס איז אַ פאַרמעגן, וואָס ער האָט געזאַמלט אין משך פון לאַנגע יאָרן און וואָס באַשטייט פון: בילדער, סקולפּטורן, היסטאָרישע פּרוכת׳ן, חנוכה־לאָמפּן, כלערליי לשנה טובה׳ס, טעפּיכער, כתובות פון 18טן יאָרהונדערט, איטאַליענישע און אי־ראַקישע און פיל וויכטיקע אַנדערע אַנטיקן, קונסט־ווערק.

דאָס אַלץ דאַרף, לויטן וואונטש פונם קינסטלער, אַריינגענומען ווערן אין אַ מוזיי, אין רשות פון דער ישראל־רעגירונג.

אַ לאַנגע צייט האָבן ישראלדיקע שטעט געפירט צווישן זיך אַ „קאַל־טע מלחמה״ וועגן דעם, וואוהין, צו וועלכער שטאָט, דער קינסטלערישער אוצר זאָל אַריינפאַלן. אָבער פון אַלע שטעט איז אַרויס די זיגערין —

רמת גן, די פּרעכטיקע גאָרטן־שטאָט, וואָס געפינט זיך זיבן מייל הינטער תל־אביב.

קאָכט זיך איצט אין רמת גן מיט די פּאָרבאַרייטונגען פון עטאַבלירן

ווי דער קינסטלער מאַנע קאַץ זעט זיך אַליין.

דעם מוזיי. מען גרייט זיך צו מאַכן עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס זאָל זיין אַ שטאָלץ פאַר דער שטאָט און אַ רום פאַרן קינסטלער.

דער קוועקזילבערדיקער, דינאַמישער מאַנע קאַץ, וועלכער זעט אויס,

— ווען עס „מסר׳ט" אים נישט זיין קאָפּ מיט די שניי־ווייסע האָר, — ווי אַ שטיפעריש אינגעלע, רוט נישט און העלפט מיט ראָט און טאָט צו מאַכן פונם מוזיי אַ קינסטלערישן מאָנומענט. מאַנע קאַץ געהערט נישט צו די, וואָס האָבן געדולד צו וואַרטן ביז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, ווען אַנדערע וועלן זיך פאַרנעמען מיט פאַרפעסטיקן אים די אייביקייט. ער וויל נישט, — זאָגט ער, — זיין אַזוי „עגאָאיסטיש", — ער וויל בעסער אַליין צולייגן אַ האַנט צו זיין „שפּעטערדיקייט".

גייט שוין טאַקע איצט דער צוגרייטונגס־אַפּאַראַט מיט דער גאַנצער פּאַרע.

דער מוזיי וועט טראָגן דעם נאָמען „בית מאַנע קאַץ". די גאַס, וואו דער מוזיי וועט זיך געפינען, וועט הייסן: „רחוב מאַנע קאַץ". דער פּלאַץ פון מוזיי איז באַשטימט אויפן העכסטן פונקט פון רמת גן, ביים וואַסער־רעזערוואואַר פון שטאָט.

מאַנע קאַץ האָט מיר געוויזן דעם פּלאַץ און גערעדט וועגן זיינע פּלענער מיט באַגייסטערונג:

„מיין ציל איז, אַז דאָס הויז זאָל זיין אַ מאָנומענט פון אַ אידישן קינסטלער פאַר אידישער קונסט. די געביידע וועט זיין אינערלעך און אויסערלעך דעקאָרירט מיט פרעסקן און מאָזאַאיק. די מאָזאַאיקס וועלן פאַרשטעלן די צוועלף שבטים אין סקולפּטורן. די געביידע דאַרף, לויטן פּלאַן, פאַרענדיקט ווערן מיט אַ טורעם. אויפן שפּיץ פון טורעם האָט געזאָלט זיין אַ משה רבינו־סקולפּטור. אָבער צוליב פּראָטעסטן פון רעלי־גיעזע אידן האָב איך רעזיגנירט פונם דאָזיקן פּלאַן. איך האָב באַשלאָסן, אָנשטאָט אַ משה רבינו־סקולפּטור, אַוועקצושטעלן — אַ באַוועגלעכע מנורה, וואָס וועט זיך דרייען אַרום שפּיץ פון טורעם און וועט זיין באַ־לויכטן אין די שבתים און ימים־טובים, און דאָס ליכט וועט זיך אָנזען וויט אַרויס אויפן ים."

לויט דער צוואה איז דער עקזעקוטאָר פונם קונסט־פאַרמעגן און פון דער אינסטאַלאַציע — יחזקאל סהר, דער הויפּט פון דער ישראל־פּאָליציי, וועלכער איז אַ קונסט־ליבהאָבער, און, אגב, — אַ פּערזענלעכער פריינט פונם קינסטלער זינט צענדליקער יאָרן. מיט אויספירן דעם פּראַקטישן

טייל פון פלאַן פאַרנעמט זיך אפרים אילין, פרעזידענט פון קייזער־פרייזער קאָמפּאַני אין ישראל.

מאַנע קאַץ האָט אין זיין צוואה זיך נישט באַגרענעצט בלויז מיטן שאַפן אַ זאַמל־פונקט פאַר זיין קינסטלעריש פאַרמעגן, וואָס וועט בלייבן נאָך אים, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר. זיינע פּלענער גייען אַ סך ווייטער. אין דער צוואה איז פאַראַן אַ פּונקט וועגן עטאַבלירן אַ מאַנע קאַץ־פּרייז פאַר קינסטלער אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט און גע־שלעכט. די פּרייזן דאַרפן באַשטימט ווערן דורך אַ דזשורי, וואָס זאָל זיין טעטיק איין מאָל אין ישראל און איין מאָל אין פראַנקרייך.

דאָס באַשטימען אַ דזשורי אויך אין פראַנקרייך, איז, אייגנטלעך, אַ געוויסע פּשרה אינם „קאָנפליקט״, וואָס איז אויסגעבראָכן צווישן מאַנע קאַץ און זיינע נאָענטע פריינט, קינסטלער אין פראַנקרייך. זיי האָבן גע־טענה׳ט, אַז די ירושה דאַרף אויך געהערן צו דער קינסטלער־משפחה אין פראַנקרייך. אפילו דער פראַנצויזישער אויבער־ראַבינער יעקב קאַפּלאַן האָט זיך אַריינגעמישט אינם קאָנפליקט און געפּרוּווט העלפן „סעטלען״ די „ירושה־מלחמה״. געענדיקט האָט זיך עס מיט דער פּשרה, אַז די דזשורי זאָל זיך בייטן, — איין מאָל אין ישראל און איין מאָל אין פראַנקרייך.

נישט געקוקט דערויף, וואָס פאַרן מוזיי־אויפבוי איז באַשטימט אַ פינף־יאָריקער פּלאַן, גייט שוין די צוגרייטונגס־אַרבעט גאַנץ פיבערדיק.

סיי די באַפעלקערונג אין ישראל און סיי די אָפיציעלע קרייזן אין לאַנד האָבן אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם די ווערטפולע ירושה, מיט וועלכער דער טעמפּעראַמענטפולער און לעבנסלוסטיקער קינסטלער האָט זיך געאיילט איבערצושרייבן פאַר דער אידישער מדינה.

מאַנע קאַץ אַליין פילט זיך יום־טובדיק מיט זיין באַשלוס.

אין אַ געמיטלעכן שמועס האָט ער זיך פאַר מיר „מתוודה־געווען״:
„איך פיל, ווי ס׳איז מיר אַראָפּ אַן עול פון קאָפּ! איצט, אַז כ׳האָב שוין איבערגעלאָזט די צוואה, קאָן איך רואיק לעבן!״

ביי יעדן שמועס מיט אים האָב איך געזען זיין יום־טובדיקייט. און געשמועסט האָב איך מיט אים אויף אַ שפּאַר שטיקל וועג, — פון האָטעל „דן״ אין תל־אביב, דערנאָך אויף דער „נגבה״־שיף איבער ימים, ביז

אין קינסטלערס אָריגינעלער סטודיע אינם הויף־פּאַלאַצל, אויף מאָנ־פּאַרנאַס אין פּאַריז.

מאַנע קאַץ איז, אגב, אַ גוטער שמועסער. ער שמועסט גוט און הערט גוט. אין זיין אָריגינעלער סטודיע, וואו עס שוועבט אַרום אין דער לופט אַ הייליקע ערנסטקייט, און וואו איר פילט, אַז איר דאַרפט ריידן שטיל און איר דאַרפט גיין אויף די שפּיצן פינגער אין שטעק־שיך, — אין דער דאָזיקער ערנסטקייט האָט מאַנע קאַץ מיר דערציילט וויצן און גע־קיבעצט זיך אַליין. ער האָט ספּעציעל הנאה אָפּצולאַכן פון זיין קליינגע־וויקסיקייט, וואָס מאַכט אים אויסזען ווי אַ אינגעלע.

„איך בין איינמאָל", דערציילט ער מיר, „אַריבערגעגאַנגען אין פּאַ־ריז פון איין גאַס אויף דער צווייטער, און איך האָב געזען אַ גאָר הויכע דאַמע, וואָס האָט געצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט. איך בין דרייסט צו־געגאַנגען צו איר און געפרעגט:

— מאַדמואַזעל, קאָן איך אייך באַגלייטן?

„די דאַמע האָט מיך אָנגעקוקט און געענטפערט: „אויב דו האָסט מורא אַליין צו גיין, טאָ גיב מיר ס'הענטעלע, וועל איך דיך אַריבערפירן איבער דער גאַס!"...

ביים קיבעצן זיך אַליין האָט ער מיר דערציילט וועגן זיין „רום און סוקסעס" אין לעבן.

אויף איינער פון זיינע אויסשטעלונגען איז צו אים צוגעקומען אַ דאַמע און געזאָגט:

„אייער פּנים געפעלט מיר זייער! ווען עס וואָלט זיך געפונען אַ קינסטלער וואָס זאָל אייך מאָלן, — וואָלט איך געקויפט דעם פּאָרטרעט!"...

אַן אַנדער קונסט־מבין האָט אַמאָל געפרעגט מאַנע קאַצ'ן אַ מיינונג וועגן קינסטלער מאַרק שאַגאַל.

— ער איז אַ גרויסער קינסטלער! — האָט קאַץ געענטפערט.

— אויב אַזוי — האָט דער קונסט־מבין מיט פאַרוואונדערונג ווידער געפרעגט, — איז פאַרוואָס־זשע האָט מיר מאַרק שאַגאַל וועגן אייך נישט געזאָגט אַזאַ גוטע מיינונג?!

— וויל מיר ביידע זאָגן ליגן!... — האָט געענטפערט מאַנע קאַץ.

אָבער איין מאָל בעת מיין רייזע האָב איך געטראָפֿן דעם שטענדיק־פריילעכן מאַנע קאַץ אין אַ טרויעריקער שטימונג. דאָס איז געווען אין דער פראַנצויזישער פּאָרט־שטאָט מאַרסיי. מיר האָבן שפּאַצירט איבער דער שטאָט, ביז מיר זיינען צוגעקומען צום ברעג פון ים.

מיין מיטשמועסער מאַנע קאַץ איז פּלוצים געוואָרן טרויעריק אַנט־שוויגן. ער ווייזט מיטן פינגער אויפן ים, און נאָך עטלעכע רגע׳ס שווייגן גיט ער מיר אַ זאָג:

— איר זעט, דער דאָזיקער פּלאַץ דאָ דערמאָנט מיך אין ביטערע שעה׳ן! דאָס איז געווען אין די מלחמה־יאָרן, ווען די נאַציס זיינען אַריין קיין פראַנקרייך. איך בין דאַן געווען אין מאַרסיי. אין שעה׳ן פון פאַר־צווייפלונג בין איך צוגעלאָפן דאָ צום וואַסער און זיך געוואָלט אַריינוואַרפן!

ער איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און אַ טרויער האָט באַגאָסן זיין פּנים.

לאַנג האָט דער טרויער נישט געהאַלטן. דער שטענדיקער שמייכל איז צוריקגעקומען, און מאַנע קאַץ האָט ווייטער געזאָגט:

...אָבער כ׳האָב דעמאָלט באַשלאָסן, אַנשטאָט צו טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד, בעסער צו טראַכטן: „ווי אַזוי קומט די „קאַץ” איבערן וואַסער?”...

בעטלער־טיפּן

אין יעדן לאַנד טרעפט איר פּראָפעסיאָנעלע קבצנים, בעטלערס, וועמען דער גורל האָט דערפירט צו „מאַכן אַ לעבן" פון אויסשטרעקן די האַנט. אויך אונזער ישראל איז, חלילה, נישט אָרעם אין קבצנים. איר טרעפט זיי אַרומגיין אין די קאַפעען און אין די גאַסן. איר זעט זיי אין די פּאַרקן צווישן לײדיקגייערס און אין די האַנדלס־צענטערס צווישן צעהיצטע סוחרים. זיי „באַאַרבעטן" די רייכע געגנטן, אָבער זיי לאָזן אויך נישט דורך די אָרימע קוואַרטאַלן. זיי פילן זיך אומעטום ווי אינדערהיים.

קיין גרויסע השגות האָבן זיי נישט, די ישראלדיקע בעטלערס. זיי ווייסן אַז קיין מיליאָנערן וועלן זיי שוין ביי דער פּראָפעסיע נישט ווערן.

באַנוגענען זיי זיך טאַקע מיט אַבי־וואָס. מיט איין פּיאַסטער קאָנט איר זיך ביי זיי אויסקויפן. אָבער דעם פּיאַסטער נעמען זיי, וואָלט איך געזאָגט, מיט ווירדע. זיי ווייסן אַז זיי אַרבעטן נישט אין דער פרעמד, נאָר — צווישן בלויז אייגענע. אַלע קליענטן, אַן עין הרע, זיינען אידן. אַמאָל טרעפט מען אַ בעסערן קליענט און אַמאָל אַן ערגערן, אָבער יעדער קליענט איז פּאָרט אַן אייגענער. און אויב שוין יאָ צווישן אייגענע — „אַרבעט" זיך גאָר אַנדערש: איך בין דיין אייגענער קבצן, טאָ זיי־זשע מוחל און האַלט מיך אויס!...

איך האָב זיי אָבסערווירט, די ישראלדיקע בעטלערס. און טיילמאָל האָב איך זיי אפילו נאָכגעפאָלגט און נאָכגעקראָכן דורך גאַנצע שטרעקעס און געזען ווי זיי אַרבעטן מיט פאַרשידענע אופנים און „סיסטעמען". טייל פון זיי זיינען חוצפהדיק און טייל זיינען באַשיידן. טייל אַרבעטן אויף אַ פּשוטן אופן, און טייל — מיט אַ קינצל, מיט אַ טריק. טייל נעמען דעם פּיאַסטער מיט הומאָר, און טייל — מיט אַ טרערל. פאַראַן בעטלערס, וואָס אַרבעטן מיט די בלויזע צען פינגער, פאַראַן אַנדערע וואָס באַנוצן זיך צו דער אַרבעט מיט רעקוויזיט, „פּראָפּס". פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס באַנוצן זיך — אין פאַל ווען די אינטערעסן פאַרלאַנגען — מיט אַ לייכט קללה׳לע, וואָס איז נישט שעדלעך, און וואָס האָט נאָך, חלילה, קיינעם נישט פאַרשאַדט...

איך האָב אָפט געטראָפן „גאַסטראָלירן" אין די קאַפעען אַ בעטלערקע מיט צעפּלאָשעטע האָר. זי האָט אָן ווערטער צונויפגעזאַמלט נדבות ביי די געסט. אָבער אויב אַ גאַסט האָט געוואָגט איר צו געבן נישט מער ווי אַ האַלבן פּיאַסטער, איז זי אַרויס מיט לשון: „מ׳זאָל ביידע דערלעבן איבעראַיאָר, און א י ך זאָל א י י ך געבן!"

אין קאַפע „נאַגאַ" אין תל אביב, טרעפט מען יעדן טאָג, אין די פאַרמיטאָג שעה׳ן, אַ בעטלער, וואָס רייסט אויף די אויגן מיט זיין געדיכטער באָרד. ער גייט פון טיש צו טיש מיט זיכערע טריט, און ער שיקט די באָרד פאָראויס: ער נעמט אין דער אַרבעט צו־הילף די באָרד. ער ווייסט, אַז די באָרד רופט אַרויס מער רעספּעקט, ווי ער אַליין. ער האָט פיינט ווען ס׳איז אַן ענגשאַפט אין קאַפע, און די געסט שטייען אים אין

וועג. אין אַזאַ ענגשאַפט „טרעט" ער זיך אויס אַ וועג מיט די עלנבויגנס. ער שטופּט אַלע אַוועק און שרייט: „לאָזט'ס אַרבעטן! וואָס טוט זיך דאָ הײַנט?!"

איך האָב בײַ יעדער געלעגנהייט נאָכגעפאָלגט דעם דאָזיקן בעטלער. עס איז מיר געפעלן געוואָרן דער סיסטעם פון זײַן אַרבעט. מיר האָבן שוין אפילו צווישן זיך געהאַט אַ נישט־געשריבענעם און נישט־געזאָגטן אָפּמאַך פון קעגנזײַטיקער אונטערשטיצונג: איך האָב אים אונטערשטיצט מיט פּיאַסטערס, און ער האָט מיך אונטערשטיצט מיט לאָזן רעדן צו זיך, און מיט כאַפּן אַ שמועסל וועגן אַזעלכע ענינים וואָס גייען אַרויס פון די ראַמען פון זײַן פּראָפעסיע.

ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ וואַרשעווער. ער האָט געוואוינט ביז צו דער מלחמה אויף סטאַווסקי־גאַס, און ער האָט געהאַט אויף וואָלאָווע־גאַס, אונטערן פרייען הימל, אַ וואַרשטאַטל צו פאַרלאַטן אַלטע שיך און פאַרריכטן קאַלאָשן. זינט זיבן יאָר איז ער אין ישראל, ער וואוינט אינם יפו'ער געגנט, אין דזשעבעליא. ער האָט אַ ווײַב מיט קליינע קינדער און פון זײַן בעטלערײַ לעבט, בוכשעם, די גאַנצע פאַמיליע.

אויף די גאַסן פון תל־אביב זעט איר בײַטאָג און בײַנאַכט זיך אַרומדרייען אַ בעטלער, וואָס האַלט אונטערן אָרעם אַ צוזאַמענגעקנוילטן אַלטן וואַטענעם מאַנטל. דער איד זעט אויס פון אַ יאָר פופציק, און דער מאַנטל — אומגעפער אויך פון די זעלבע יאָרן. ביידע זײַנען זיי פּאָפּולער אין תל־אביב, — סײַ דער בעטלער און סײַ זײַן פּערמאַנענטער באַגאַזש אונטערן אָרעם. צו־וואָס אַזאַ איד טראָגט זיך אַרום שוין יאָרן, אין היצן, אין „כאַמסינס" און אין רעגנס, מיט אַ וואַטענעם מאַנטל, — דאָס ווייסט נישט קיינער. מען ווייסט בלויז אַז ביידע זײַנען זיי אומצעשיידבאַר, ווי צוזאַמענגעוואַקסן.

מען שמועסט אַז דער דאָזיקער בעטלער איז אַ איד אַ גביר, אַ באַזיצער פון אַ הויז. ער גייט אָבער אָן מיט זײַן בעטלערישער אַרבעט, — ער זאַמלט נדבות ווי אַ ראַיעלער קבצן מיט אַ גרויסער פּראַקטיק.

איך האָב איינמאָל אויסגענוצט מײַן מטבע, וואָס איך האָב אים געגעבן, און געפרעגט:

— ר׳ איד, איז טאַקע אמת, וואָס די גאַס זאָגט, אַז איר האָט אַ הויז?

— עץ זענט ביטערע מענטשן, — האָט ער מיר גלייך צוריקגעענט־פערט, — צי איך האָב אַ הויז, דאָס ווילן אַלע וויסן, אָבער צי איך בין אַן אָרימאַן, דאָס וויל קיינער נישט וויסן!

איך האָב געזען, אַז מיין פראַגע איז פאַר אים נישט קיין איבער־ראַשונג, און זיין ענטפער איז שוין פאַר אים אַן אויספּראָבירטער, אַ סקאַר־באָוועה.

פאַראַן אין ישראל בעטלערס, וואָס נעמען אויף קאַלט אַן אָפּזאָג. יאָ־יאָ, ניין־ניין, זיי גייען אַריין אין קליענטס לאַגע... פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס לאָזן זיך נישט „שפּייען אין דער קאַשע״. ווען אַזאַ איינער בעט אייך אַ נדבה, און איר זאָגט אים „איך האָב נישט!״ — זאָגט ער אייך: „גייט אַרבעטן!״

אויף אַלענבי־גאַס אין תל אביב, זעט מען טאָג־טעגלעך זיצן אַ בעטלער מיט אַ פידל אין דער האַנט. זיין רונדיג־אויסגעגאָסן פּנים „זאָגט״ אייך, אַז דער באַזיצער פונם פּנים איז, חלילה, נישט הונגעריק. דער בעטלער ציט פויל מיטן סמיטשיק איבערן פידל און שפּילט־אויס עפּעס אַזוינס, וואָס דאַרף זיין אַ מעלאָדיע. בלויז מבינים כאַפּן זיך, אַז דאָס מיינט ער — אָטשי טשאָרניאָ״. נעבן פידל איז אַ פידל־טאַש, וואָס דינט ספּעציעל פאַר די דורכגייער צום אַריינוואַרפן אַהין מטבעות. אויב מען טרעפט, חלילה, דערנעבן, רייסט דער פידלער איבער דאָס שפּילן און נעמט מאַכן קולות:

— אין לך עינים?! האָסט נישט קיין אויגן? זע ווי דו וואַרפסט!

פאַראַן אין תל־אביב אַ בלינדער בעטלער, וועמען ס׳וויב פירט שטענדיק ביי דער האַנט.

זייער אָפט גיט זי אַ שלעפּ דעם מאַן ביים אַרבל, אין מיטן זאַמלען די נדבות:

„פאַרמאַך ס׳אויג, — אַ פּאָליציאַנט גייט!״

די אַלענבי־גאַס האָט בכלל „מזל״ צו אַ פאַרשידנאַרטיקן אויסוואַל פון בעטלערס. יעדעס מאָל ווען איך בין פאַרבייגעגאַנגען די אַלענבי־גאַס האָב איך זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ בעטלער, וואָס זיצט און דאַוונט הויך.

ער זעט אויס אין עלטער פון 45—50 יאָר. שטענדיק — גלאַט ראַזירט. איין האַנט האַלט ער אויסגעשטרעקט נאָך נדבות, און אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אַן אָפּענעם סידור. דער דאָזיקער בעטלער האָט אַ שוואַכ־קייט צו טראָגן פאַרשידענע היטלען. איינמאָל זעט איר אים אין אַ היטל פון אַ סאָלדאַט, אַ צווייט מאָל — אין אַ היטל פון אַ שאָפער, פון אַ קאָנדוקטאָר, אָדער גאָר אין אַ פראַנצויזישן קינסטלער־בערעט. ווען נישט זיין דאַווענען, וואָלט אים שווער געווען צו דערקענען.

טייל פידלער אויף אַלענבי־גאַס האָבן אַ חוץ נדבה־אַמביציעס, אויך — קינסטלערישע אַמביציעס. איך האָב געטראָפן אַזאַ קינסטלער שפּילן סערענאַדעס. עס האָט מיך געוואונדערט, וואָס ער שפּילט ניט אין פראָנט פון דער גאַס, וואו די פאַרבייגייער זאָלן אים קאָנען זען און הערן. ער האָט זיך גאָר אויסגעזוכט אַ ווינקל אונטער אַ דעכל פון אַן אריינגאַנג אין אַ הויז.

— פאַרוואָס זיצט איר אינעווייניק — האָב איך אים געפרעגט, — פאַרוואָס זיצט איר נישט אין דרויסן, וואו איר האָט אַ פּובליקום?...

— ווייל דאָ אינעווייניק, — האָט ער מיר געענטפערט, — איז אַ בעסערע אקוסטיק!

איך האָב געזען אַז איך האָב צו טאָן מיט אַן אַמביציעזן קינסט־לער און איך האָב אים געגעבן אַ צוגאָב־מטבע.

אַ ירושלימער בעטלער איז גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער. ער קאָנקורירט נישט מיטן תל־אביבער סיסטעם. ער האָט זיך זיין אייגענעם אופן. אין תל־אביב, למשל, גייען די בעטלערס מיט „אויפגעהויבענע קעפּ". זיי האַלטן אַז בעטלעריי איז אַ פאַך מיט וועלכן מ'דאַרף זיך נישט שעמען. אַ תל־אביבער אָרימאַן איז איינמאָל צו מיר צוגעקומען און זיך גלייך פאָרגעשטעלט מיט אַ מינדלעכער וויזיט־קאַרטע: גיט אַ נדבה, איך בין אַ איד אַ שנאָרער".

אַ ירושלימער אָרימאַן איז מער הכנעה'דיק און רייסט זיך נישט צו באַווייזן די וויזיט־קאַרטע. ער „אַרבעט" שטיל, באַשיידן און שאַרט זיך טיילמאָל ווי אַ שאָטן. ער זאָגט אייך נישט וואָס ער איז, ער פאַרלאָזט זיך אויף אייער אינסטינקט, — איר וועט זיך אָנשטויסן.

אויף רחוב יפו, אין ירושלים, האָב איך געזען זיצן אַ הדרת פּנימדיקן איד, מיט אַ גראָער פּאַטריאַרכאַלער באָרד. אין אַ וואָכנדיקן טאָג איז דער איד געווען אָנגעטאָן אין אַ יום־טובדיקן כאַלאַט. ער איז געזעסן, געזאַמלט נדבות און געהאַלטן אַ טיכל אין דער האַנט. דאָס טיכל איז נישט סתם אַ טיכל, דאָס איז אַ טעכנישע הילף אויף צו זאַמלען „ווייבערישע נדבות". ער וויל נישט באַרירן די ווייבערישע הענט, — נעמט ער דאָס געלט דורך אַ טיכל... איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט, אַז דער איד זאַמלט נישט דאָס געלט פאַר זיך נאָר פאַר אַנדערע.

אָבער לאָמיר זיך צוריקכאַפּן פון ירושלים קיין תל־אביב, ווייל איך וויל נישט באַעוולה'ן נאָך עטלעכע אינטערעסאַנטע בעטלער־טיפּן, וואָס איך האָב דאָרט באַגעגנט, און וועלכע פאַרדינען זיך כשר פאַראייביקט צו ווערן.

איך מיין דאָ די בעטלערס, וואָס באַנוצן זיך מיט „טריקס" ביי זייער אַרבעט. איך האָב עטלעכע פון זיי באַגעגנט שפּעט ביינאַכט אין דער „קאַסיט"־קאַפע.

עס קומט אַריין אין „קאַסיט" אַ „טרעפער". ער טראָגט מיט זיך אַן עלעקטריש־אַפּאַראַטל, וואָס טרעפט פאַר אַ פּאָר פּיאַסטער יעדן איינעם וואָס זיין האַרץ ווינשט זיך. דער טרעפער צוזאַמען מיטן אַפּאַראַטל טרעפן אייך אייער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט. דער טרעפער נעמט ביי אייך אייער האַנט און אייערע פּאָר פּיאַסטער, דאַן גיט ער אַ קוועטש ביים מאַשינדל, און דאָס מאַשינדל „זאָגט" מיט אַן עלעקטריש פּייערל, וואָס איר ווילט געוואויר ווערן...

איך בין געווען אַ בעלן איינמאָל זיך צו לאָזן „פּאַנגען" פונם טרעפער. ער האָט מיר געגעבן אַ געשריבענעם צעטל מיט פראַגן, און איך האָב מיר אויסגעקליבן די פראַגע: „ווער וועט זיין מיין איידעם". דאָס מאַשינדל האָט מיר געגעבן אַ פאַרעווע תשובה: „ער וועט זיין געראָטן אין דיר".

— נו, פרעגט מיך דער טרעפער, — איר זענט צופרידן?

— איך וואָלט אפשר — זאָג איך — געווען צופרידן, אָבער כ'האָב נישט קיין טאָכטער, וואָס שטייט אין שידוכים — איך האָב בלויז אַ

גערעטן זונעלע, דוד׳ל הייסט ער! אָבער דער טרעפער האָט שוין נישט געהאַט קיין צייט צו פירן מיט מיר קיין ווייטערדיקע שמועסן, ווייל עס איז אים גראָד אונטערגעקומען אַ נייער קליענט.

איך האָב געהאַט אין זעלבן „קאַסיט" אַ „צוזאַמענשטויס" מיט אַן אַנדער בעטלער, וועלכער גייט אויף אַן „אייזערנער בריק". ער זאַמלט נדבות מיט אַ פאַרבונדענער האַנט, מיט אַ פאַרבונדן פנים און מיט אַ רעצעפּט אין האַנט. ער איז הייסט עס, אַ חולה מסוכן, און ער נעמט צוזאַמען נדבות צו ראַטעווען ס׳געזונט.

איך האָב געגעבן דעם קראַנקן בעטלער מיין ביישטייערונג, און איך האָב אים געבעטן דערנאָך, אַז ער זאָל מיר ווייזן, גלאַט אַזוי, אויף טשע־קאַוועס, די רעצעפּט פון דאָקטאָר. גראָד בין איך געזעסן ביים טישל מיט מיינע פריינט דאָקטאָר־מעדיצין מאַרק דוואָרזשעצקי און זיין פרוי. איך האָב געבעטן דעם דאָקטאָר ער זאָל „דעשיפרירן" דעם רעצעפּט. ער האָט דערפילט מיין בקשה און איבערגעלייענט: „טובערקולאָז־מיקראָבן — („טי. קעי." — קאָך־מיקראָבן) נישט געפונען. דער פּאַציענט איז געזונט און שטאַרק..."

איך האָב חלילה קיינעם פון מיינע אַרומיקע פריינט נישט אויסגעזאָגט דעם סוד וועגן חולה מסוכן. צו־וואָס עס טאָן? איך — פּאָר אַוועק, און ער — בלייבט דאָך איבער און דאַרף ווייטער „מאַכן אַ לעבן" פון דעם רעצעפּט...

דער פאַרבלאָנדזשעטער שבט...

איר געדענקט אפשר דעם פּאָפּולערן פאָלקס־וויץ, וואָס מען דערציילט וועגן אַ אידישן גנב?

מ׳האָט געפירט איבער דער גאַס אַ פּאַרטיע אַרעסטאַנטן. אויפן וועג האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן זיך אָפּצורוען.

שטייען דערביי עטלעכע אידענעס, שאָקלען מיט די קעפּ און באַדויערן: „ווי איז צו מיר, בלויז אידן, נעבעך!"

פרעגן זיי איינעם פון די אַרעסטאַנטן:

— פאַרוואָס האָט מען אייך איינגעזעצט?

— פאַר אַ פּאַס, נעבעך! — ענטפערט דער ערשטער.

— און פאַרוואָס האָט מען אייך איינגעזעצט? — פרעגן זיי דעם צווייטן.

— פאַר נישט גיין צום מיליטער, נעבעך!
— און פאַרוואָס — איך? — פרעגן זיי דעם דריטן.
— ווייל כ׳בין אַ גנב, נעבעך!

כ׳האָב מיך דערמאָנט אינם „גנב נעבעך!“, ווען איך האָב באַזוכט געוויסע תל אביב׳ער פעריפעריע־קוואַרטאַלן, וואו עס האָט זיך באַזעצט אַ פאַרבלאָנדזשעטער שבט, — די ישראלדיקע אונטערוועלט. אַ קליינע משפחה, אָבער — אַ „פריילעכע“.

פאַראַן אין תל אביב אַזעלכע געגנטן, וואו עס קאָנצענטרירן זיך די אידישע „גנבים נעבעך“. און כדי נישט צו פאַרמינערן די אויטאָריטעט פון דער אונטערוועלט־פּראָפעסיע, איז ווערט צו באַטאָנען, אַז נישט בלויז גנבים וואוינען דאָרט, נאָר דער גאַנצער קלאַפּערגעצייג פון דער „משפחה“ האָט דאָרט זיין זיץ־אָרט.

אַזעלכע קוואַרטאַלן ווי „קרם התימנים“, „שכונת התקוה“, אָדער „שטח הגדול“ אין יפו, דערמאָנען איך גאָר שטאַרק אין אַ וואַרשעווער סמאָטשע, קראָכמאַלנע, סטאַווקי, אָסטראָווסקע און וואָלאָווע־גאַס.

דאָרט, אין די דאָזיקע קוואַרטאַלן, וואָס זיינען אַזוי געדיכט באַוואוינט, אַז צען־צוועלף נפשות אָטעמען אין איין שטיבל, — דאָרט גייט די אָרעמקייט מיט פאַרברעכנס האַנט ביי האַנט.

איר קאָנט דאָרט געפינען אַ רייכן אויסוואַל פון פאַרשידענע טיפּן, — אָנהויבנדיק פון אַ קעשענע־גנב׳ל אַן אַמאַטאָר, און ענדיקנדיק אויף אַ פּראָפעסיאָנעלן באַלעבאַטיש־איינגעפונדעוועטן שטוב־גנב.

איר קאָנט דאָרט געפינען רעסטאָראַנטלעך און קאַווע־הייזקעס, וואו מען שפּילט דאָמינאָ און קאָרטן. מען הויבט־אָן שפּילן מיט געלט און מען ענדיקט ס׳שפּילן — מיט אַ געשלעג.

איר קאָנט דאָרט געפינען „מעלינעס“ פון „פּאַסערס“, וואו עס גייט אַ האַנדל פון קויפן, פאַרקויפן, אָפּנעמען און אויסלייזן געגנבעטע חפצים.

איר קאָנט דאָרט טרעפן „דינטוירעס“ צווישן אַן „ער“ מיט אַ „זי“, פאַר כאַפּן ביי אַ פאַרראַט נאָכן צוריקקומען פון תפיסה.

אַן אייגנאַרטיק „לעבן" ווערט געפירט אין דער דאַזיקער סביבה: עס קורסירט דאָרט דער גנבישער זשאַרגאָן אויף פאַרשידענע שפּראַכן, און די טראַדיציאָנעלע אונטערוועלט־ווינשעוואַניע „די פריי זאָל מיר אַזוי דינען!" איז ביי אַלעמען אויף די ליפּן.

די אונטערוועלט־משפּחה, וואָס באַוואוינט די דאָזיקע געגנטן, רעקרוטירט זיך בלויז פון נייע עולים, אייראָפּעאישע און אָריענטאַלישע. קיין וותיקים וועט איר דאָרט נישט געפינען.

די פאַרברעכער וואָס קומען פון די אָריענטאַלישע לענדער, זיינען ס'רוב קרבנות פון פוילקייט און פאַטאַליזם.

דאַקעגן די „פאַכלייט" פון די אייראָפּעאישע לענדער געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון די, ביי וועמען פאַרברעכנס „ליגן אין בלוט". עס ציט זיי צו דער אַרבעט פון געוואוינהייט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון יענער זייט; עס יאָגט זיי דער אימפּעט פון וועלן מאַכן אַ לייכט פאַרדינסטל, און — פון שטרעבן שנעל רייך צו ווערן.

ווען ס'איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט ישראלדיקע אידן וועגן דאָזיקן פּראָבלעם, האָבן זיי מיר דערקלערט, אַז זיי קוקן דערויף ווי אויף אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אין אַ נאָרמאַל לאַנד.

„מיר זיינען נישט, — זאָגן זיי, — קיין אויסנאַם פון אַנדערע לענדער און פון אַנדערע פעלקער! אַ ישוב קאָן זיך „דערלויבן" צו האָבן אויך אַזאַ עלעמענט! מיר זיינען מענטשן און נישט קיין מלאָכים, און מענטשן האָבן אַ רעכט צו האָבן מענטשלעכע שוואַכקייטן!"

אין די יאָרן פון די פריערדיקע עליות זיינען גנבות אין ישראל געווען אַ זעלטענע דערשיינונג. אַ שליסל איז דאַמאָלס געווען אַן איבעריקע זאַך. מ'האָט נישט פאַרשלאָסן קיין טיר, קיין שאַנק, קיין וואַליזע.

אַמאָל, אַז מ'האָט געלאָזט אָפן די וואוינונג, און מ'האָט — נאָכן אַהיימקומען, — דערזען, אַז עס פעלט פון שאַנק אַ סוועטער אָדער אַ העמד, האָט מען געוואוסט, אַז עס איז נישט געשען קיין גנבה, נאָר אַ שכן האָט זיך מסתמא אויסגעבאָרגט דאָס, וואָס אים האָט צוגעפעלט. שפּעטער איז דער שכן אַריינגעקומען און אָפּגעגעבן די „גנבה".

איצט וועט שוין אַ ישראל־איינוואוינער נישט ריזיקירן איבערצולאָזן אַ וואוינונג אויף הפקר, און אַ שליסל איז שוין דאָרט איצט אַן אַרטיקל, וואָס איז יאָ נוצלעך.

אינם אונטערוועלט־געזינדל זיינען פאַראַן, אַחוץ גנבים, אויך אַנדערע קאַטעגאָריעס פון „ספּעציאַליסטן".

אַ פּראָסטער גנב געהערט נישט צו די יחסנים פון פאַך. צו דער „אַריסטאָקראַטיע" פון דער פּראָפעסיע ווערן פאַררעכנט — קאַסע־ברעכער און סתם איינברעכער. פאַראַן אַזעלכע „קינסטלער", וואָס אַרבעטן ביים עפענען אַ קאַסע, לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק. די דאָזיקע ספּעציאַליסטן זיינען אויך בקי אין איינברעכן תפיסה־גראַטעס. ווי איך האָב געהערט פון אַן אָנפירער פון אַ תפיסה, זיינען שוין געווען עטלעכע פאַלן פון אַנטלויפן.

צו די „בעסערע מענטשן" אין דער משפחה געהערן אויך — פּראָפעסיאָנעלע אַפערריסטן.

עס ווערן אויסגענוצט פאַרשידענע אויפטועכצן ביים אַפערירן מענטשן. מען פאַרקויפט מציאות, — שטיינער אָנשטאָט ברילאַנטן, — בחצי חנם, און בעלנים אויף מציאות זיינען איבעראַל פאַראַן.

מען באַנוצט זיך מיט כל'ערליי ראַפינירטע טריקס צו באַשווינדלען און אויסנאַרן געלט.

ווען איך בין געווען מיט אַ באַזוך אין וואוינונג פון מיינע קרובים אין תל אביב, האָט מען מיר דערציילט וועגן אַזאַ פאַל, וואָס האָט פּאַסירט ערשט מיט עטלעכע טעג פריער ביי אַ שכנה אינם זעלבן הויז:

עס זיינען אַריינגעקומען צוויי יונגעלייט, זיך פאָרגעשטעלט ווי נייע עולים, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַראָפּ פון שיף. זיי האָבן דערציילט, אַז אין זייער באַגאַזש, וואָס ליגט נאָך אויף דער שיף, איז אויך דאָ אַ נייער פרידזשידעיר און אַ שפּאָר ביסל זילבערנע חפצים. זיי זיינען גרייט צו פאַרקויפן די סחורה בחצי חנם, אָבער זיי דאַרפן האָבן ישראלדיקע פונטן פאַר צאָל, וואָס די באַאַמטע מאָנען ביי זיי.

מיר האָבן — זאָגן זיי — 500 דאָלער, אָבער מיר ווילן זיי נישט טוישן. נעמט ביי אונז די 500 דאָלער ווי אַ משכון, און באָרגט אונז

טויזנט פונט. מאָרגן, ווען איר וועט נעמען די סחורה, וועלן מיר זיך אויסרעכענען, און איר וועט אונז צוריקגעבן אונזערע דאָלאַרן!״

דער פאָרשלאָג האָט געקלונגען ערלעך, און די נאַאיווע פרוי האָט געמאַכט די טראַנזאַקציע.

ווען די צוויי „עולים״ זיינען געהאַט אַוועק מיט די טויזנט פונט, האָט די באַלעבאָסטע דערזען, אַז דאָס פּעקל דאָלאַרן באַשטייט פון ליידיקע פּאַפּירלעך, און בלויז צוויי ריכטיקע פינף דאָלער־באַנקנאָטן פאַרדעקן פון ביידע זייטן דאָס פּעקל. דער „טריק״ איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די חברה־לייט האָבן געהאַט מיט זיך צוויי פּעקלעך מיט באַנקנאָטן; איין פּעקל האָט טאַקע אַנטהאַלטן אמתע דאָלאַרן; אָבער נאָכדעם ווי דער קליענט האָט איבערגעציילט דאָס פּעקל, — האָבן די שווינדלער עס בליץ־שנעל פאַרטוישט.

אַחוץ שווינדלערייען און גנבות, טרעפט זיך שוין אויך, פון צייט צו צייט, אַן אָנפאַל אויף אַ דורכגייער אין אַ זייטיק־געסל, אין די נאַכטשעה׳ן.

די אָנפאַלער זוכן נישט קיין גרויסע גליקן. זיי באַנוגענען זיך מיט אַראָפּציען אַ רעקל פונעם דורכגייער, אָדער אַראָפּנעמען פון דער האַנט — אַ זייגערל.

טיילמאָל קאָן מען אפילו עפּעס אָפּהאַנדלען אויך. מען דינגט זיך און מען קומט־אַדורך.

מען דערציילט שוין אויף ישראל׳דיקע האָלד־אַפּ וויצן:

מען מאַכט אַן אָנפאַל אויף אַ דורכגייער:

— גיב־אַהער ס׳געלט!

— קיין געלט — זאָגט דער באַפאַלענער, — האָב איך נישט, אָבער איך האָב עפּעס בעסערס פון געלט, — כ׳קאָן דיר געבן אַן אַדרעס פון מיין פעטער אין אַמעריקע!

אַ אידישער „האָלדאַפּניק״ באַפאַלט אַ דורכגייער:

— גיב־אַהער די דאָלאַרן, וואָס דו האָסט!

דער קרבן נעמט זיך בעטן ביים גזלן:

— דערבאַרעם דיך און טשעפּע מיך נישט! מיין גאַנץ פאַרמעגן איז צוואַנציק דאָלער, ווילסטו זיי ביי מיר צונעמען?!

דער גזלן ווערט ווייכער:

— אויב אַזוי, פאַרקויף־זשע מיר די צוואַנציק דאָלער, אָבער — לויטן אָפיציעלן קורס, און נישט לויטן פרייז פון שוואַרצן מאַרק!

איז אפשר גערעכט יענע אידענע אין ישראל, וואָס האָט געהערט דערציילן וועגן אַן אָנפאַל, האָט זי פאַרגלאָצט די אויגן צום הימל און געזאָגט מיט אַ תחינה־ניגון:

„רבונו של עולם! אויב עס איז מיר, חלילה, באַשערט אין לעבן, אַז מ׳זאָל מיך באַפאַלן, — בעט איך ביי דיר איין זאַך:

זאָל עס מאַכן נישט קיין אַנדערער, נאָר — אַ אידישער גזלן!...

אין אַ ישראלדיקער
תפיסה

איך האָב „זוכה געווען" צו זיצן אַ האַלבן טאָג אין דער גרעסטער תפיסה פון ישראל.

איך בין געזעסן צוזאַמען מיט נאָך פיר הונדערט און פופציק אידי־שע אַרעסטאַנטן, אָבער איך וואָלט געשוואוירן, אַז קיין איינער פון זיי האָט זיך נישט באַמיט אַזוי שטאַרק, אַז מ׳זאָל אים אַריינגעמען אין תפיסה, ווי איך האָב מיך באַמיט.

פינף תפיסות זיינען פאַראַן אין ישראל, נאָר עס איז נישט פון די לייכטע זאַכן זיך אַריינצובאַקומען אַהין, — מ׳דאַרף זיך עס פריער פאַר־דינען...

וואָלט געווען אַ געזעץ, אַז פאַר „גנבענען" וויצן גייט מען אין תפיסה,

וואָלט איך מיך שוין, ווי עס איז, אַהין דערשלאָגן; נאָר אַזוי ווי אַזאַ געזעץ איז נאָך, לעת עתה, נישטאָ, האָב איך געמוזט פאַרלייגן אַרבעט ביז עס האָט זיך מיר איינגעגעבן צו שטילן מיין תפיסה־דורשט.

מיין פריינט און קאָלעגע ש. סאַמעט, — איינער פון די באַקאַנטע זשורנאַליסטן אין ישראל, וועלכער האָט אָפענע טירן אומעטום, אין תפיסה — „איינשליסלעך", האָט געפּרואווט זיך משתדל־זיין מ׳זאָל מיך „איינזעצן".

ער האָט אַראַנזשירט פאַר מיר אַ צוזאַמענטרעף מיטן הויפּט־באַלעבאָס פון די ישראלדיקע תפיסות, און ביים דאָזיקן צוזאַמענטרעף האָב איך געדאַרפט באַקומען די שריפטלעכע דערלויבעניש פאַר אַ באַ־זוך. צוליב אַ מכשול מיט אַן אויטאָ איז דער צוזאַמענטרעף נישט צו־שטאַנד־געקומען, און מיין „אַרעסט" איז ווידער געבליבן הענגען אויף אַ האָר.

איך האָב דעריבער פּרובירט מזל צו גיין אין תפיסה אָן דער שריפט־לעכער דערלויבעניש „אויף דער האַנט".

אָבער אויך מיטן דאָזיקן פּלאַן, — ווי איר וועט זען ווייטער, — איז מיר ניט געגאַנגען גלאַטיק, און איך בין געזעסן אַ לאַנגע צייט פאַר די גראַטעס, ביז די אייזערנע טיר האָט געסקריפּעט...

* * *

דריי זיינען מיר געזעסן אין דער טעקסי, וואָס האָט אונז געפירט צו דער תפיסה קיין רמלה: דער טעקסי־שאָפער, דער אידיש־העברעאי־שער שריפטשטעלער י. שילוני, און איך.

ווען איך האָב מיך באַקענט מיט צען יאָר צוריק אין לאָדזש, פּוילן, מיט י. שילוני, האָט ער נאָך געהייסן יהושע שלייען. ער האָט דעמאָלט נאָר־וואָס געהאַט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קלויסטער־מלבושים, וואָס ער האָט געטראָגן אין די נאַצישע גיהנום־יאָרן ביים שפּילן די ראָלע פון אַ „שמש" ביי אַן אוקראַאינישן גלח. ער האָט געהאָלפן צוגרייטן די הייליקייט־צערעמאָניעס און „אָפּגעריכט תפילות" אין די קלויסטערס אַרום לעמבערג, און אַזוי אַרום האָט ער פאַרבלענדט די אויגן פון די אוקראַאינישע און נאַצישע רוצחים, וואָס האָבן אויף אים געלויערט. דעם

דאָזיקן אויסטערלישן עפּיזאָד פונם דעמאָלטיקן „לעבן" האָט ער איצט פאַראייביקט אין זיין בוך „אחד שנמלט", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אין ישראל.

יהושע שילוני וואוינט איצט אין מדינת ישראל. זיין ערשטע שטעלע האָט ער באַקומען ווי אַ לערער אין דער רמלה־תפיסה, וואוהין מיר פאָרן איצט. פיר יאָר צייט האָט ער געלערנט מיט די אַרעסטאַנטן.

שוין אַ צייט ווי ער אַרבעט נישט מער אין תפיסה, אָבער אַ שטיקל „מחותן" איז ער נאָך פאָרט דאָרט געבליבן. איך האָב אים דעריבער פאַרגעלייגט מיטפאָרן מיט מיר אין תפיסה, און דאָס האָט מיך געמאַכט פילן אַביסל זיכערער, — אויב מ׳וועט מיך נישט אַריינלאָזן אין מיין אייגענעם זכות, וועט מיר אפֿשר זיין זכות ביישטיין.

די תפיסה געפינט זיך אויפן וועג צווישן תל אביב און ירושלים, 15 מייל פון אַ גרענעץ־פונקט. נאָך אַן ערך 40 מינוט פאָרן האָט דער שאָפער פאַרקירעוועט אין אַ זייטיקן שאָסיי צווישן פעלדער. מיר שטעלן זיך אָפּ נעבן אַ גרויער דריי־שטאָקיקער, שטיינערנער געביידע מיט גראַטענע פענצטער, מיט אַן אייזערנער טיר. לעבן דער טיר דרייט זיך אַ פּאָליציאַנט מיט אַ ביקס. איבער דער טיר אַ שילד: „בית הסוהר המרכזי", די צענטראַלע תפיסה, הייסט עס. אפילו ווען די שילד וואָלט נישט געווען, איז זיך אויך נישט שווער געווען אָנצושטויסן וואָס די געביידע באַדייט...

— דאָ איז עס! — זאָגט צו מיר שילוני. — דאָ איז אונזער ישראל־דיקער „סינג־סינג"!

איך קוק מיך אַרום און איך זע אויף דער אַנדערער זייט פון שאָסיי, נישט ווייט פון דער תפיסה־געביידע, אַן אַרומגעצוימט שטיקל פעלד מיט הייזקעס און עטלעכע יונגע בחורים לויפן אַרום איבערן פלאַץ און שפּילן מיט אַ באַל.

— דאָס איז, — זאָגט מיר מיין באַגלייטער, — אויך אַ תפיסה! די דאָזיקע תפיסה הייסט „מעשיהו" (מאַאַסיאַהו). בן גוריון אַליין האָט גע־געבן דעם נאָמען. ס׳איז נישט סתם קיין נאָמען — ס׳איז אַ נאָמען אַרויס־גענומען פון תנ״ך!

— און ווער זיינען די יונגעלייט וואָס לויפן אַרום מיטן באַל?
— דאָס זיינען אַרעסטאַנטן! זיי שפּילן איצט פוטבאָל!
— טאַקע אַ תפיסה? — פרעג איך איבער, — צי אַן אַפּרו־פּלאַץ?
— ניין, — פאַרזיכערט ער מיר, — טאַקע אַ תפיסה ממש! אָבער דאָ איז אַ לייכטער רעזשים. דאָ באַוועגט מען זיך פריי. ס'איז מער גייס־טיקע קוראַציע ווי תפיסה! דאָ זעצט מען איין בלויז פאַר קליינע עבירה־לעך. דאָ פּראַוועט מען ספּאָרט, דאָ שפּילט מען טעאַטער, דאָ שפּילט מען זיך מער ווי מען זיצט! אָט די צענטראַלע תפיסה, לעבן וועלכער מיר שטייען דאָ, איז „קאַטאָרגע" אין פאַרגלייך צו יענעם־אַ תפיסהלע!

דער פּאָליציאַנט ביי דער אייזערנער טיר האָט דערווייל אונז גע־געבן אַ צייכן, אַז מ'טאָר נישט שטיין אַזוי לאַנג נעבן דער תפיסה. איינס פון די ביידע: אָדער אַוועקגיין, אָדער אַריינגיין!

דער שאָפער איז געבליבן אין טעקסי און מיר ביידע, שילוני און איך, האָבן זיך דערנענטערט צו דער אייזערנער טיר. אַ קלאַפּ אין טיר, אַ פענצטערל האָט זיך אויפגערוקט און אַ שטיקל פּנים האָט אַרויסגע־קוקט און געפרעגט:

— צו וועמען?

— צום פאַרוואַלטער פון דער תפיסה!

דאָס פּנים איז פאַרשוואונדן, און ס'האָט זיך באַלד באַוויזן אַן אַנדער פּנים. ווידער עטלעכע פראַגן און עטלעכע ענטפערס; אַ בינטל שליסלען האָט זיך צעקלונגען און די אייזערנע טיר האָט זיך געעפנט. מיר זיינען אַריין, און — די טיר איז שוין פאַרהאַקט הינטער אונז...

מיר האָבן זיך געפונען אין „אויפנאַם"־צימער פון דער תפיסה. אַ ריח פון סמאָלע און קאַרבאָל האָט אַקעגנגעשלאָגן.

די טונקל־גרויע נאַקעטע ווענט פונם צימער האָבן אַנגעוואָרפן אַ מרה־שחורה, וואָס גרייט־צו די „ביי־געקומענע" גלייך אין ערשטן מאָ־מענט צום געדאַנק, אַז קיין גליקן האָט מען דאָ נישט צו דערוואַרטן, און אַז אין די ווייטערדיקע צימערן וועט נישט זיין היימלעכער ווי דאָ...

דאָס צימער איז אָפּגעטיילט אין דער העלפט מיט אַ נידעריקער הילצערנער אַרומצאַמונג, ביי וועלכער עס איז געזעסן אַ תפיסה־אָפיציר.

די מעבל פון צימער איז באַשטאַנען פון: אַ באַנק, צוויי עמערס מיט זאַמד, אַ טישל, אויף וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ פּרימיטיוו קעסטל, פון וואַנען ס׳האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ נעץ מיט טעלעפאָנישע דראָטן, — דער „סוויטש־באָרד" פון דער תפיסה. די גאַנצע „אויסשטאַטונג" האָט אויסגעזען פּרימיטיוו, רוי און צייטווייליק.

מ׳האָט מודיע געווען דעם הויפּט פון דער תפיסה וועגן אונזער באַזוך און ער איז אַריינגעקומען אונז באַגריסן, און ער האָט אָבער גלייכצייטיק צוגעגעבן, אַז וועגן דורכלאָזן אונז דורך דער אַרומצאַמונג איז נישטאָ וואָס צו רעדן, כל־זמן עס איז נישטאָ דערויף קיין דערלויבעניש פונם הויפּט איבער אַלע תפיסות אין ישראל. נאָך אונטערהאַנדלונגען, אויפקלערונגען און טעלעפאָנישע אָנפראַגן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין וויזיט אין תפיסה איז יאָ לעגאַל, און די שריפטלעכע דערלויבעניש געפינט זיך אין הויפּט־ביוראָ.

דער אָנפירער פון דער תפיסה, וועלכער האָט די גאַנצע צייט גערעדט אָפיציעל, באַפרייט זיך איצט פון זיין אָפיציעלקייט, און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ האַרציקן גאַסט־געבער.

מיר גייען אַרויס פון וואַרט־צימער און מיר געפינען זיך אין לאַנגע קאָרידאָרן מיט צימערלעך פאַר תפיסה־באַאַמטע, — פון שליסערס ביז די העכסטע תפיסה־אָפיצירן. דער פאַרוואַלטער בעט מיך אַריין צו זיך אין קאַבינעט. איינער פון די תפיסה־באַאַמטע ברענגט אַריין כיבוד, — הייסע שוואַרצע קאַווע.

ביי אונזער געמיטלעכן קאַווע־שמועס, — גאָרנישט ווי אין קיין תפיסה, — דערוויס איך זיך וועגן אַלץ וואָס ס׳געשעט דאָ אין דער סביבה אַרום וועלכער איך געפין זיך.

מיין גאַסט־געבער, — א. תורג׳מאַן (טוירדזשעמאַן), זעט אויס פון אַ יאָר 30—35. ער איז אַ טערקישער איד. פון ראַנג — אַ פולער לייטענאַנט, זיין אַמט — וויצע־פאַרוואַלטער פון תפיסה. ער האָט שוין אַן אַכט־יאָריקע פּראַקטיק אויפן תפיסה־געביט.

— מיר געפינען זיך איצט, — קלערט מיר אויף לייטענאַנט תורג׳מאַן, — אין דער גרעסטער פון די פינף תפיסות, וואָס זיינען דאָ אין

לאַנד. איצטער זיצן דאָ 450 אַרעסטאַנטן. אין 1952—1953 איז געווען אין די תפיסות דער „הויך־סעזאָן", און דעמאָלט איז די צאָל אַרעסטאַנטן געווען גרעסער. אין משך פון די לעצטע דריי יאָר האַלט זיך די זעלבע צאָל. עס זיצן דאָ אַזעלכע וואָס האָבן שוין אורטיילן און אויך אַזעלכע, וואָס וואַרטן ערשט אויפן משפט.

צווישן די 450 אַרעסטאַנטן זיינען פאַראַן צוויי שווערע פאַרברעכער, וואָס זיינען פאַראורטיילט אויף לעבנסלענגלעכער תפיסה. ביידע האָבן אויף זייער געוויסן מאָרדן. פאַראַן אַ גרויסע צאָל פאַרברעכער, וואָס זיינען פאַרמשפט פון 5 ביז 8 יאָר פאַר אָנפאַלן, גנבות, שווינדלערייען, איינברוכן, פּראָסטיטוציע, פאַרגוואַלטיקונגען, פּרויען־האַנדל און אַנדערע מעשים טובים. פופציק פּראָצענט פאַרברעכער זיינען אייראָפּייער און פופציק פּראָצענט — פון די אָריענטאַלישע לענדער. פאַראַן אין תפיסה אָפּטיילונגען פאַר פרויען, מענער און יוגנטלעכע. אַלע אַרעסטאַנטן טראָגן אוניפאָרמען — ברוינע הויזן און בלוזן.

— דער גרעסטער טייל אַרעסטאַנטן, בפרט די „אַלטע באַקאַנטע", ס'הייסט אַזעלכע, וואָס זיינען שוין אָפּגעזעסן, באַפרייט געוואָרן און ווי־דער געקומען, פילן זיך גאַרנישט אין תפיסה אַזוי „נעבעכדיק" ווי אַ דרויסנדיקער שטעלט זיך פאָר. זייערע טעג און חדשים און יאָרן ווערן אויסגעפילט מיט פאַרשידענע „פּריווילעגיעס" און „אַטראַקציעס". אַ גרוי־סער טייל פון די אַרעסטאַנטן דערהרגענען די צייט ביים אַרבעטן אין פאַרשידענע וואַרשטאַטן, וואָס געפינען זיך אין תפיסה. די וועלכע זוכן גייסטיקע שפּייז, האָבן אין תפיסה: טעאַטער־פאַרשטעלונגען, קינאָ, אַן אייגענע וואַנט־צייטונג, אַ שול צום לערנען זיך, אַ ביבליאָטעק מיט 500 ביכער, און אַלע דרויסנדיקע צייטונגען.

פאַראורטיילטע אַרעסטאַנטן האָבן אַ רעכט צו שרייבן און צו באַקו־מען צוויי בריוו אַ חודש. נאָך נישט־פאַראורטיילטע — איין בריוו אַ חודש. פאַרמשפּטע אַרעסטאַנטן האָבן אויך אַ רעכט אויף „זעאונגען" מיט זייערע נאָענטע מענטשן פון דרויסן. צוויי מאָל טעגלעך פאַרברענגען די אַרעסטאַנטן אויף אַ 45־מינוטיקן שפּאַציר איבערן הויף פון תפיסה. דאָרט טרעפט זיך די גאַנצע „סמעטענע" פון דער „שטח הגדול"־אונטערוועלט

פון יפו, און פאַרשידענע „פּראָבלעמען" ווערן באַהאַנדלט אויפן הויף.

וואָס עסן די אַרעסטאַנטן אין אַ ישראלדיקער תפיסה?

איך האָב מיך באַקענט מיט דער שפּייז־קאַרטע און איך האָב געזען, אַז קיין טענות וועגן פאַרהונגערט ווערן קאָנען די אַרעסטאַנטן נישט האָבן. יעדער אַרעסטאַנט באַקומט טעגלעך דריי מאָלצייטן. דער פרישטיק פאַר יעדן איינעם באַשטייט פון: 250 גראַם ברויט, מאַרגאַרין, דזשעם, טאָמאַטן, פיש, קעז, אָליוון, יאָגורט און טיי אָדער קאַווע מיט צוקער.

פון 11 ביז 12 איז די מיטאָג־שעה, און יעדער אַרעסטאַנט באַקומט: אַ פאַרציע ברויט, אַ קאַרטאָפל־זופּ, געמיזע, פאַרפעל און 3 מאָל אַ וואָך — פליייש.

די תפיסה־וועטשערע באַשטייט פון: ברויט, מאַרגאַרין, גרינער סאַלאַד, קאַרטאָפל־סאַלאַד, קוכן און געצוקערטע קאַווע מיט מילך.

קראַנקע אַרעסטאַנטן אין שפּיטאָל ווערן געשפּייזט לויט אַ ספּעציעלער דיעטע פון דאָקטאָר. זיי באַקומען אייער, מילך, פּוטער און יעדן טאָג — פליייש.

אין די יאָרן פון „צנע" (ריישאָנינג) האָבן די אַרעסטאַנטן באַקומען די זעלבע צוטיילונג וואָס אַלע פרייע בירגער אין לאַנד האָבן באַקומען.

פון צייט צו צייט קומען פאָר אין תפיסה הונגער־סטרייקן. מערסטנטייל ברעכן־אויס סטרייקן צוליב דעם, וואָס עס דויערט צו־לאַנג די צייט ביז צו די פּראָצעסן.

נאָך אונזער לענגערן שמועס האָט לייטענאַנט תורג'מאן מיך גענומען אויף אַ „שפּאַציר" איבער דער תפיסה־געביידע. איך בין געגאַנגען פון שטאָק צו שטאָק און פון קאַמער צו קאַמער. די קאַמערן האָבן נישט קיין טירן, נאָר אייזערנע גראַטעס. דורכגייענדיק די קאָרידאָרן זעט מען וואָס אין אַלע קאַמערן טוט זיך. פאַראַן קאַמערן מיט 16 בעטן און קאַמערן מיט 4 בעטן. אומעטום, ביי יעדן אַריינגאַנג, האָב איך געזען — מזוזות.

די מערהייט אַרעסטאַנטן האָב איך געטראָפן נישט אין די קאַמערן, נאָר ביי דער אַרבעט. פאַראַן ספּעציאַליסטן פון שניידעריי, סטאָלעריי,

שלאָסעריי, שוסטעריי און אַנדערע פאַכן. יעדעס פאַך האָט אַ פולשטענ־דיק איינגעאָרדנטן וואַרשטאַט. די סטאָליאַרעס שטעלן־צו ביוראָ־מעבל פאַר די רעגירונגס־אַמטן; דער שוסטער־וואַרשטאַט שטעלט־צו שיך פאַר פּאָליציי און מיליטער. עס אַרבעטן אין שוסטער־וואַרשטאַט 16 אַרעס־טאַנטן און זיי פּראָדוצירן 40 פּאָר שיך אַ טאָג.

אינם שניידער־וואַרשטאַט האָב איך געטראָפן — אין אַרבעטס־מלבושים — מיינעם אַ לייענער פון וואַרשע. ער האָט זיך מיט מיר דער־פרייט און זיך פאַרגעשטעלט ווי מיינער אַ בן־עיר:

— איך הייס, — זאָגט ער צו מיר, — משה קויפמאַן, און איך האָב געוואוינט אין וואַרשע אויף וואָלסקע־גאַס נומער 49. איך האָב געוואוסט, אַז איר האָט זיך געראַטעוועט, אָבער כ׳וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז מיר׳ן זיך טרעפן אין תפיסה!...

איך האָב מיך געוואָלט אָפּדינען מיט אַן ענטפער אויף זיין באַגייס־טערונג, אָבער כ׳האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי צו רעאַגירן...

— נו, — זאָג איך צו אים, — אַבי מ׳זעט זיך!... ווי לאַנג זיצט איר שוין, פּאַניע קויפמאַן?...

— אָ, נייך... — זאָגט ער צו מיר אין אַ פאַרלעגנהייט, — איך בין נישט דאָ פון די זיצערס... איך בין אַ פּאָליציאַנט פון תפיסה און איך גיב אַכטונג אויפן דאָזיקן וואַרשטאַט!

איך בין געווען צופרידן פונם ענטפער, און איך האָב מיך געפילט „רעהאַביליטירט" אין די אויגן פונם תפיסה־פּאַרוואַלטער, וועלכער איז געווען אַן עדות פון דער דאָזיקער טראַגי־קאָמישער סצענע.

איך האָב מיך געזעגנט מיט מיין בן־עיר און מיך געלאָזט איבער די אַנדערע אָפּטיילונגען פון תפיסה. כמעט אין יעדער אָפּטיילונג האָב איך געטראָפן אויף דער גאַנצער ברייט פון די ווענט פסוקים פון תנ״ך, אויסגעציקלט מיט גרויסע אותיות. אַלע לאָזונגען, אין העברעאיש, וואָס איך האָב געלייענט אויף די ווענט, האָבן גערופן און געוועקט די אַרעס־טאַנטן אָנצוהויבן צו גיין אויפן דרך הישר. פון די ווענט אין דער קאַנ־טינע פון תפיסה־מיטאַרבעטער האָט אַראָפּגעשריגן: „מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד". אין איינעם פון די תפיסה־„זאַלן" איז אַ האַלבע

וואַנט געווען באַדעקט מיט אַן אויל־בילד, וואָס שטעלט־פאָר איובן מיט זיינע פריינט, וואָס זיינען געקומען צו אים. דאָס בילד איז, אגב, געמאָלן פון אַן אַרעסטאַנט. ביים אַריינגאַנג אין דער תפיסה־שול באַגריסט אייך אַ גרויסע שילד: „ברוך אתה בבואך!" די שול איז „טעטיק" אין די וואָכן־טעג, בלויז אינדערפרי און אין אָוונט. שבת איז די שול אָפן אַ גאַנצן טאָג. ווי כ'האָב געהערט איז די שול אַ „דערפאָלג". די אַרעס־טאַנטן דאַוונען מיט זייער אייגנאַרטיקער התלהבות, און מען קריגט זיך אפילו אַרום וועגן עליות. אויב אַ יחסנ'דיקער גנב קריגט נישט „ששי", קויפט זיך איין דער גבאי — מפטיר...

בעת מיין באַזוך אין די קאַמערן און אין די וואַרשטאַטן האָב איך נישט געהאַט קיין פאַסנדיקע געלעגנהייט צו שמועסן מיט די אַרעסטאַנטן. ערשט ווען די אַרעסטאַנטן האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן הויף פון דער תפיסה, צו זייער טעגלעכן שפּאַציר, האָב איך מיך אויך אַריינגעכאַפּט צווישן זיי.

די אַרעסטאַנטן פילן זיך אויפן הויף, בעתן שפּאַציר, ווי פיש אין וואַסער. מען רעדט הויך, מען קריגט זיך, מען בעט זיך איבער, מען וויצלט זיך, מען לאַכט. אויף די פאַרשידענע זייטיקע „געסט" קוקן די אַרעסטאַנטן מיט קנאה און פאַראַכטונג. זיי האָבן אַן אויסגעאַרבעטע מיי־נונג וועגן יעדן „וויזיטאָר": „די גרויסע גייען אַרום, און די קליינע זיצן!"...

מען ווייזט מיר אַן אַרעסטאַנט — אַ „שישקע". ער איז אַ תימנ'ער. ער זיצט שוין פיר יאָר; ער האָט נאָך איין יאָר צום אָפּזיצן דעם אור־טייל. מ'האַלט אים אין דער סביבה פאַר אַ „בעסערן גנב". ער מאַכט זיך נישט נאַריש מיט באַגנבענען אַ ליאַדע וועמען. זיין לעצט שטיקל אַרבעט האָט ער געמאַכט אין דער האָלענדישער אַמבאַסאַדע אין ישראל. ער האָט דאָרט אויפגעבראָכן די פייער־קאַסע און אַרויסגענומען גאָלדענע רענדלעך. ס'איז אים געגאַנגען שלימ'מזל'דיק און מ'האָט אים געכאַפּט. איצט האָט ער נישט מער קיין גאָלד, — ער האָט אָבער דערפאַר אַן אורטייל פון פינף יאָר תפיסה.

איך האָב באַגעגנט צווישן די אַרעסטאַנטן אַ זקן מיט אַ גרייז־גרויער

באָרד. ער איז געזעסן אויף דר׳ערד צוזאַמענגעקנוילט און טרויעריק געשוויגן.

איך האָב געפרעגט דעם תפיסה־פאַרוואַלטער וועגן דעם זקן, און ער האָט מיר אין עטלעכע ווערטער אַלץ דערציילט:

— ער איז אַ תימנ׳ער. ער איז בערך אַכציק יאָר אַלט. ער האָט „געקראַגן״ 21 טעג צו זיצן פאַר נישט צאָלן „אַלימאָני״ צו זיינע ווייבער!

איך האָב געפרואווט פאַרקניפּן אַ שמועס מיט דעם תימנ׳ער „דאָן זשואַן״, אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין שמועס. ער האָט געקוקט אויף מיר פאַרביטערט און עקשנותדיק געשוויגן.

פאַרן פאַרלאָזן די תפיסה האָט מיר לייטענאַנט תורג׳מאן צוגעטראָגן אַ בוך און מיך געבעטן כ׳זאָל אַריינשרייבן דאָרט עטלעכע ווערטער וועגן מיין באַזוך.

און אויב עס וועט עמיצער אַמאָל זיך אַריינכאַפּן אין רמלה׳ער תפיסה, (נישט פון געריכט, נאָר — פון נייגעריקייט,) וועט ער אין דאָר־טיקן „ספר הביקורים״ געפינען פאָלגנדע עטלעכע שורות וואָס איך האָב אַריינגעשריבן:

„איך דאַנק האַרציק דעם הויפּט פון דער תפיסה, מר. מרחבי און זיין געהילף מר. א. תורג׳מאן, פאַר געבן מיר אַ מעגלעכקייט צו זען דאָס, וואָס איך האָב געזען.

„איך בין צופרידן, וואָס איך בין געקומען אַהער; און איך בין גליק־לעך, וואָס מען לאָזט מיך פון דאַנען אַרויס...״

מ. נודעלמאַן, „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״, ניו־יאָרק.

אַ בליץ־באַזוך
אין עכו

דער וועג, וואָס פירט פון חיפה קיין עכו, איז אויסגעזייט מיט קוימענס. דאָס זיינען שמאָלע געמויערטע טורעמלעך, וואָס זיינען אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן אויף אַ שטח פון עטלעכע צענדליק יאַרד, און שטייען אויסגעשטעלט ווי סאָלדאַטן ביי אַ פּאַראַד.

די קוימענס האָבן אָפּגעשפּילט זייער סטראַטעגישע ראָל, און זיינען שיריים פון דער לעצטער אַראַביש־ישראלדיקער מלחמה. וואָלקענס פון קינסטלעכן רויך האָבן דאַן אַרויסגעשטראָמט פון די קוימענס, פאַרפלייצט דעם הימל, און פאַרשטעלט די אויגן פון שונא, וואָס האָט געלויערט אויפן אידישן האָב און גוטס.

ביז 1948 האָט אין עכו געוואוינט איין איד.

די דאָרטיקע אידישע שוועבעלעך־פאַבריק „נור", האָט באַשעפטיקט בלויז אַראַבישע אַרבעטער.

דער איינציקער פּלאַץ אין עכו, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַביסל אידישקייט, — איז געווען די באַרימטע תפיסה... דאָרט זיינען געזעסן די אידישע מאַרטירער, און דאָרט האָט דוב גרונער פאַרענדיקט זיין יונג לעבן.

איצט איז עכו אַ אידישע שטאָט מיט אַ געמישטער באַפעלקערונג. אינם נייעם טייל פון עכו וואוינען בלויז אידן; אין אַלט־שטאָט וואוינען אַראַבער און אויך עטלעכע הונדערט אידן.

איך האָב געמאַכט אַ שפּאַציר איבער עכו און געכאַפּט אַ בליק איבער אַלע טיילן פון דער שטאָט. יעדעס שטיקל פּלאַץ אין דער ניי־שטאָט פון עכו, ווערט אויסגענוצט, — באַבויט, באַאַרבעט, באַוואוינט.

איך בין געקראָכן איבערן שטח פון דער היסטאָרישער תפיסה און פעסטונג. כמעט אַלע געביידעס, וואָס זיינען ערשט נישט לאַנג געווען אַן אויסגעווייטלטער צענטער צו פּייניקן אידן און האַלטן זיי אין קייטן, זיינען איצט פאַרוואַנדלט אין אינסטיטוציעס פאַר וואוילטעטיקע און הומאַניטאַרע צוועקן. בלויז די צימערן אין דער תפיסה, וואו עס זיינען געלעגן פאַרשפּאַרט און פאַרשמאַכט די „אומלעגאַלע" אידישע גבורים און קעמפער פאַר ישראלדיקער אומאָפּהענגיקייט, — זיינען דערווייל אומבאַרירלעך. מען פּלאַנט צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע אָפּטיילונג אין אַ „מוזעאום פון מאַרטירער".

דער נאַפּאָלעאָנישער האַרמאַט, — אַן איבערבלייבעכץ פון די היס־טאָרישע קאַמפן ביי דער עכוער פעסטונג, — איז איינגעגראָבן אויפן הויף פון דער תפיסה און שטרעקט־אַרויס דעם „קאָפּ" מיט דער „האַר־מאַט־נאַז" און קוקט צו דער וועלט מיט אַ וואָרנונג־בליק: „זעט, איך בין דאָך אַ ריז, אָבער ס'קאָן קומען אַ צייט, ווען אַ האַרמאַט וועט ווערן אַ שפּילעכל אין פאַרגלייך צו די נייע מאָדערנע מינים געווער־מחבלים, וואָס דער טייוול וועט אויסטראַכטן!"...

יאָ, דער דאָזיקער האַרמאַט איז טאַקע איצט נישט מער ווי אַ שפּי־

לעכל, און ער דינט בלויז צום לאָזן אויף זיך אויסקריצן די נעמען פון די, וועלכע קומען אים אָנקוקן אויף וואונדער.

האָב איך טאַקע געטראָפן אויפגעשריבן און אויסגעקריצט אויף נאָ־פּאַלעאָנס האַרמאַט אַזעלכע היימישע נעמען ווי: יעקב און רחל און יצחק און רבקה. ביי געלעגנהייט האָב איך שוין אויך בייגעשטייערט מיין אייגענעם „משה", און געטראַכט האָב איך דערביי: „הלוואי קאָן מען דאָ טיף איינקריצן אויף שטענדיק אַזאַ שיינעם נאָמען ווי „שלום", וואָלט זיך דאָך די גאַנצע משפחה פון די איינגעשריבענע נעמען גע־פילט גליקלעך!"...

אַרום דעם שטח וואו איך האָב מיך געפונען, האָב איך געזען אַ גאָרטן־הויף מיט אַ פאַרגראַטעוועט טויער. ווען כ'בין אַריין דורכן האַלב־געעפנטן טויער און מיך געלאָזט, ווי אויטאָמאַטיש, ווייטער גיין, האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ שומר, וואָס זיצט אין אַ הילצערן ביידל:

— צו וועמען?

— איך ווייס נישט, — זאָג איך, — צו וועמען איך גיי, ווייל איך ווייס נישט וואו איך געפין מיך.

דער שומר האָט נישט אַוועקגענומען די אויגן פון זיין פּרוכט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די הענט און געדולדיק געשיילט. נאָך אַ ווײַלע האָט ער אַרויסגעזופּט עטלעכע ווערטער:

— מיט משוגענע קראַנקע דו ביזט!

כ'האָב מיך אַ ווײַלע פאַרלוירן פונם אומגעריכטן ענטפער, אָבער כ'האָב מיך באַלד צוריק געפונען. כ'האָב געזען, אַז כ'בין אין משוגעים־הויז פון עכו...

דער שומר וואָס האָט מיך פאַרהאַלטן, איז טאַקע דער שומר פונם שפּיטאָל־הויף. ער האָט גערעדט געציילטע פאַרדרייטע ווערטער אין אידיש, און אין העברעאיש איז ער אויך נישט געווען אינגאַנצן אינדער־היים. ער איז אַ בולגאַרישער איד, אַן עולה פון סאָפיאַ, אַן אָנגעשטעל־טער פון שפּיטאָל. זיין אויפגאַבע איז נישט אַרויסצולאָזן פון דאַנען קיין משוגענע און נישט אַריינצולאָזן אַהער קיין מיושב'דיקע.

אינדרויסן אויף דער באַנק, פאַרן ביידל, איז געזעסן אַ מיטל־יאָרי־

קער מאַן מיט אַ קרענקלעך אויסגעדאַרט פּנים. ער איז געזעסן, זיך גע־שאָקלט און גערעדט צו זיך. דאָס איז געווען — לויט ווי דער שומר האָט מיר געזאָגט, — איינער פון די שפּיטאָל־פּאַציענטן, — אַ רואיקער משוגענער, וואָס גייט נישט ווייטער ווי ביז צום טויער. דערנאָך האָב איך אויך באַמערקט אויפן הויף נאָך עטלעכע פּאַציענטן, וואָס זיינען געגאַנגען אין ציווילע מלבושים און דיסקוטירט. וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט אין דער דיסקוסיע, האָב איך נישט באַוויזן פעסטצושטעלן...

גאָר אַן אַנדער וועלט האָב איך ווידער געטראָפן ווען כ׳בין שוין געווען צוריק ביי דער דרויסנדיקער זייט פון טויער.

משה, דער בולגאַרישער איד, האָט מיר עפּעס נאָכגעשריגן אויף בולגאַריש און מיר נאָכגעלאָפן, — ער האָט מיר צוגעברענגט די פּע־דער, וואָס כ׳האָב געהאַט פאַרגעסן אין זיין ביידל.

אין די געדרייטע שמאָלע היסטאָרישע געסעלעך פון אַלטן עכו, האָב איך מיך געפונען אין אַ סביבה פון אַן אַראַבישער מערהייט. די קליינע צאָל אָרימע אידן, וואָס וואוינען אין אַלט־שטאָט פון עכו, זעען זיך כמעט נישט אָן אינם טומל פון די אַראַבער. ערשט אינם „האַנדלס־צענטער״ האָב איך זיי געפונען.

דער האַנדלס־צענטער איז הייס און אָריענטאַליש־שרייענדיק. עס קאָכט און זידט דאָרט אַרום די צוזאַמענגעדריקטע געוועלבלעך, פון וואַ־נען עס שרייט אַרויס די אָרימקייט. אַ סך סחורות זיינען צעלייגט אין מיטן דער גאַס. איר קאָנט דאָרט אויסקלויבן אַן אַלטן טאָפּ, אַ קינדער־וויגל, אַ צעריסענעם מאַטראַץ, אַ פאַרזשאַווערטן סאַמאָוואַר, אַלטע שיך און אַ נאַרגילע צום רויכערן. צו די טירן פון טייל געוועלבלעך זיינען צוגעבונדן לעבעדיקע שעפּסלעך, וואָס וואַרטן מיט אַן אומשולדיקן אויס־דרוק אויף די שעפּסישע פּנימער, אַז עס זאָל קומען אַ קונה, וואָס זאָל זיי אויפבינדן און באַפרייען...

צווישן די געוועלבער זיינען פאַראַן טיי־הייזער און די ווערענדעס אינדרויסן זיינען געדיכט באַזעצט מיט אַראַבישע געסט, וואָס שמועסן פויל, רויכערן נאַרגילעס און הערן זיך צו צו די מידע געשרייען פון

הייזעריקע פּלאַטן, וואָס דרייען זיך פּויל אויף אַלט־פראַנקישע גראַמאַ־פאָנען.

בשכנות טרעף איך אַ דייטשן איד וואָס שטייט אויפן טראָטואַר און פאַרקויפט „פעלאַפעל", — אַ נאַציאָנאַל אָריענטאַליש מאכל, וואָס באַשטייט — אויב איך מאַך נישט קיין טעות — פון געריבענע אַרבעס געפּרעגלט אויף אויל. דער איד שרייט הויך און רופט קונים: פעלאַפעל חם! פעלאַפעל חם!"...

אין סאַמע מיטן פונם יאַריד שפּילן זיך קינדער און שפּילנדיק זיך טאַנצן זיי אַריין אין די סחורות. עס מישן זיך דאָ אויס אידישע קינדער מיט אַראַבישע קינדער. איך הער ווי זיי רופן זיך איינער דעם אַנדערן:

— משה!

— אַכמעד!

— יוסף!

— מוסאַ!

אויך צווישן די דערוואַקסענע איז דאָ אַ צוזאַמענלעבן אויפן מאַרק. די נייע עולים פון רומעניע און אונגאַרן, וואָס וואוינען אין דעם קוואַרטאַל האָבן זיך נאָך נישט אויסגעלערנט קיין אַראַביש, אָבער דערפאַר האָבן זיי שוין אויסגעלערנט אַ סך פון די דאָרטיקע אַראַבער צו רעדן אידיש, רומעניש און אונגאַריש.

אַ אידישער צייטונגס־פאַרקויפער פון אַלט־שטאָט אין עכו האָט מיר דערציילט, אַז ער לייענט אַרויס „שטיקלעך" פון דער אידישער צייטונג צו זיינעם אַ באַקאַנטן אַראַבער.

— אויף וואָסער שפּראַך, — פרעג איך אים, — פאַרטייטשט איר אים דאָס וואָס איר לייענט?

— איך לייען, — זאָגט ער, — אויף אידיש, און איך פאַרטייטש אים אויף אידיש!...

דערפאַר אָבער איז דער נייער טייל פון עכו נישט באַוואוינט פון קיין איין אַראַבער. בלויז אידן וואוינען דאָרט.

ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אין אַ טיי־הויז אין נייעם קוואַרטאַל פון עכו, און מיך צערעדט מיטן באַלעבאָס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז

איך רעד מיטן סאַמע ערשטן אידן וואָס איז געקומען זיך באַזעצן אין עכו. ער איז אַ פּינסקער איד און זיין נאָמען איז — י. קאָלפּאַק.

עכו איז איצט אידישלעך־אידיש, און קומט דאָרט אַהין אַ אידיש טעאַטער, לויפט די גאַנצע שטאָט צו דער פאָרשטעלונג. איך האָב דאָרט אָנגעגומען אַ גרוס וועגן דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס אַ געוויסער סטאַר פון אידישן טעאַטער האָט דאָרט געהאַט.ביים געזעגענונגס־אָוונט איז ער אַרויסגעטראָטן מיט אַ באַגייסטערטער רעדע:

„איך דאַנק איך, — האָט ער געזאָגט, — מיינע טייערע עכו׳ער אידן פאַר די וואַרימע אויפנאַמע, וואָס איר האָט מיר דאָ געגעבן! איך בין שטאָלץ וואָס איך האָב איינגענומען די זעלבע שטאָט, וואָס נאַפּאָלעאָן האָט איינגענומען מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק!״...

עפּעס שטימט דאָ נישט דער חשבון!

...און ווען נאַפּאָלעאָן הערט וועגן דער דאָזיקער רעדע, — וואָלט ער זיך באַגראָבן פון חרפּה!..

ווען די כנסת שווייגט...

באַלד ביי מיין ערשטן באַזוך אין ירושלים, האָב איך געבעטן, מ'זאָל מיך פירן אין כנסת. עס האָט מיך געצויגן אָנצוקוקן אונזער פּאַרלאַמענט.

און גראָד איז אויסגעפאַלן אַזוי, אַז אין די טעג וואָס איך בין געווען אין ירושלים, האָט די כנסת גערוט. די דעפּוטאַטן זיינען זיך צעפאָרן, און די, וואָס זיינען פאַרבליבן, זיינען אַרומגעלאָפן צעהיצט און זיך פאַרנומען מיט פּאָליטישער אַרכיטעקטור, — מיט צוזאַמענשטעלן אַ נייעם רעגירונגס־קאַבינעט.

אין אַ געוויסן זין בין איך גאָר געווען צופרידן פונם צופאַל, וואָס כ'וועל באַזוכן די כנסת דווקא דאַמאָלס, ווען זי איז נישט טעטיק. ס'איז

טיילמאַל טשיקאַווע צו וויסן, וואָס עס טוט זיך, — ווען עס טוט זיך גאָרנישט!...

דער טאָג איז געווען אַ הייסער, ווען מיר זיינען געגאַנגען צו־פוס איבער די ירושלימער גאַסן און געסעלעך, וואָס פירן אין דער ריכטונג פון כנסת. ס'איז אונז אָפט אויסגעקומען צו גיין אין מיטן וועג, כדי אויס־צומיידן בוי־רושטאָוואַניעס, ציגל, זאַמד, צעמענט, שטיינער, — די אָנ־זאָגערס פון נייע שיכונים און נייע איינצלנע הייזער.

מיין באַגלייטער, אַ ירושלימער תושב מיט אַ חוש פאַר תל אביבער הומאָר, זאָגט צו מיר בעתן אַריבערקלעטערן אַ בערגל מיט שטיינער:

— דו ווייסט פאַרוואָס ירושלים האָט אַזוי פיל שטיינער? ווייל דאָס איז אַ שטאָט, וואו אידן קומען זיך אויסוויינען; און נאָכן אויסוויינען זיך, פאַלט יעדן אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ, — דערפון נעמען זיך די שטיינער!

ווען מיר זיינען שוין צוגעקומען נאָענט צו דער כנסת, רופט ער זיך ווידער אָן:

— יאָ, עס שטימט, די כנסת איז טאַקע נישט טעטיק! וואָלט זי געווען טעטיק, וואָלט מען שוין מיט עטלעכע גאַסן פריער געהערט די דעבאַטן!...

און אָט בלייבן מיר שטיין אויף קעניג דזשאָרדזש־גאַס אַנטקעגן בן־יהודה, נעבן אַ דריי־שטאָקעדיק געביידעלע, וואָס טיילט זיך אויס מיט אַן אַנדערשדיקן אויסזען פון די אַרומיקע געביידעס. פאַראַן בשכנות אַ סך גרעסערע הייזער, אָבער דאָס קליינע געביידעלע זעט אויס גרע־סער פון די אַנדערע גרויסע געביידעס. עס דאַכט זיך מיר אויך, אַז עס האַלט זיך אפילו יחסנות'דיקער פון די שכנים, און עס גיט זיי אָנצוהערן: „פאַרגעסט נישט נעבן וועמען איר שטייט! דע לפני מי אַתה עומד!...“

דער אַריינגאַנג אין כנסת איז נישט מיט קיין פּאַראַדנע טרעפּ און נישט מיט קיין ספּעציעלע דעקאָראַציעס.

אַ טיר ווי פון אַ געוועלב פירט־אַריין אין אַ קליין קאָרידאָרל. אַ מונדירטער שומר איז מיר אַקעגנגעקומען און געזאָגט אויף מאַמע־לשון:

— מ׳קאָן היינט נישט אַריינגיין, — ס׳איז קיינער נישטאָ!

— דאָס, וואָס איז דאָ, — זאָג איך, — איז גענוג! איך וויל אָנקוקן די כנסת פון אינעווייניק!

באַלד באַווייזן זיך נאָך עטלעכע שומרים, אָבער דער ענטפער איז דערזעלבער.

עס ווערט מיר אַביסל פּיינלעך: מיין אייגענעם פּאַרלאַמענט נישט קאָנען אָנקוקן? עולה־רגל געווען פון ברוקלין קיין ירושלים, און זיי, די שומרים, די ברידער מיינע, גייט עס גאָרנישט אָן?...

און אין דעם זעלבן מאָמענט דערמאָן איך מיך וועגן אַנדערע פּאַר־לאַמענטן, וואָס איך האָב שוין באַזוכט, און אומעטום איז מיר אַדורך גלאַטיק, — זאָל מען מיר אין מיין אידישן פּאַרלאַמענט מאַכן שטערונגען [!

אין די פּאַר־מלחמהדיקע יאָרן, געדענק איך, בין איך אַריינגעגאַנגען פראַנק און פריי אין אַזאַ ווילד־פרעמדן פּאַרלאַמענט ווי אין אַטען, גריכנלאַנד; און — דאָ, אין ירושלים, אין מיין אייגן לאַנד — לאָזט מען נישט?

כ׳ווייס נישט, אפשר האָבן די שומרים פון דער כנסת איבערגעלייענט מיינע געדאַנקען, ווייל סוף כל סוף האָט מען אונז יאָ אַריינגעלאָזט. און אַז כ׳בין שוין געווען אינעווייניק, האָט זיך איינער געמאָלדן מיך אַרומ־צופירן, און ווייזן אַלע זאַלן און זאַלעכלעך.

אינם הויפּט־זאַל איז געווען — שטיל, ליידיק און טונקל.

בעת אַ זיצונג איז דאָ — טומלדיק, געפּאַקט און ליכטיק.

איך קוק מיך אַרום און איך טראַכט: „וואו פּאָמעשטשען זיך דאָ, אָן עין הרע, אַזוי פיל פּאַרטייען?“

דער שומר ווייזט מיר אויף די בענקלעך, וואָס זיינען אויסגעשטעלט לויט אַן אָרדענונג אַרום און אַרום דעם זאַל:

— דאָ, — ווייזט ער אויפן אויבן־אָן — זיצט דער באַלעבאָס פון כנסת, יוסף שפּרינצאַק! עס רעדט זיך נאָר בלויז אַזוי „ער זיצט“, — ער שטייט דאָך מער ווי ער זיצט! אַז מען וויל שטיל מאַכן אַן עולם, איז שווער דאָס צו טאָן זיצנדיקערהייט! און דאָ בשכנות זיצן אונזערע מיניסטאָרן! און אַרום און אַרום פון זאַל זיינען אויסגעזעצט די דעפּו־

טאָטן לויט די פּאַרטייען! יעדע פּאַרטיי האַלט צוזאַמען אירע מיטגלידער אויף איין אָרט, און יעדער דעפּוטאַט האָט זיין שטענדיקן פּלאַץ!

איך רייס מיך אַריין מיט אַ פראַגע:

— און דר. משה סנה האָט אויך זיין שטענדיקן פּלאַץ?

— ניין, — ענטפערט מיין אינפאָרמאַטאָר, — מיט דר. סנה איז אַביסל אַנדערש. ער האָט שוין געהאַט ביי אונז פאַרשידענע פּלעצער. אַמאָל האָט ער געפּלעגט זיצן אָט־אָ דאָ, איר זעט? דערנאָך האָט ער זיך איבערגערוקט אָט־אָ דאָרט, איר זעט? און איצט זיצט ער שוין אָט־אָ דאָ־דאָרטן!

איך וואַנדער אַרום אין זאַל צווישן די ליידיקע בענקלעך. שטומע בענקלעך...

אָבער וויפל רייסערייען, מחלוקות און קאַמפן ווערן געפירט צוליב אָט די דאָזיקע בענקלעך? יעדע פּאַרטיי וואָלט דאָך געוואָלט איינשלינגען, וויניקסטנס, כאָטש — אַלע בענקלעך.

קעמפט מען טאָקע ביז צו די וואַלן — פאַר בענקלעך, און נאָך די וואַלן קעמפט מען — אויף בענקלעך. נישט אויף איין כנסת־זיצונג טוט זיך „אויף טישן און אויף בענקלעך".

מען דערציילט וועגן אַ שטורמישער כנסת־זיצונג, ווען אַלע פּאַר־טייען האָבן זיך „אָנגעזעצט" אויף בן גוריונען.

מנחם בעגין האָט געשריגן, אַז בן גוריון האָט פאַרקויפט ס'לאַנד צו די ענגלענדער;

דער קאָמוניסטישער דעפּוטאַט מאיר ווילנער האָט געשריגן, אַז בן גוריון האָט פאַרקויפט ס'לאַנד צו אַמעריקע;

ישראל רוקח, פון די אַלגעמיינע ציוניסטן, האָט געהאַט טענות, אַז בן גוריון האָט פאַרקויפט ישראל צו די סאָוועטן.

אַן אַמעריקאַנער טוריסט, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אויף דער גאַלעריע פון פּובליקום, איז שפּעטער, נאָך דער זיצונג, צוגעקומען צו בן גוריונען און אים געמאַכט אַ פאָרשלאַג:

מיסטער בן גוריון! איך בין גרייט אייך צו אַנגאַזשירן פאַר מענע־

דזשער אין מיין פּעקטאָרי! אויב איר קאָנט פאַרקויפן איין אַרטיקל צו דריי קליענטן, — זענט איר אַ געניאַלער ביזנעסמאַן!

אָבער ווי הייס און ליידנשאַפטלעך עס זאָלן נישט זיין די מחלוקות און רייסערייען אין אידישן פּאַרלאַמענט, זיינען זיי פּאָרט אַנדערש ווי אין אַלע אַנדערע פּאַרלאַמענטן.

אַ קאַמף אין כנסת האָט אַ ספּעציעל אידישן טעם. וואו איז פאַראַן נאָך אַ פּאַרלאַמענט אויף דער וועלט, וואו מען זאָל „שיסן" מיט פּסוקים, ווי מען „שיסט" אין דער כנסת?!

אַז אַ מיניסטער פון די אַלגעמיינע ציוניסטן באַגרינדעט אַ געזעץ, באַנוצט ער זיך דערביי אָפט מיט אַ מאמר חז"ל; קומען די מזרחיסטן און „שיסן" צוריק מיט אַ תוספת; בלייבט די מפא"י נישט הינטערשטע־ליק און דערלאַנגט אַ שטיקל מדרש; שפּרינגט־אַרויס די מפ"ם מיט אַ משנה; קומט שפּעטער ר' איטשע מאיר לעווין פון אגודת ישראל און לייגט אַלע אַוועק מיט אַ זוהר...

אָט, מיט אַזעלכע קוילן שיסט מען אין אידישן פּאַרלאַמענט.

דאָס זיינען „קוילן" פונם אידישן וואָפן־קוואַל, — „קויל־קויל" יעקב!...

מען פירט מיך אַרום איבער דער פּובליקום־גאַלעריע. די גאַלעריע פּוסטעוועט. מען הערט נישט קיין איין צווישנרוף...

מען ווייזט מיר אָן אויף דער לאָזשע פון פּרעזידענט בן־צבי. עס קוקט אויס מאָדנע, — דער פּרעזידענט זיצט צוזאַמען מיטן עולם. אָבער צוריקגעשמועסט: אין אַ לאַנד, וואו דער פּרעמיער קאָן זיין אַ פּאַסטוך, — קאָן דער פּרעזידענט זיך אויסמישן מיטן עולם!

ס'איז נישטאָ קיין וואַנט צווישן פּרעזידענט מיטן פאָלק. נישטאָ קיין גרענעץ. אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד איז די ליבשאַפט פון פאָלק צום פּרעזידענט — אָן אַ גרענעץ...

איך שפּאַציר פון צימער צו צימער, פון ווינקל צו ווינקל. איך האָב שוין, אייגנטלעך, אַלץ געזען, אָבער עס גלוסט זיך נישט אַוועקצוגיין.

איך קוק ווידער אויפֿן גרויסן הערצל־בילד, וואָס הענגט אויף דער וואַנט, און עס דאַכט זיך מיר, ער זאָגט: „גיי נישט אַוועק, בלייב!"...

און אָט שטיי איך ביי דער גרויסער כנסת־מנורה.

איך באַקוק זי פֿון אַלע זייטן ווי איך וואָלט מיך געוואָלט איבערצייגן, צי ס'איז די זעלבע מנורה פֿון אַמאָל, — צי האָט מען זי מיר נישט איינגעטוישט?...

די מנורה ברענט נישט איצט, אָבער — זי דערוואַרעמט. די מנורה האָט טיילמאָל דעם כוח צו פֿאַראייניקן אפילו פּאַרטייען.

ווען בן גוריון האָט אין אַ חנוכה־אָוונט געגומען בענטשן חנוכה־ליכט ביי דער כנסת־מנורה, האָט הרב ר' איטשע מאיר לעווין אויפֿמערקזאַם־געמאַכט בן גוריונען, אַז ביים בענטשן חנוכה־ליכט דאַרף מען טראָגן אַ יאַרמולקע. בן גוריון האָט געפֿאָלגט און אַראָפּגעכאַפּט די יאַרמולקע פֿון פּועלי מזרחי־מיניסטער יוסף בורג און זי אָנגעטאָן אויף זיך.

— וואָס האָסטו געטאָן? — האָט איטשע מאיר לעווין געפֿרעגט דעם פּרעמיער, מיט וועלכן ער איז גוט באַפֿריינדעט, — פֿאַרוואָס זאָל מיניסטער בורג שטיין ביי דער חנוכה־לאָמפּ אָן אַ יאַרמולקע?

— עס מאַכט נישט אויס, — האָט בן גוריון געענטפֿערט, — ער טראָגט דאָך די יאַרמולקע צוליב פּאָליטיק, אָבער איך טראָג די יאַרמולקע צוליב פֿרומקייט!...

די גאַנצע צייט פֿונם שפּאַציר איבער דער כנסת איז אונזער שמועס געפֿירט געוואָרן אין אַ גאָר שטילן טאָן; אַזוי שטיל, — ווי עמעצער וואָלט געשלאָפֿן, און מ'וואָלט מורא געהאַט אים איבערצואַוועקן. געגאַנגען זיינען מיר כמעט ווי אויף די שפּיצן פֿינגער, אַזוי, אַז מ'זאָל נישט הערן אונזערע טריט.

זאַלבעדריט זיינען מיר געווען אין זאַל, — דער כנסת־באַאַמטער, מיין באַגלייטער און איך. אָבער שוין פֿאַר אונזער פֿאַרלאָזן די כנסת, האָבן זיך געיאַוועט אין זאַל נאָך דריי פּערזאָן, — אַן אַנדער כנסת־באַאַמטער און צוויי אַמעריקאַנער טוריסטן, אַ פּאָרפֿאָלק.

די שטילקייט איז דאָן איבערגעריסן געוואָרן. דער אַריינגעקומענער

באַאַמטער האָט אין אַ הויכן טאָן גענומען געבן אינפאָרמאַציעס צו זיינע געסט. דערביי האָט ער גענומען „קאָנקורירן" מיט די אינפאָרמאַציעס פון אונזער באַאַמטן. בײדע באַאַמטע האָבן זיך דאַן צעווערטלט און אײנער האָט נישט געלאָזט, אַז דער צווייטער זאָל אים „קריכן אין וועג אַריין".

דער ספּאָנטאַנער „צוזאַמענשטויס" האָט אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער, אַז בײדע באַאַמטע האָבן כמעט ווי פאַרגעסן, אַז זיי האָבן נעבן זיך „זייטיקע" מענטשן. בײדע האָבן זיך „אַרײנגעזאָגט" און מיר, די געסט, זיינען געבליבן כמעט ווי אויף הפקר, — כאָטש נעם און גיי פאַר זיך...

ס'איז נישט געווען קאָנטיק צוליב וואָס, אײגנטלעך, די צוויי באַאַמטע האָבן זיך צעווערטלט. מ'האָט בלויז געקאָנט דרינגען, אַז מיר האָבן פאַר זיך פאָרשטייער פון צוויי פאַרטייען...

אַזוי אַרום האָט צופעליק „אויפגעלעבט", אין כנסת־זאַל, די פאַרטייאישע חלוקי־דעות, וואָס איז געווען „איינגעשלאָפן" אין די וואַקאַציע־טעג.

אַז די דעפּוטאַטן זיינען אויף וואַקאַציע, — שטייען די באַאַמטע אויף דער וואַך...

מאַמע־לשון

די באַפעלקערונג אין ישראל,
— איין מיליאָן מיט זיבן הונדערט טויזנט, כן ירבו, — איז אַ צוזאַמענשטעל פון דריי און פופציק פעלקער, וואָס רעדן בערך צוואַנציק שפּראַכן אין צענדליקער דיאַלעקטן.

די ישראלדיקע ראַדיאָ רעדט צו אירע צוהערער אויף 9 שפּראַכן, — אויף: העברעאיש, אידיש, אַראַביש, ענגליש, פראַנצויזיש, אונגאַריש, רומעניש, טערקיש און פּערסיש. קענטיק, אַז נישט אַלע לשונות איז די ישראלדיקע ראַדיאָ אימשטאַנד צו דעריאָגן מיט אוידיציעס. פאַראַן שפּראַכן, וואָס ווערן אויף דער לופט „באַ׳עוולה׳ט״, כאָטש אויף דער יבשה זיינען די זעלבע שפּראַכן, מער אָדער ווייניקער, פאַרטראָטן.

די פּויליש־רעדנדיקע אין ישראל בילדן אַ שפּאַרע קאָלאָניע, אָבער צו קיין אייגענער אוידיציע אויף פּויליש האָבן זיי זיך נישט דערוואָרבן. אגב, זיינען די אַזוי־גערופענע „פּאָליאַקן" גוואַלדיקע עקשנים, ווען עס גייט וועגן דער פּוילישער שפּראַך. פאַראַן אַזעלכע, וואָס זיינען שוין יאָרן אין לאַנד, אָבער זיי קאָנען נאָך אַלץ נישט שלום מאַכן דערמיט, אַז אַ ליאַדע „אדון" זאָל פאַרטרעטן דעם טיף־פאַרוואָרצלטן „פּראָשע פּאַנאַ".

די עקשנות פון די פאַנאַטישע פּויליש־רעדערס דערגייט טיילמאָל ביז לעכערלעכקייט.

מען האָט מיר דערציילט וועגן אַ פּרוי אין ישראל, וואָס איז געזעסן אין אַ יום־טוב'דיקן טאָג ביי אַ טישל אין אַ קאַפע און היסטעריש אַ געשריי־געטאָן:

„יעזוס מאַריאַ, זאַפּאָמניאַלאַם פּוישטש נאַ יזקאָר!" (יעזוס מאַריאַ, איך האָב פאַרגעסן צו גיין אויף יזכור).

פאַראַן אַ סך קוריאָזן וועגן דער שפּע פון שפּראַכן אין ישראל. קוריאָזן, אָבער — נישט קיין פּראָבלעמען, די איינציקע שפּראַך אין ישראל, וואָס איז „צוגעשפּיצט" געוואָרן צו אַ פּראָבלעם, איז אונזער אידיש מאַמע־לשון.

אַ סך „הייסער" טינט איז שוין פאַרגאָסן געוואָרן אין צוזאַמענהאַנג מיט די גרויל־גרוסן וועגן רדיפות אויף אידיש אין מדינת ישראל.

עס איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס ווען אַזאַ איינער, — וועמען אידיש איז ליב און טייער, — קומט צום ערשטן מאָל קיין ישראל, קומט ער באַלד מיט אַ פאַרטיקער מיינונג, אַז ער געפינט זיך אין אַ סביבה, וואו אידיש ווערט באַליידיקט און גערודפט.

עס איז אָבער גענוג צו זיין אַ קורצע צייט אין ישראל זיך איבער־צוצייגן, אַז דאָס גרויל־בילד איז נישט אַזוי גרויליק ווי מען מאָלט עס פונדערווייטנס. דאָס בילד ווערט טאַקע נישט ראָזעווע פון דער נאָענט, אָבער דערפאַר ווערט עס אַביסל העלער ווי מען האָט זיך פריער פאָר־געשטעלט.

עס איז נישט די ריכטיקע באַצייכענונג פון מצב, אויב מען זאָגט, אַז אידיש ווערט גערודפט אין ישראל. אידיש ווערט נישט גערודפט,

אָבער אידיש געניסט נישט פון די פריווילעגיעס וואָס העברעאיש האָט.

ס'איז אמת, אַז אידיש האָט נישט אינם „אָפיציעלן און עפנטלעכן" לעבן פון לאַנד קיין שום חשיבות, אָבער נישט געקוקט דערויף איז אידיש אַ גרויסער כוח אין לאַנד.

ס'איז אמת, אַז אונזער מאַמע־לשון האָט נישט אין ישראל קיין געזעצלעכן פּאַספּאָרט, אָבער דער נאַטירלעכער כוח פון אידיש איז אַזוי גרויס, אַז אָן דעם פּאַספּאָרט רייסט זיך דאָס אידישע לשון דורך אַ וועג אינם ישראל־לעבן. עס איז שווער צו האַמעווען אַ לשון, מיט וועלכן גרויסע מאַסן זיינען צוזאַמענגעוואַקסן. אידיש שטראָמט דעריבער אַרויס אויף דער אויבערפלאַך דורך פאַרשידענע קוואַלן.

איר הערט אין ישראל דאָס אידישע לשון אויף שריט און טריט.

אפילו אין דער „לאַבי" פון העברעאישן טעאַטער הערט איר דעם עולם ריידן אידיש. שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס אין אַלע אָפיציעלע אַמטן — אין דער פּאָליציי, פּאָסט, פּאַרט, לופט־פעלד, — קאָנט איר אָפט הערן אַ זאַפטיקן אידיש. אפילו מס־הכנסה (שטייערן) קאָנט איר צאָלן אויף אידיש.

ווען אַ אידענע גיט אַ געשריי אויף מאַמע־לשון „אַ בראָך איז צו מיר!", ווען זי הערט וויפל זי דאַרף צאָלן שטייערן, — ווירקט עס טייל־מאָל אויפן באַאַמטן אַ סך שטאַרקער, ווי זי וואָלט געקרעכצט אויף לשון־קודש...

ווען איך האָב געמאַכט אַ באַזוך אין גרויסן הסתדרות־הויז פון תל־אביב, האָב איך מיך דאָרט צוגעהערט צו אַזאַ געדיכטן אידיש, אַז כ'האָב מיר געטראַכט: „הלוואי הערט מען כאָטש אַ צענט חלק פונם היגן אידיש ביי אונז דאָרט אויף אַ אידישן מיטינג אין ניו־יאָרקער מעדיסאָן סקווער גאַרדן!..."

ווען עס קומט אין ישראל צו וואַלן ווערט ס'אידישע לשון „עקס־פּלואַטירט" מיט דער גאָר ברייטער האַנט. מען הערט אידישע רעדעס, אידישע צווישנרופן און מ'איז אויך מכבד דעם עולם מיט פּאַרוויילונגען אויף מאַמע־לשון.

אפילו הייסע העברעאיסטן זיינען זיך מחיה מיט אַ אידיש זאַגעכצל,

מיט אַ אידישן וויץ, מיט אַ אידיש פאָלקס־ליד. און ווען קיינער הערט נישט, האָבן זיי אפילו ליב אַ קרעכץ־צו־טאָן מיט אַ אידישן קרעכץ און מיט אַ אידישן קנייטש...

אַביסל אַנדערש איז די לאַגע מיט סאַבראַס, — מיט יוגנט, מיט קינדער.

אויף אידישע קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען זעט מען אַ סך ישראל־יוגנט, אָבער דער אמת איז, אַז די דאָזיקע יוגנט „קוקט" אויף אידיש נישט מיט שנאה און נישט מיט ליבשאַפט. דאָס אידיש איז פאַר איר סתם אַן עקזאָטישע דערשיינונג.

קינדער אין קיבוצים קוקן אויף אידיש ווי אויף אַ שפּראַך פון זקנים. לויט זייער „קוק" קומט אויס, אַז עס זיינען פאַראַן פאָלגנדע עטאַפּן אין לעבן:

מען ווערט געבוירן, מען גייט אין שולע, מען ווערט אַריינגעצויגן אין מיליטער, מ'האָט חתונה, מ'ווערט אַלט, מ'הויבט־אָן ריידן אידיש און... מ'שטאַרבט.

אַנדערש איז די לאַגע פון די קינדער ביי נייַ־געקומענע. די עלטערע קינדער אין דער פאַמיליע רעדן נאָך אידיש, די אינגערע — רעדן שוין העברעאיש.

טיילמאָל „ראַטעווען" די באָבעס די לאַגע.

עס גייט אַרום אין ישראל אַזאַ וויץ:

אין אַ תל־אביבער באָס זיצט אַ באָבע מיט אַן אייניקל. דאָס אייניקל רעדט העברעאיש און די באָבע ענטפערט אויף אידיש.

איינער פון די פּאַסאַזשירן הערט זיך צו צום שמועס און רופט זיך אָן:

— באָבעשי, אויב איר פאַרשטייט אַזוי גוט העברעאיש, טאָ פאַר־וואָס־זשע ענטפערט איר אויף אידיש?!

— אדון, — פרעגט־צוריק די אַלטיטשקע, — וואָס דען האָט איר געוואָלט, אַז מיין אייניקל זאָל שוין אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז עס איז אַ אידיש קינד?!

דערפאַר איז אָבער אידיש אָן קאָמפּראָמיסן די „אָפיציעלע" שפּראַך אינם פרומען קוואַרטאַל אין ירושלים, אין מאה שערים.

פּרוואוט דאָרט ריידן מיט אַ קינד העברעאיש, וועט עס אייך ענט־פערן — אידיש.

דאָס דערוואַקסענע מיידל מיט די שוואַרצע אויגן און פּעך־שוואַרצע לאָקן, וואָס כ׳האָב געטראָפן אויף די אייזערנע טרעפּ פון דער אַלט־פרענקישער הייזקע פון מאה־שערים־קוואַרטאַל — איז געזעסן און גע־לייענט דעם „קהל החסידים״ אויף אידיש.

און דאָס ווייבל מיט דער קופּקע אויפן קאָפּ, וואָס איז געשטאַנען אויפן שוועל פון איר חדר, האָט אויף מיין „שאַלאָם״ געענטפערט אויף אידיש:

„גוט יום טוב, גוט יאָר! דער אויבערשטער זאָל העלפן, משיח זאָל קומען!״

דאָרט קיניגט אידיש, און העברעאיש איז דאָרט אין „גלות״...

פאַראַן אַ אידישע פּרעסע אין ישראל. אמת, זי האָט „געבונדענע הענט״. אידישע צייטונגען טאָרן נישט דערשיינען יעדן טאָג אונטערן זעלבן נאָ־מען, און מוזן דינסטיק הייסן, אַנדערש ווי זיי הייסן מיטוואָך. אָבער דעם לייענער אַרט עס נישט. דאָס געזעץ טוט ס׳זייניקע, און דער לייענער טוט ס׳זייניקע. מען לייענט די אידישע צייטונגען און די צירקולאַציע וואַקסט.

פאַראַן איבער הונדערט אידיש־שרייבער אין ישראל, וואָס זיינען אָרגאַניזירט אונטער איין דאַך.

דער אידישער ליטעראַטן־פאַראיין אין ישראל איז רייך אין שעפע־רישע כוחות, אָבער — אָרעם אין פינאַנסן. איז דעריבער דער אַדרעס אַ באַוועגלעכער. מ׳האַלט־אָפּ זיצונגען איין מאָל — דאָ, און איין מאָל — דאָרט. מערסטנטייל טרעפט מען זיך אין קאַפע. מען וואַנדערט פון טיש צו טיש. און נישט זעלטן דאַרפן, נעבעך, שטיין אפילו די מיטגלידער וואָס האָבן „בענקלעך״ אין דער פאַרוואַלטונג.

מיטן פאַראיין פירן־אָן אַזעלכע שריפטשטעלער, ווי: דוד פינסקי, א. סוצקעווער, מלך ראַוויטש, משה גראָסמאַן, ראובן רובינשטיין, מ. צאַנין, לייב ראָכמאַן, א. מ. פוקס, י. אַרטוסקי און אַנדערע.

איך האָב געהאַט שמועסן מיט אידישע שרייבער וועגן דער מערכה

פון אידיש אין לאַנד. קיין שטאַרקע באַגייסטערונג האָב איך טאַקע נישט געהערט פון זיי, אָבער איך האָב אויך נישט געהערט דעם קרעכץ, ווי איך האָב מיך געגרייט צו הערן, ווען איך בין נאָך געווען פונדערווייטנס.

איך וועל זיכער אַקעגנקומען די „פעסימיסטן", ווען איך וועל דאָ איבערגעבן די מיינונג פון איינעם פון די באַוואוסטע אידישע דיכטער אין ישראל, יוסף פאַפּיערניקאָוו. איך ברענג דאָ דעם ווערטלעכן ענט־פער, וואָס איך האָב באַקומען פון אים אויף מיין פראַגע וועגן דער מערכה פון אידיש און אידיש־שרייבער אין ישראל:

„אידישע שרייבער אין ישראל" — האָט מיר געזאָגט פאַפּיערניקאָוו, — זיינען ביי זיך אינדערהיים ווי אידן, אָבער ווי שרייבער זיינען זיי נישט אינדערהיים."

איך האָב בייגעוואוינט עטלעכע מסיבות מיט אידישע שרייבער, און איך האָב קיין איין מאָל נישט געהאַט דעם איינדרוק, אַז איך פיל מיך אין אַ סביבה פון מאַרטירער פון אידיש. מיר, דעם „אַמעריקאַנער טו־ריסט", האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די יורשים פון „טלאָמאַצקע 13" פילן זיך יאָ אינדערהיים...

וואָס שייך פרנסה און „מאַכן אַ לעבן", זיינען טייל אידישע שרייבער גאָר־גאָר שטאַרק הינטערשטעליק פון די העברעאישע שרייבער.

ווען איך זאָל וועלן מער „אילוסטרירן" די לאַגע, וואָלט איך געזאָגט: די פאַרדינסטן פון די אידיש־שרייבער זיינען, אין פאַרגלייך צו די הע־ברעאישע שרייבער, פונקט אַזוי ווי די פאַרדינסטן פון אַקטיאָרן פון אידישן טעאַטער צו די אַקטיאָרן פון ענגלישן טעאַטער אויף בראָדוויי...

אַוודאי האָבן זיך טייל אידישע שרייבער גאָר גוט איינגעאָרדנט, אָבער די מערהייט פון זיי באַשטייט פון די קנאַפּע פאַרדינערס. גאָר וויניק פון זיי האָבן שטענדיקע שטעלעס און גאָר אַ גרויסער טייל לעבט פון אַרבעט, וואָס האָט מיט שרייבעריי וויניק וואָס צו טאָן.

איך בין געווען צו־גאַסט ביי אַ ריי אידיש־שרייבער. אַ קליינער טייל איז איינגעאָרדנט אין שיינע דירות און אין איינגעפונדעוועטער באַלעבאַ־טישקייט. די מערהייט אָבער איז נאָך נישט געהאָלפן געוואָרן מיט קיין וואוינונגען און נישט מיט קיין מעבל. אַ גרעסערע גרופּע אידישע שריי־

בערס, וואָס וואוינט און איז באַשעפטיקט אין ירושלים, האָט געהאַט מער „מזל״ פון אַנדערע שרייבער און זיי האָבן זיך, ווי עס איז, מער איינגע־פונדעוועט אין דירות און אין באַלעבאַטישקייט.

איך בין געווען צו־גאַסט אין ירושלים אין הויז פון באַוואוסטן עסיי־איסט און ביבליאָגראַף דוב סדן. עס איז געווען פאַר מיר אַ נחת־רוח צו זיצן און שמועסן מיטן דאָזיקן גייסטרייכן שריפטשטעלער, וואָס „האָט אַלע אידישע מוחות ביי זיך אין מוח״. איך האָב אויך געהאַט אַ נחת־רוח צו זען ווי אַ אידישער שרייבער איז אַ באַלעבאָס פון אַ שיינער, פאַר־העלטניסמעסיק רייכער הייזקע. דוב סדן איז אַ מחבר פון אַ ריי וויכטיקע ווערק אין העברעאיש, אָבער איך „נעם אים״ איצט אַריין אין דער רשימה פון אידיש־שרייבער, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער איז אַ פּראָפעסאָר פון דער אידישער קאַטעדרע אין ישראל. אמת, די קאַטעדרע האָט נישט מער ווי... זיבן סטודענטן, אָבער דאָס איז נישט חלילה די שולד פון פּראָפעסאָר.

דער כוח פון אידישן לשון אין ישראל טאָר נישט געמאָסטן ווערן מיט דער צאָל סטודענטן פון דער אידישער קאַטעדרע. דעם כוח פון אידיש אין ישראל דאַרף מען מעסטן מיט דער צאָל פון די גרויסע מאַסן, וואָס רעדן אידיש.

און אויב עמעצער וויל פאַרגלייכן דעם מצב פון אידיש אין ישראל צום מצב פון אידיש אין אַמעריקע, קומט מען, — לויט מיין באַשיידענער מיינונג, — צו אַזאַ אויספיר:

אין אַמעריקע רעדט מען אַ סך וועגן אידיש, אָבער — אידיש רעדט מען ווייניק.

אין ישראל רעדט מען ווייניק וועגן אידיש, אָבער — אידיש רעדט מען אַ סך!...

ראַדיאָ,
טעלעפאָן און...
טעלעוויזיע

„אַווירא דארץ ישראל מחכים".
די לופט אין ישראל מאַכט קלוג. — איז אפשר דערפאַר האָט די ישראל'־דיקע ראַדיאָ פעסט אַרומגעכאַפּט די גאַנצע ישראל'דיקע לופט און צעשיקט אירע כוואַליעס איבערן לאַנד און איבער דער וועלט.

די כוואַליעס פון דער ישראלדיקער ראַדיאָ דערגייען דאָרט צו קינד און קייט.

ווען איר שפּאַצירט איבער דער גאַס, באַגלייטן אייך ראַדיאָ־קלאַנגען, וואָס רייסן זיך אַרויס דורך טירן און פענצטער פון יעדער וואוינונג. איר זייט אימשטאַנד גייענדיקערהייט אויפצוכאַפּן, שטיקלעכווייז, יעדע אוידיציע, און דערביי נישט פאַרלירן קיין איין וואָרט.

איבער אַ פּערטל מיליאָן ראַדיאָ־אַפּאַראַטן „שעפן" פון דער ישראל־דיקער לופט.

יעדער זיבעטער איינוואוינער האָט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

אָבער די זעקס פון יעדע זיבן, וואָס האָבן נישט קיין אַפּאַראַטן, — הערן אויך ראַדיאָ.

„הלואי, וואָלטן מיר שוין אַזוי געהאַלטן מיט טעלעפאָן־אַפּאַראַטן, ווי מיר האַלטן מיט ראַדיאָ־אַפּאַראַטן!" — ווינטשן זיך טייל ישראלדיקע אידן.

דער טעלעפאָן אין ישראל האָט נאָך ווייט ניט דערגרייכט צו אַזאַ פאַרשפּרייטקייט.

יאָרן דאַרף מען וואַרטן אין דער ריי, ביז מען דערשלאָגט זיך אַריינצוקריגן, אין אַ פּריוואַטער וואוינונג, אַ טעלעפאָן־אַפּאַראַט. און אין דער ריי קאָן מען נישט וואַרטן אַליין, — מען מוז וואַרטן מיט פּראָטעקציע.

ישראל־אידן זאָגן, אַז עס קאָן שוין גיכער געמאָלט זיין אַ טעלעפאָן אָן דראָטן, איידער — אַ טעלעפאָן אָן פּראָטעקציע.

אַ תל־אביבער איינוואוינער, וואָס וואַרט שוין עטלעכע יאָר אויף אַ טעלעפאָן, ווענדעט זיך מיט אַ בקשה צום אַמט וואו ער האָט אַריינגעגעבן די אַפּליקאַציע, אַז ווען עס וועט אָנקומען זיין ריי, זאָל מען אים געבן אַ טעלעפאָן אָן דראָטן.

— עס זיינען נאָך דערווייל ביי אונז נישטאָ, — זאָגט מען אים, — קיין טעלעפאָנען אָן דראָטן!

— איך ווייס, — ענטפערט ער, — אַז עס נישטאָ, אָבער כ'בין זיכער, אַז ביז עס וועט דערגיין צו מיין ריי, וועלן שוין דעמאָלט זיין טעלעפאָנען אָן דראָטן!...

וואוינונגען אָן טעלעפאָן, — דאָס איז אין ישראל אַ נאָרמאַלע דערשיינונג.

וואוינונגען אָן ראַדיאָ, — דאָס וועט איר זעלטן טרעפן!

„קול ישראל" איז דער נאָמען פון דער ישראלדיקער ראַדיאָ־סטאַנציע. ס'איז אַ מלוכה'שע אינסטיטוציע, וואָס אונטערליגט דעם פּראָפּאַגאַנדע־דעפּאַרטמענט פון פּרעמיער.

איר קאָנט אין ישראלדיקן ראַדיאָ אַלץ געפינען, אַחוץ — אַנאָנסן. די הכנסה באַשטייט פון דעם, וואָס יעדער ראַדיאָ־באַזיצער צאָלט פינף פונט אַ יאָר.

אין איינעם פון די זייטיקע געסלעך פון די נישט־מאָדערנע קוואַר־טאַלן אין ירושלים, געפינט זיך די ראַדיאָ־סטאַנציע.

אַ שטרענגע קאָנטראָל דאַרף דורכמאַכן אַ „זייטיקער" מענטש, וואָס וויל באַזוכן די געביידע. דער מיליטערישער שומר האָט בכלל נישט קיין חשק אַריינצולאָזן אַפילו — ווען ער לאָזט אייך אַריין.

אַ ראַדיאָ, — האַלט דער שומר, — איז צום הערן, און נישט צום זען.

ווען איר קומט אָבער אַריין אינעווייניק, איז יאָ דאָ וואָס צו זען.

איך האָב געטראָפן אַ קאָמפּליצירטן אַפּאַראַט, צעוואָרפן איבער צענדליקער צימערן און סטודיעס, און אַלץ — מאָדערן איינגעריכטעט. די מאָדערנע טעכניק שטערט אָבער גאָרנישט, אַז די טירן פון אַלע צימערן זאָל זיין פאַרזען מיט מזוזות. כ׳האָב נישט געטראָפן דאָרט קיין איין טיר אָן אַ מזוזה.

און פון די דאָזיקע מזוזה׳דיקע שטיבן אַרויס, צעטראָגט די לופט פאַרשידענשפּראַכיקע אוידיציעס צו דער וועלט.

אַ גרויסער טייל פון די אוידיציעס איז אַדרעסירט צו די אַראַבישע שכנים. מען רעדט צו זיי אין ענגליש, פּערסיש, טערקיש און אַראַביש. און עס איז באַוואוסט, אַז די אַראַבער וואַרטן מיט שפּאַנונג אויף די דאָזיקע אוידיציעס. זיי האָבן זיך שוין איבערצייגט, אַז דורך די אוידי־ציעס פון מדינת ישראל, דערוויסן זיי זיך אַמבעסטן וואָס עס טוט זיך אין זייערע אייגענע לענדער...

אין דער ראַדיאָ־סטאַנציע געפינט זיך אַ ספּעציעלע געביידע פאַר די אַמטן פון „קול ציון לגולה", אַ סטאַנציע וואָס טראַנסמיטירט אוידיציעס אין פאַרשידענע שפּראַכן צו אידן וואָס וואוינען אויסער די גרעניצן פון ישראל.

מיט די אידיש־אוידיציעס אין „קול ציון לגולה" פירט־אָן דער

שריפטשטעלער מ. גראָס־צימערמאַן, מיט זיין שרייבער־סטעף — לייב ראָכמאַן, אהרן צפנת, אפרים שעדלעצקי און משה זאַנשיין.

די אַרטיקע צוהערער, וואָס לעכצן צו הערן אַ אידיש וואָרט אין ראַדיאָ, געניסן אָבער זעלטן פון די אידישע אוידיציעס פאַר אויסלאַנד. צוליב טעכנישע שוועריקייטן קאָן מען נישט שטענדיק כאַפּן די כוואַליעס.

פאַראַן אויך אין דער ראַדיאָ־צענטראַלע אַ „קול ישראל לעולה", וואָס רעט אידיש — אַ האַלבע שעה טעגלעך — צו די נייע עולים. מיט די אידישע אוידיציעס, פירט אָן אליהו יאָנעס פון ווילנע, וועלכער איז ערשט עטלעכע יאָר אין לאַנד.

די נייע עולים, בפרט די, וואָס זיינען געקומען פון די אייראָפּעאישע לענדער, פילן זיך ווי די הויפּט־מחותנים צו דער האַלב־שעה׳דיקער אוידיציע אויף אידיש. זיי רופן די דאָזיקע אוידיציע — „אונזער האַלבע שעה". זיי באַדויערן בלויז וואָס די צייט לויפט צו־שנעל אַדורך. אַ אידישע האַלבע שעה, — זאָגן זיי, — דאַרף זיך ציען לענגער!...

בכלל גענומען איז די ישראלדיקע ראַדיאָ אַ גרויסער דערפּאָלג ווי אַ פאַקטאָר אין דאָרטיקן לעבן. אָן ראַדיאָ וואָלט מען געווען ווי — אָן לופט!...

די יונגערע שוועסטער פון ראַדיאָ, — די טעלעוויזיע, איז אין ישראל גאָר גוט באַקאַנט, כאָטש זי איז נאָך דאָרטן נישט געווען, און זי קלייבט זיך גאָרנישט אַהינצוקומען. פאַראַן אַ סברא, אַז אפילו זי זאָל וועלן אַהינקומען, — וועט מען זי נישט אריינלאָזן...

אַ מאָדנע דערשיינונג ביי ישראלדיקע אידן:

בדרך כלל שטרעבן ישראלדיקע אידן, צו האָבן ביי זיך אין לאַנד אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, ווי אין אַנדערע פאָרגעשריטענע לענדער. בפרט יאָגן זיי זיך, צו ווערן כאָטש אַ „קליין אַמעריקע" אין הינזיכט פון טעכניק. אין געוויסע געביטן האָט שוין דאָס ישראלדיקע לעבן אַביסל אַדאָפּטירט דעם אַמעריקאַנער שטייגער. אָבער — ווען עס קומט צו טעלעוויזיע, האָבן נישט די ישראלדיקע אידן קיין שום אַמביציע פאַר דער דאָזיקער מאָדע.

דער געזונטער אינסטינקט דיקטירט די ישראל־אידן, אַז טעלעוויזיע

איז נישט קיין ברכה פאַרן לאַנד. עס וועט אַוועקנעמען, — בפרט ביי דער יוגנט, — אַסך צייט „מיט גאָרנישט".

נישט איין מאָל איז שוין אין דער ישראלדיקער עפענטלעכקייט אַרויסגעשוואומען די נייעס, אַז אָט „גייט מען" און אָט „וועט מען" איינפירן טעלעוויזיע. דאָס פאָלק האָט זיך אָבער ווייניק באַגייסטערט מיט דער דאָזיקער נייעס. מ'האָט גיכער אויפגענומען די דאָזיקע קלאַנגען מיט אַ שמייכל און מיט חוזק־באַמערקונגען.

עס גייט דאָרט, אגב, אַרום אַ וויץ וועגן אַמעריקאַנער טעלעוויזיע־פּראָגראַם — „די 64 טויזנט דאָלאַר־פּראַגע". אין ישראל וואָלט אַזאַ פּראָגראַם, — זאָגט מען, — אויסגעזען אַביסל אַנדערש ווי אין אַמעריקע. אַ ישראל־סטודיאָ וואָלט נישט געצאָלט דעם עולם פאַר ענטפערן די פראַגעס, נאָר — פאַרקערט: דער עולם וואָלט געמוזט צאָלן צו דער סטודיאָ...

וועגן איינפירן טעלעוויזיע אין ישראל, קורסירן פאַרשידענע פשט'לעך און זאָגעכצלעך.

מען שמועסט, אַז די שפע פון פּאַרטייאישקייט וואָלט אַ סך געשטערט. טייל פּאַרטייען וואָלטן געהייסן דרייען דעם טעלעוויזיע־אַפּאַראַט פון רעכטס, אַנדערע וואָלטן געהייסן דרייען פון לינקס, און מ'וואָלט נישט דורכגעקומען צווישן זיך. אויב סולל ובונה זאָל איבערנעמען דעם מאָנאָ־פּאָל, וועט דעמאָלט קיינער אין לאַנד נישט טאָרן געבן קיין דריי אָן סולל ובונה...

דער סך־הכל איז: ישראל איז דערוויל גלייכגילטיק צום טעלעוויזיע־וואונדערקינד. עס דאַרף אָבער נישט זיין קיין איבעראַשונג אויב מען וועט אין אַ צייט אַרום הערן, אַז מ'האָט פונדעסטוועגן דאָס קינד אַדאָפּ־טירט. אָט האָט מען דאָרט געפלעגט שפּאָסן פון אַמעריקאַנער האָליוואוד, און פונדעסטוועגן האָט שוין איצט ישראל די אַמביציע צו שאַפן אַ גרויסע אייגענע פילם־אינדוסטריע, און —

אשקלון פאַרמעסט זיך צו זיין די צוקונפטיקע ישראלדיקע האָליוואוד־שטאָט!

פּרעסע

די פּרעסע אין ישראל איז דער קאָכעדיקער קעסל, וואָס שטייט אין צענטער פון דאָרטיקן גליענדיקן לעבן.

ס'איז אַן אַנטוויקלטע אינדוסטריע, וואָס ווערט געפירט —

לויטן אַמעריקאַנער טעמפּאָ, אין ישראלדיקן גייסט, און אויף די וועגן פון דער אידישער פּרעסע־טראַדיציע.

אינם קליינעם ישראל דערשיינען — 25 טאָג־צייטונגען, איבער הונ־דערט פּעריאָדישע אויסגאַבן, און עס ווערן פאַרקויפט טעגליך בערך דריי הונדערט טויזנט עקזעמפּלאַרן.

די ישראלדיקע פּרעסע יאָגט־נאָך די געשעענישן;

די געשעענישן יאָגן־נאָך דעם לייענער;
און דער לייענער יאָגט־נאָך דעם צייטונגס־פּאַרקויפער.
ס'איז אַ ראָד, וואָס לויפט מיט אימפּעט און דרייט מיטן גאַנצן לאַנד.

אַ צייטונג אין ישראל איז אַן אַרטיקל, וואָס מען רייסט פון די הענט, און יעדער איין אויפלאַגע באַוויזט זיך נאָך אַנצוואַרעמען, איז שוין דאָ אַ צווייטע אויפלאַגע, וואָס שטופּט־אַרויס די פריערדיקע.

די פּאַסירונגען אין לאַנד און אין אויסלאַנד ווערן צוגעטראָגן צו דער באַפעלקערונג — אין פאַרשידענע שפּראַכן. אַ חוץ דער פאַרצווייגטער העברעאישער פּרעסע, וואָס פאַרנעמט דעם אויבן־אָן אין צייטונגס־קיאָסק, — קאָנט איר אויך געפינען אַן אויסוואַל פון טאָג־צייטונגען אין אַנדערע לשונות, ווי: ענגליש, דייטש, רומעניש, אונגאַריש, פּויליש, פראַנצויזיש און אַראַביש.

די אַראַבישע טעגלעכע צייטונג ווערט רעדאַגירט דורכן פאַר־זיצער פון העברעאישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל, מיכאל אסף, וועלכער איז פאַררעכנט ווי איינער פון די בעסטע אַראַביש־קענער אין לאַנד.

עס האָט זיך מיר „נישט געלייגט די פעדער" אַריינצונעמען די אידישע צייטונג אינם צעטל פון דער פרעמד־שפּראַכיקער פּרעסע, אָבער דאָס ענדערט נישט דעם מצב. „פאַרמעל" זיצט טאַקע די אידישע צייטונג אויפן דאָזיקן אויסגעטיילטן צעטל. פאַקטיש אָבער פאַרנעמט די דאָזיקע צייטונג, — וואָס ווערט רעדאַקטירט פונם ענערגישן און מוטיקן זשורנאַליסט מ. צאַנין, — אַזאַ איינגעבירגערטע פּאָזיציע צווישן די מאַסן אידיש־לייענער, אַז זיי קלאַמערן זיך אַרום איר און האָבן — אין זייער באַגריף — זי אַרויסגעצויגן פון פרעמדן־צעטל...

אַרום דער צייטונג קאָנצענטרירן זיך פּאָליטישע פירער און פּובלי־ציסטן, פון וועלכע אַ טייל זיינען באַקאַנט ווי „פּאַטענטירטע" העברעאיש־שרייבער. איינער פון די שטענדיקע מיטאַרבעטער אין דער אידישער צייטונג איז אונזער מלך ראַוויטש, וועלכער איז ערשט נישט לאַנג אָנ־געקומען אַהין, און ער באַזינגט דאָס אידישע לאַנד ווי אַן איינגעזעסענער פון צוויי טויזנט יאָר.

אין דער רשימה פון די מיטאַרבעטער אין דער צייטונג, געפינט איר

די נעמען פון: שלום אַש, י. באַשעוויס, א. מ. פוקס, דר. יוסף קרוק, ראובן רובינשטיין, א. וואָלף יאַסני, יוסף הייבלום, מרדכי יפה, דר. יוחנן באַדער, פרץ בערנשטיין און נאָך אַנדערע וואָס מיין זכרון האָט אפשר נישט רעגיסטרירט.

די שרייבער־משפחה אין ישראל איז פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירט אין אַ פאַראיין — „אגודת העתונאים בישראל". פון די דריי הונדערט מיט־גלידער, זיינען צוויי הונדערט באַשעפטיקט אין ירושלים און פינף און צוואנציק — אין חיפה. די שכירות פון די זשורנאַליסטן זיינען איינ־געטיילט אין זעקס קאַטעגאָריעס און באַטרעפן פון 200 ביז איבער 500 פונט אַ חודש. טייל רעפּאָרטערן, וואָס אַרבעטן אויף עטלעכע פּלעצער, האָבן נאָך גרעסערע פאַרדינסטן, און מיט זייערע שכירות שטייגן זיי טיילמאָל איבער די רעדאַקטאָרן.

אַ דאַנק דער ענערגישער אָנפירונג פון פאַראיין, האָט די שרייבער־פּראָפעסיע אין ישראל זיך דערוואָרבן אַ ריי פּראַקטישע און מאָראַלישע פּריווילעגיעס אין די אָפיציעלע אינסטאַנצן פון לאַנד. זיי צאָלן וויני־קער פונם נאָרמאַלן פּרייז אויף די באַנען און אויטאָבוסן. זיי האָבן באַדייטנדיקע פאַרגרינגערונגען ביים צאָלן מס הכנסה (איינקונפט שטייערן). בערך צוויי הונדערט זשורנאַליסטן האָבן דערגרייכט צו האָבן טעלעפאָנען. אויך די שווערע פראַגע פון באַקומען וואוינונגען איז פאַר מיטגלידער פון פאַראיין כמעט ווי געלייזט געוואָרן. דער פאַראיין האָט זיך באַמיט צו באַקומען באַדן פון קרן קימת און בוי־מאַטעריאַלן פון דער רעגירונג, און אַזוי־אַרום אויפגעבויט פאַר אירע מיטגלידער פינף שיכונים (אין רמת גן, יד אליהו און תל ברוך). די וואוינונגען פון די זשורנאַליסטן באַשטייען פון 3 און 4 צימערן, און די פאַרטיילונג איז פאָרגעקומען לויט אַ גורל.

אין שרייבער שיכון, אין רמת־גן, וואוינען צווישן אַנדערע — דר. לאַזאַר (געוועזענער רעדאַקטאָר פון „נאָווי דזיענניק" אין קראָקע, פּוילן, און איצט איינער פון די פּראָמינענטסטע מיטאַרבעטער פון דער פּאָפּולערער ישראל־צייטונג „מעריב"), דער דיכטער אורי צבי גרינבערג, הערצל ראָזענבלום, משה ראָן און אויך טייל זשורנאַליסטן פון דער אידישער צײ־

טונג. איך דערמאָן דאָ בלויז דעם רמת־גן שיכון, ווייל איך האָב דאָרט געמאַכט אַ באַזוך און געזען די דאָרטיקע פּרעכטיקע מאָדערנע וואוינונגען.

ביידע שרייבער־אָרגאַניזאַציעס אין ישראל, — סיי דער העברעאישער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין און סיי דער אידישער שרייבער־קלוב, — האָבן אַ חזקה אויפצונעמען ביי אַ מסיבה מיט אָפענע אָרעמס, יעדן אידישן שרייבער פון אויסלאַנד, וואָס קומט באַזוכן אָדער באַזעצן זיך אין מדינת ישראל.

די זעלבע חברישע גאַסטפריינטלעכקייט ווערט צוגעטיילט דעם גאַסט אין ביידע אָרגאַניזאַציעס אָבער אינם אופן פון אַראַנזשירן די מסיבות, זעט איר אַן אונטערשיד.

די העברעער האָבן ליב אויפצונעמען דעם גאַסט אין מיטן העלן טאָג. מען רייסט אַוועק די זשורנאַליסטן פון דער אַרבעט און מען רופט זיי קומען באַגריסן דעם גאַסט. מען באַגריסט אים אין אַזאַ טעמפּאָ, ווי יעדע מינוט איז געוואויגן און געמאָסטן. במילא מוז מען מער קוקן אויפן זייגער, ווי — אויפן גאַסט. מען רעדט און מען הערט און מען פאַרשרייבט אין איילעניש, — און ס׳איז נישט קיין וואונדער: דער גאַסט איז דאָך שוין דערשינען, אָבער די צייטונג דאַרף ערשט דערשיינען!

אַנדערש איז דער נוסח פון די מסיבות אין פאַראיין פון די אידיש־שרייבער. דאָרט האָט מען צייט. מען איילט זיך נישט. ס׳האָט גענומען צוויי טויזנט יאָר, — וועט נעמען נאָך אַ שעה!

ווערט טאַקע דאָרט אָפט די מסיבה פאַרוואַנדלט אין אַ סימפּאָזיום פון ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע פראַגן. קיין פּראָבלעמען פעלן חלילה קיינמאָל נישט אויס, — שלאָגט מען זיך דורך מיט געדאַנקען בקול רם. אָבער וועגן וואָס מען זאָל נישט רעדן, פירן דאָרט אַלע פּראָבלעמען אַרויף אויף איין וועג, — דער וועג פון מאַמע־לשון אין ישראל.

פאַר מיר פערזענלעך זיינען די מסיבות, וואָס איך האָב מיטגעמאַכט אין ביידע פאַראיינען געווען אַ שטאַרקע עמאָציאָנעלע איבערלעבונג. איך האָב מיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן ביי איין טיש מיט נאָענטע פריינט מיט וועלכע איך בין געוואָרן צוזאַמענגעוואַקסן אין די יוגנט־יאָרן אין מיין

היים־שטאָט וואַרשע, און די מלחמה האָט אונז פונאַנדערגעריסן ביי פאַר־שידענע טראַגישע אומשטענדן.

אָט זע איך ווידער ביים טיש מיין פריינט שלום גאָטליב (איצט — ידידיה) פון אַמאָליקן וואַרשעווער „מאָמענט". אונטער באַמבעס זיינען מיר צוזאַמען אַנטלאָפן און אונטער באַמבעס האָבן מיר זיך פאַרלוירן.

דער שרייבער יצחק פערלאָוו — מיט וועלכן איך האָב געוואַנדערט און געהונגערט אויף קאָלעקטיווע יסודות אויף די סטעפּעס פון אוזבעקיס־טאַן און טורקמעניע.

מיינע אַמאָליקע פריינט און קאָלעגן די פאַרפוילישטע זשורנאַליסטן ש. סוויסלאָצקי (רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „פיאָנטאַ ראַנאַ") און ש. וואָלקאָוויטש (מיטרעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „נאַש פּזשעגלאָנד") טרעף איך איבערגעבויטע אויף העברעאיש און איינגעפונדעוועטע אין דער העב־רעאישער פרעסע.

יואל מאַסטבוים, שלמה בערלינסקי, משה גראָסמאַן, דוד פלינקער, דר. יוריס, דר. דוואָזשעצקי, וואָלף יאַסני, — יעדער פון זיי און פון אַנדערע וועלכע איך זע דאָרט, ברענגען מיר צוריק שטיקער פון אונזער אַמאָליקן לעבן.

* * *

פוןביידע מסיבות בין איך אַוועק אַ דערפרישטער און אַן אָנגעג־זעטיקטער מיט האַרציקער גאַסטפריינטלעכקייט.

פון דער מסיבה ביי די אידישע שרייבער איז מען זיך פונאַנדערגע־גאַנגען געמיטלעך, לאַנגזאַם, — ס׳ברענט נישט!

פון דער מסיבה ביי די העברעאישע שרייבער איז מען זיך פונאַנ־דערגעלאָפן טעמפּאָ׳דיק, — ס׳ברענט יאָ!...

און אינדרויסן, אויף די תל־אביבער גאַסן, האָבן צייטונגס־פאַרקויפער, — די אָנזאָגערס פון „ס׳ברענט יאָ", — אַנטקעגנגעזונגען מיט זייער ספּע־ציפישן קלאַנג:

— „מ־ע־ר־י־ב!..."

— „י־ד־י־ע־ו־ת אחרונות!..."

טעאַטער אין ישראל

אין ישראל האָט מען ליב טעאַטער. אין ישראל איז טעאַטער אַן אַרטיקל פון ערשטן געברויך. דער פאַרלאַנג איז אַזוי גרויס, אַז דאָס טעאַטער דאַרף נישט קומען צום עולם, — דער עולם קומט צום טעאַטער...

די קיאָסקן און סלופּעס מיט טעאַטער־פּלאַקאַטן זיינען געדיכט באַזעצט, און יעדעס ליידיקע שטיקל פּלאַץ ווערט פאַרצוקערט, ממש — ארץ־ישראל־ערד.

איר געפינט שטענדיק אויף די טעאַטער־סלופּעס אַ מאָזאַיק פון כל'ערליי אַפּישן.

עס מישן זיך אויס אידישע אַפּישן מיט העברעאישע, אַ דראַמאַטי־שע פאָרשטעלונג מיט אַ סאַטירישער רעווי, אַ סימפאָנישער קאָנצערט מיט אַ מעלאָדראַמאַטישער מאַכערייקע, און אַ חזן מיט אַ באַלעט.

נעבן אַפּיש פון שעקספּיר'ס „קעניג ליר" אין דער „הבימה" קלעפּט זיך צו אַ גאַסטראָלאָרשע מיט „צרות פון אַ מיליאָנער"; אויף דזשיגאַן־שומאַכערס „נאַדיר און ווייַן נישט", כאַפּט זיך אַרויף דער אַפּיש פון יגאל מאָסענזאָנס „קאַזאַבלאַן" אין קאמערי־טעאַטער; בשכנות פון איציק מאַנגערס „כישופמאַכערין" מיט דינה האַלפּערין, — באַזעצן זיך יאָנאַס טורקאָוו מיט דיאַנאַ בלומענפעלד און קוקן־אַריבער צו די „גרינע פעל־דער" מיט לעאָן ליבגאָלד און ליליאַנאַ; און פון דער זייט יאָוועצן זיך בן ציון וויטלער און שפרהלע לערער, זיי גיבן אַ וואונק צו מנחם רובינען און שטופּן־אַרויף דעם סטאַר מאַקס פּערעלמאַן — אויפן אַפּיש פון הע־ברעאישן „דאַ־רע־מי"־טעאַטער.

אָט, אין אַזאַ ענגשאַפט זיינען צוזאַמענגעפרעסט די טעאַטער־אַפּישן אין ישראל. אַלע פאָרשטעלונגען זיינען צוזאַמענגעקלעפּט, כאָטש נישט יעדע פאָרשטעלונג קלעפּט זיך...

שוין פון דעם איז צו זען, אַז די טעאַטער־אינדוסטריע אין ישראל זיצט נישט מיט פאַרלייגטע הענט. עס רודערט זיך, עס קאָכט זיך!

און — כאָטש אויפן סלופּ פּילט זיך אַזאַ גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע מינים טעאַטערס, איז אָבער אין דער פּראַקטיק אַביסל אַנדערש.

דאָס העברעאישע טעאַטער איז דער אַריסטאָקראַט און פאַרנעמט די מזרח־וואַנט.

דאָס אידישע טעאַטער איז ווי אַ ווייטער קרוב, וואָס מען לאָזט אים וואוינען צוליב גאַסטפריינטלעכקייט.

דאָס העברעאישע טעאַטער וואוינט אין אַ שטענדיקער דירה, און די פענצטער גייען־אַרויס אויפן פראָנט.

דאָס אידישע טעאַטער וואוינט וואו עס לאָזט זיך, און טיילמאָל זיי־נען אינגאַנצן קיין פענצטער נישטאָ.

I. העברעאיש טעאַטער

תל אביב האָט פאַרזאָרגט אירע דריי העברעאישע טעאַטערס, — „הבימה", „קאַמערי" און „אהל" — מיט שטענדיקע געביידעס.

די „הבימה" איז זעקס און דרייסיק יאָר אַלט — אַ לאַמעד־וואָוו־ניצע; דער „אהל" — דרייסיק יאָר; און דער קאַמערי־טעאַטער איז נאָך אַ צוציק, — ער איז נאָך פאַר דער בר־מצוה.

ווען מ'זאָל פרעגן דעם העברעאישן טעאַטער־גייער, וועלכעס טעאַטער איז אים אַמנאָענטסטן צום האַרצן, וואָלט ער זיכער געגעבן דעם זעלבן ענטפער, וואָס אַ קינד גיט, ווען מען פרעגט עס: „וועמען האָסטו ליבער, — דעם טאַטן צי די מאַמען?"

דער אמת איז, אַז דער קורס פון די מאָראַלישע אַקציעס אין יעדן טעאַטער בייט זיך פון צייט צו צייט. אַמאָל איז דאָס טעאַטער אויפן פערדל, און אַמאָל איז אַן אַנדער טעאַטער אויפן פערדל.

די „הבימה" איז נאָך אַלץ די יוסטע באַלעבאָסטע, וואָס פירט־אָן מיט אַן איינגעפונדעוועטער באַלעבאַטישקייט, און וואָס גייט אַרום מיט אַ בינטל שליסלען אין גאַרטל, און ווען די באַלעבאָסטע גייט — קלינגען די שליסלען.

„הבימה" ווערט געפירט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און באַקומט פאַרשידענע סובסידיעס. די גרעסטע סובסידיע באַשטייט אין דעם, וואָס זי דאַרף נישט אַראָפּצאָלן קיין שטייערן פון די בילעטן. דער אַנסאַמבל ציילט פופציק מיטגלידער, צווישן זיי זיבעצן אָנגעשטעלטע. אַלע באַקומען גלייכע שכירות. בלויז עטלעכע געציילטע מיטגלידער אין אַנסאַמבל, פאַרדינען זיך — פאַר זייער רום און סטאַזש — אַ ספּעציעלן „מאָראַלישן" פונט מער — פון אַלע אַנדערע.

אין פאַרלויף פון פינף און דרייסיק יאָר האָט די הבימה אויפגעפירט 139 פיעסן, און אַ „שטאַרקע שוואַכקייט" האָט די „הבימה" צו שעקספּיר־פיעסן. „קעניג ליר" איז דאָרט אַן אָפטער איינגייער, און די קרוין זיינע טראָגט מאַיעסטעטיש דער באַרימטער אהרן מעסקין אָדער אורי פּינקעל.

ווען איך בין דאַסמאָל געווען אויף אַ פאָרשטעלונג אין דער „הבימה",

האָב איך אויך אָנגעטראָפן אויף „קעניג ליר" און טאַקע מיט מעסקינען אין דער הויפּט־ראָל. מען האָט שוין אפילו אויף זיין חשבון אין ישראל פּאַראַפראַזירט דעם פסוק: „אם אין אני „ליר", מי „ליר"...

די „הבימה", וואָס איז אַלע יאָרן געווען אַ פּאַרפּאַנצערטע פעסטונג פאַר נייע מיטגלידער, האָט לעצטנס געעפנט די טויערן פאַר יונגע און נייע טאַלאַנטן. איינער פון זיי איז דער שוישפּילער און רעזשיסער ישראל בעקער, וועלכער רעכנט זיך שוין איצט צו די אָנגעזעענע מיטגלידער אין דער משפּחה.

די וועטעראַנען פון דער „הבימה" זיינען ליבלינגען פון פאָלק. חנה ראָווינא ווערט געשעצט און געאַכטעט פון קליין און גרויס. פאַר ישראל־פרויען איז חנה ראָווינא ווי אַ שוועסטער, און איר הויז איז פאַר אַלע־מען אָפן, און מען ווייסט וואָס עס טוט זיך אין דער באַלעבאַטישקייט. וועגן דער דאָזיקער היימישקייט גייען אַרום וויצן. מען דערציילט, אַז חנה ראָווינא טרעפט אויף דער גאַס אַ ווילד־פרעמדע פרוי און פרעגט: „וואָס הערט מען עפּעס ביי מיר, — כ'בין אַ האַלבן טאָג נישט געווען אינדערהיים!"

פאַראַן נאָך אַ חנה, מיט וועלכער עס שטאָלצירט די העברעאישע בינע, — חנה מירון, וואָס שפּילט אין קאַמערי־טעאַטער. אויך פאַראַן אין זעלבן טעאַטער אַ באַרימט־געוואָרענע נישט־אידישע אַקטריסע — אָרנאַ פּאָראַט (אורנה פורת).

דאָס ישראלדיקע קאַמערי־טעאַטער איז איצט אין אַ בליענדיקער פאַזע. מיט אַ יוגנטלעכן אימפּעט גייט ס'טעאַטער העכער פון שטאַפּל צו שטאַפּל. זיי מאַכן דערפאָלגרייכע קינסטלערישע עקספּערימענטן און שטעלן געוואַגטע ספּעקטאַקלען. די אַקטיאָרן־משפּחה ציילט בערך זעכ־ציק מיטגלידער, און דער רוב — יוגנט.

ווען איך האָב באַזוכט אַ פאָרשטעלונג אין קאַמערי־טעאַטער, האָב איך געזען יוגנט אויף דער בינע און יוגנט אין זאַל. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ קאָנטעסט צווישן עולם מיט די אַקטיאָרן: ווער פון אונז איז איבגער?

שוין עטלעכע יאָר ווי דער קאַמערי־טעאַטער האָט אַ דראַמאַטישע

סטודיע, וואו עס ווערן אויסגעשולט נייע כוחות. זי שיקט אויך אַפּט אירע אַקטיאָרן קיין אויסלאַנד צום שטודירן דראַמאַטישע קונסט. בעת מיין צוריקפאָר־רייזע האָב איך געטראָפן אויף דער שיף דעם יונגן קאַמערי־שוישפילער חיים ענב (חיים וויינטרויב), וועלכער איז געפאָרן קיין פּאַריז שטודירן. ענב איז אויך איינער פון די אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אינם ישראל־פילם „דער באַרג 24 — ענטפערט נישט".

אין פאַרלויף פון עלף יאָר האָט דאָס קאַמערי־טעאַטער אויפגעפירט 56 פּיעסן, געגעבן איבער פיר טויזנט פאָרשטעלונגען, און געהאַט דריי מיט אַ פערטל מיליאָן צושויער. אויך דרויסנדיקע רעזשיסערן לאָזט מען צו „צום עמוד". זיגמונט טורקאָוו האָט דאָרט אויפגעפירט די „בלאָנדזשענדיקע שטערן".

עטוואָס שוואַכער איז איצט דער שעפערישער מצב פון „אהל־טעאַטער", וואָס האָט אין משך פון זיין עקזיסטענץ געהאַט אַ סך בליענדיקע סעזאָנען. זוכט מען איצט דאָרט פאַרשידענע וועגן און אופנים ווי אַזוי צוריק אַרויפצוזעצן דעם אהל „אויפן פערדל".

וויניקער מזל האָט לעצטנס די העברעאישע קליינקונסט־בינע.

זינט עס איז אונטערגעגאַנגען דאָס סאַטירישע טעאַטער „המטאטא", וואו יצחק נאָזשיק איז געווען דער הויפּט־מחבר, — קאָן נישט דערוויל קיין שום קליינקונסט־טעאַטער פאַרנעמען דעם בלויז. דאָס רעווי־טעאַטער „לי־לה־לו" האָט זיך אויך נישט געקאָנט האַלטן, און נאָך לענגערע מאַטערנישן און קריזיסן האָט עס קאַפּיטולירט.

דאָס ניי־געגרינדעטע מוזיקאַלישע רעווי־טעאַטער „דאָ־רע־מי" בלאָנדזשעט נאָך דערוויל און קאָן נישט אָנטרעפן אויפן ריכטיקן וועג.

ווען איך האָב באַזוכט אַ פאָרשטעלונג אין „דאָ־רע־מי", האָב איך אינם אַנסאַמבל געטראָפן צוויי שוישפילער, וואָס זיינען שוין באַקאַנט דעם אַמעריקאַנער אידישן טעאַטער־עולם, — יהלומי און גאַלאַנד, — דער זעלבער גאַלאַנד, וועלכער איז אויפגעטראָטן אין אַמעריקע צוזאַמען מיט שושנה דאמארי.

פאַראַן שוין איצט אין די העברעאישע טעאַטערס אַ שפּאָרע קאָלאָ־

ניע פון שוישפּילער, וואָס האָבן „עמיגרירט״ פון דער אידישער בינע. בלויז עטלעכע פון זיי האָבן זיך „מגייר״־געווען און צוריקגעקומען צו דער אידישער בינע.

II. אידיש טעאַטער

דאָס אידישע טעאַטער אין ישראל שטעלט מיט זיך פאָר — אַ קאָ־כעדיקן יאַריד.

סטאַרס פון דער גאַנצער וועלט קומען אַהין פאַרקויפן זייער סחורה. טיילמאָל צעכאַפּט מען די סחורה און זי ווערט פאַרצוקערט אונטער די הענט; אַן אַנדערש מאָל פאָרן זיי צוריק מיט דער פולער וואַליזע סחורה.

דעם קאָכעדיקן יאַריד פון אידישן טעאַטער זעט איר אויף די אַפישן, אין די אַנאָנסן, און דער עיקר — אין די געפּאַקטע הייזער, וואו עס „גייען״ אידישע פאָרשטעלונגען.

פאַרשטייט זיך, אַז נישט אַלע אידישע טעאַטער־אונטערנעמונגען האָבן איין סאָרט עולם. יעדע אונטערנעמונג האָט אירע צושויער, יעדער צושויער זוכט זיין מאכל, און יעדער גאַסטראָלאָר קאָכט דעם מאכל לויט זיין אייגענעם געשמאַק.

די שפע פון גאַסטראָלאָרן האָט אַזוי צעבאַלעוועט דעם עולם, אַז עס האָט זיך געשאַפן אין ישראלדיקן אידישן טעאַטער־וועלטל — אַ סטאַר־סיסטעם. וויניקער ווי אַ סטאַר — גייט עס נישט.

זיצן די אָרטיקע אידישע אַקטיאָרן און וואַרטן ביז דער סטאַר וועט קומען און צואַמענשטעלן די טרופּע. אָבער פון דעם אַליין איז שווער צו מאַכן אַ לעבן, — העלפט מען זיך אַרויס מיט באַזונדערע אויפטריטן, מיט „כאַלטורעס״, ווי מ׳רופט עס אויפן טעאַטער־לשון.

טייל שוישפּילער און שוישפּילערינס מאַכן אַ לעבן פון אויפטרעטן אין קאַפּעען.

די באַוואוסטע אידישע זינגערין, פון פאַר׳מלחמה׳דיקן פוילן, לאָלאַ פאָלמאַן, פרוי פון שרייבער יצחק פערלאָוו, האָב איך געטראָפן אויפ־טרעטן מיט דערפאָלג אין אַ קאַפע ביים שפת הים, אין תל אביב. אַ געוויסע צייט איז דער זינגער שמעון אָסאָוויצקי אויפגעטראָטן פאַר

אַרעסטאַנטן אין די תפיסות. דער רוב אַקטיאָרן איז אָבער אָפּהענגיק פון חסד פון סטאַרס.

ווער זיינען די סטאַרס אין ישראל? — טיילמאָל זיינען דאָס גערעסט־שוישפילער מיט נעמען און מיט סטאַזש.

זיי באַמיען זיך צו געבן דאָס בעסטע, וואָס זיי פאַרמאָגן. און אויב זייער פיעסע טרעפט „אין פינטל״, — גייט די פיעסע לאַנגע וואָכן און מען כאַפּט בילעטן ווי מצה־וואַסער.

אין מערסטע פאַלן אָבער זיינען די סטאַרס אומבאַקאַנטע, אָדער דורכשניטלעכע נעמען, וואָס די אימפּרעסאַריאָס אַליין האָבן זיי „גע־קרוינט״ מיטן טיטל — סטאַר.

פאַראַן שוין, אָן עין הרע, אין ישראל אַ היפּש ביסל אימפּרעסאַריאָס פון אידישן טעאַטער, וואָס מאַכן ביזנעס, „מאַכן״ סטאַרס און מאַכן אונ־טערנעמונגען, אָבער נישט מיט יעדער אונטערנעמונג מאַכן זיי זיך אַ גוטן נאָמען...

פאַראַן אויך אימפּרעסאַריאָס מיט סטאַזש, ביי וועלכע טעאַטער איז נישט קיין אויפגעקומענע פּרנסה.

איך האָב באַזוכט אין ירושלים דעם טעאַטער־אונטערנעמער מ. כהנא, דורך וועמענס „האַנט״ עס גייען־דורך כמעט אַלע דאָרטיקע קאָנ־צערטן און טעאַטער־אונטערנעמונגען.

אויף די ווענט פון מ. כהנא׳ס טעאַטער־ביוראָ, האָב איך געטראָפן אַ שפּאָר ביסל אַפּישן מיט נעמען פון אונזערע אַמעריקאַנער אידישע טעאַטער־סטאַרס.

גלייך ווי איר קומט דאָרט אַריין, באַגריסט אייך פון דער וואַנט אַראָפּ אַ גרויס בילד פון מאָריס שוואַרצן.

אגב, האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז דאָס דאָזיקע בילד איז צוליב אַ מיספאַרשטענדעניש געוואָרן אַריינגעצויגן אין די וואַלן פון ירושלימער בירגערמייסטער גרשון אַגראָנסקי.

אַזוי ווי מאָריס שוואַרץ איז אויפן בילד גאָר שטאַרק ענלעך צו אַגראָנסקין, האָבן דעריבער אַלע, וואָס האָבן געזען דאָס בילד, פאַרביטן שוואַרצן — אויף אַגראָנסקין.

טייל פון די קליענטן, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין ביוראָ אין די טעג פון די בירגערמייסטער־וואַלן, האָבן געהאַט טענות צו כהנאַ׳ן, הלמאי ער האָט זיך צוגעאיילט און שוין אויפגעהאַנגען אויף דער וואַנט דאָס בילד פונם נייעם בירגערמייסטער, נאָך איידער מ׳האָט אים אויסגעוויילט...

אין די וואָכן, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין ישראל, האָב איך גראָד אָנגעטראָפן אויפן „אוגערקע־סעזאָן" פון אידישן טעאַטער. ס׳איז געווען דער בין־הזמנים. די פריערדיקע סטאַרס האָבן שוין געהאַט געענדיקט, און די שפּעטערדיקע סטאַרס האָבן נאָך נישט געהאַט אָנגעהויבן.

איך האָב אָבער געהאַט מזל נאָך צו פאַרכאַפּן אַ פאָרשטעלונג פון אַן אויסלענדישער גאַסטראָלאָרשע, וואָס איז געווען רעקלאַמירט מיט סטאַר־אותיות. זי האָט געהאַט די הויפּט־ראָלע אין אַ מאַכאַרייקע, וואָס טראָגט דעם נאָמען — „צרות פון אַ מיליאָנער".

די „צרות" זיינען געוויזן געוואָרן אין אַ ריזיקן גאָרטן אין דזשעבעליאַ, אַ געוועזענער אַראַבישער קוואַרטאַל אין יפו. די סטאַר־אַקטריסע האָט געשפּילט די ראָלע פון אַ מאַנסביל, און איז „געגאַנגען אין די הויזן". דער עולם האָט געשעפּט נחת און געפּאַטשט בראַוואָ. דאָס פּאָרל, וואָס איז געזעסן הינטער מיר, האָט אפילו הויך געגעבן אַן אָפּשאַצונג:

„זי קאָן די מלאכה!"

„זי האָט אַן אייזערנע גבורה!"

איך אַליין האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן וועגן דעם, ווייל כ׳האָב מער געקוקט אויפן עולם ווי אויף דער בינע. מיך האָט אינטערעסירט, דער עיקר, דאָס פּובליקום.

דאָס פּובליקום, — אַן ערך טויזנט אין צאָל, — איז באַשטאַנען ס׳רוב פון יפו׳ער איינוואוינער: האַרעפּאַשנע אידן, פּאָלקס־טיפּן, נייע עולים פון רומעניע, פון פּוילן. צווישן פּובליקום האָט מען אויך געזען אַ באַדייטנדיקע צאָל יונגוואַרג. גערעדט האָט מען צווישן זיך: אידיש, אַ צעקאָליעטשעטן פּויליש און רומעניש. הינטער די לעצטע בענק האָב איך אויך געהערט רעדן העברעאיש. דאָס האָבן גערעדט צווישן זיך עטלעכע יונגע סאַבראַס, וואָס זיינען געקומען „גלאַט אַזוי" זען אַ אידישע

פאַרשטעלונג. זיי האָבן ווייניק פאַרשטאַנען, אָבער ווען אַלע האָבן געלאַכט האָבן זיי מיטגעלאַכט אויף קרעדיט...

צום באַדויערן ווערט נאָך דאָס אידישע טעאַטער אין ישראל נישט אָנערקענט ווי קיין קולטור־פאַקטאָר, נישט ביים עולם, נישט אין די אָפיציעלע רעגירונג־קרייזן, און אפילו נישט — ביי אַ גרויסן טייל פון די אידישע שוישפילער גופא...

די 52 רעגיסטרירטע אידיש־שוישפילער אין ישראל זיינען שוין צוויי מאָל געווען אָרגאַניזירט אין אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, און צוויי מאָל איז זיך דער פאַראיין צעפאַלן. איצט זיינען די אַקטיאָרן ווי שאָף אָן אַ פּאַסטוך, און יעדער מאַכט שבת פאַר זיך. וואָלט געווען אַ רעפּרעזענטאַנץ, וואָס וואָלט געוואוסט וואָס זי וויל, וואָלט נישט געווען אויפן טעאַטער־פעלד אַזאַ כאַאָס ווי עס איז איצט, און דאָס אידישע טעאַטער אין ישראל וואָלט געהאַט מער חשיבות ווי עס האָט.

אמת, אָפיציעל ווערט שוין איצט דאָס אידישע טעאַטער נישט גערודפט.

די אידישע אַקטיאָרן פאַרפירן שוין נישט מער קיין פּראָצעסן קעגן דער... רעגירונג.

די פּראָצעסן וואָס דאָס אידישע טעאַטער האָט פאַרפירט מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָט די רעגירונג טאַקע פאַרשפּילט, אָבער —

— דאָס אידישע טעאַטער האָט דערפון גאָרנישט געוואונען!...

III. דזשיגאַן־שומאַכער טעאַטער

פאַראַן אַ פּאָזיציע אין ישראלדיקן אידישן טעאַטער, וואָס איז פאַרבונדן מיט נעמען פון צוויי באַרימטע קאָמיקער, — דאָס קליינקונסט־טעאַטער פון דזשיגאַן און שומאַכער.

דאָס דאָזיקע טעאַטער האָט זיך דעראָבערט אַזאַ פּריווילעגירטע פּאָזיציע אין לאַנד, וואָס קיין שום אידיש טעאַטער האָט עס נישט, און אפילו נישט אַלע העברעאישע טעאַטערס האָבן עס דערגרייכט.

און אויב איך האָב דאָ דערמאָנט, אַז זיי האָבן אַ „פּריווילעגירטע" פּאָזיציע, מיין איך נישט דערמיט צו זאָגן, אַז זיי האָבן גרינגערע באַ־

דינגונגען צום שפּילן ווי עס האָבן אַלע אַנדערע אידישע טעאַטערס אין לאַנד. נייִן, — זיי זיינען אין דער זעלבער לאַגע פון נישט קריגן קיין סובסידיעס, פון נישט האָבן קיין זאַלן וואו צו שפּילן, און פון דאַרפן צאָלן ריזיקע שטייערן ווי יעדע אידישע טעאַטער־פאָרשטעלונג צאָלט. זייער פּריווילעגיע באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס אַלע אָן אויסנאַם שיכטן אין לאַנד האָבן זיי ליב און מען לויפט זיי זען. זיי האָבן די „פּרי־ווילעגיע", וואָס זיי זיינען אָנערקענט סיי ביים אידישן טעאַטער־עולם

דזשיגאַן און שומאַכער

און סיי — ביים העברעאישן. די העברעאישע פּרעסע גיט זיי אָפּ אפשר נישט ווייניקער אויפמערקזאַמקייט ווי צו די העברעאישע טעאַטערס.

דער באַוואוסטער שריפטשטעלער אורי קיסרי האָט זיי אין אַן אַר־טיקל געגעבן דעם טיטל — „גענעראַלן פון הומאָר".

די דאָזיקע „גענעראַלן" מאַכן לאַכן גאַנץ ישראל, און דווקא — מיט הומאָר אויף אידיש.

טאָמער גיבן זיי אַמאָל אַ הומאָריסטישן סקעטש אויף העברעאיש, — אַפּעלירן צו זיי אפילו די העברעאיסטן: „גיט עס אונז אויף אידיש!" סיי די העברעאישע פּרעסע און סיי דער עולם פאַרלאַנגט דאָס.

אויף איינער פון די פאָרשטעלונגען, האָט אַ מיידעלע פון אַכט יאָר אין מיטן פון אַ העברעאישן סקעטש דעמאָנסטרירט מיט אַ הויכן צווישנ־רוף: „אידיש"!... „אידיש"!...

ווי כ'האָב שוין פריער דערמאָנט, איז אויך דאָס דאָזיקע אויסדער־ווײלטע טעאַטער נישט קיין אויסנאַם ביים מאַטערן זיך צום קריגן אַ

זאַל צום שפּילן. מערסטנטייל קומט־אויס דעם דזשיגאַן־שומאַכער־טעאַ־טער צו שפּילן אין תל אביב אין „אהל שם״, אַ שול־זאַל אויף באַלפור־גאַס. אייגנטלעך איז דאָס אַ יחסנותדיקער זאַל, וואו מ׳האָט קיינמאָל נישט געשפּילט קיין טעאַטער. דאָרט פלעגן פאָרקומען די באַרימטע עונג שבת׳ן פון ביאַליקן, און נאָך היינט שוועבט דאָרט דער גייסט פון די עונג שבת׳ן. ס׳איז געווען אַ פאַל, אַז שומאַכער האָט איינמאָל בעת אַ פאָרשטעלונג גענומען אַ בענקל צו אַ סקעטש. איינער פון די בינע־אַרבעטער איז דאַן צוגעשפּרונגען, אַוועקגעכאַפּט דאָס בענקל צוריק, און געזאָגט צו שומאַכערן:

„סליחה, אדוני! אויף דעם בענקל וועט איר נישט זיצן, — דאָס איז דאָס בענקל אויף וועלכן אונזער ביאַליק איז געזעסן!״

אָבער וואו דאָס טעאַטער זאָל נישט שפּילן, — צי אין אַ שטאָט צי אין אַ דאָרף, — אומעטום זיינען די פאָרשטעלונגען אַ דערפאָלג.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען דאָס בילד אינדרויסן, פאַרן „טעאַטער־זאַל״, אין פאַרוואָרפענעם מושב בן יהודה, וואו דזשיגאַן־שומאַכער האָבן געשפּילט. די פאָרשטעלונג איז פאָרגעקומען אין אַ פויערישער כאַטע. אַרום און אַרום זיינען געווען שטייגן פון היינער־פאַרמס. פון דער גאַנצער אומגעגנט איז מען זיך צוזאַמענגעקומען צו דער פאָרשטעלונג, און לויט דער אויסשטעלונג פון די „טראַנספּאָרט״־מיטלען אין דרויסן האָט מען געזען, ווי אינעווייניק איז געפּאַקט. מ׳האָט געזען, פאַר דער כאַטע: אויטאָס, פערד, וועגעלעך און אייזעלעך. „זיי אַלע״ האָבן געוואַרט צו פירן דעם גרויסן עולם צוריק אַהיים פון דער פאָרשטעלונג.

אין וואָס באַשטייט דער כוח פון דזשיגאַן־שומאַכער־טעאַטער?

דער כוח באַשטייט אין דעם, וואָס די דערמאָנטע צוויי אַקטיאָרן טראָגן אויף זייערע פּלייצעס ס׳גאַנצע ישראלדיקע באַלעבאַטישקייט; זיי ברענגען עס אַרויף אויף דער בינע און זיי דערלאַנגען עס דעם עולם אויף אַ פאַלקסטימלעכער טאַץ.

דזשיגאַן־שומאַכער „לייזן״ אויף זייער בינע, — אויף אַ סאַטירישן

אופן, — די שווערסטע פּראָבלעמען, מיט וועלכע די פירער פון לאַנד ראַנגלען זיך און קאָנען זיך קיין עצה נישט געבן...

זייער רעפּערטואַר איז נישט סתם קיין פאַרווײַלונגס־שטאָף פון דורכ־שניטלעכן מין. עס איז אַ קרומע אָפּשפּיגלונג פון אידישן לעבן אין ישראל אין אַלע פאַזן.

אויף זייער בינע ווערן אויסגעקנאָטן אַלע פּאָליטישע, געזעלשאַפט־לעכע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע געשעענישן, וואָס פּאַסירן אין לאַנד. ווערן טאַקע זייערע פאַרשטעלונגען באַזוכט דורכן פאָלק און דורך די פירערס פונם פאָלק, וועלכע ווילן הערן דאָס „גוטע וואָרט", וואָס מען זאָגט זיי אַריין.

עס וועט נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז יעדע פּרעמיערע פון דזשיגאַן־שומאַכער איז אַ שטיק יום־טוב פאַר ישראל־אידן.

עס טרעפט אָפט, אַז נאָך אַ פּרעמיערע פאַרזאַמלט זיך ספּאָנטאַן, אין אַ קאַפע, דער עולם צוזאַמען מיט די קינסטלער און מען נעמט־אַרויף אויף די טישלעך ס'גאַנצע פּראָגראַם.

איך האָב בײַגעוואוינט אַזאַ אומגעריכטן „סימפּאָזיום", נאָך זייער פּרעמיערע פון פּראָגראַם „נאָדיר און וויין נישט!"

ביי אַ גלעזל קאַווע און קאָניאַק האָט דער עולם, — וואָס איז באַ־שטאַנען פון זשורנאַליסטן, דיכטער, דעפּוטאַטן, מיניסטאָרן און סתם פאָלק־מענטשן — דיסקוטירט די נאַר־וואָס געזעענע פאַרשטעלונג. מ'האָט דיסקוטירט מיט אַזאַ כוונה, ווי עס וואָלטן נישט געווען דאַן קיין שום אַנדערע פּראָבלעמען אין לאַנד...

דער געוועזענער קריגס־מיניסטער פּנחס לבון, איינער פון די דיס־קוטאַנטן ביי אונזער טישל, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ בקי אין דזשיגאַן־שומאַכער־פּראָגראַמען. ער האָט צענומען און צעגלידערט יעדן נומער פון פּראָגראַם מיט אַזאַ ערנסטקייט, ווי ער וואָלט דיסקוטירט אַ נאַציאָ־נאַל פּראָבלעם...

צומאָרגנס, נאָך יעדער פּרעמיערע, לויפן שוין אַרום אין שטאָט גאַנצע שטיקער רעפּערטואַר, וואָס דער עולם האָט אַרויסגעטראָגן פון

דער פאַרשטעלונג. און פון יעדן פראָגראַם איז שטענדיק פאַראַן וואָס אַרויסצוטראָגן.

אָט קומט דזשיגאַן אַרויס ווי אַ „יורד", מיט אַ וואַליזע אין האַנט, גרייט צום אַוועקפאָרן פון ישראל. ער קאָן זיך נישט איינאָרדענען אין לאַנד, פאַרט ער אַוועק און רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן:

„כ'בין געווען, — זאָגט ער, — אין ישראל אַ פאַרמער, איז מיר געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ! כ'האָב געהאַט צרות מיט די הינער צוליב זייער פאַרטייאישקייט. זיי זיינען געווען אין אָפּאָזיציע צו דער מפא"י, — האָבן זיי נישט געוואָלט לייגן קיין אייער. פאָר איך איצט קיין נאָרוועגן, — נאָר וועגן פּרנסה!"

און ווען שומאַכער קומט אַרויס ווי אַ נטורי־קרתא'ניק, מאַכט ער אַש און פּראָך פון אַפּיקורסישן רעזשים:

„כל זמן, — זאָגט ער, — אויפן פערדל וועט זיצן בן־גוריון און נישט משיח, וועט מען נישט האָבן קיין נחת פון דער מלוכה! אַז משיח וועט קומען, וועט מען האָבן אַן אייגענע הסתדרות, ס'וועט נישט זיין קיין שוואַרצע בערזע, און דער קורס פון פונט וועט ביי משיחן זיכער שטייגן!"

ווען דזשיגאַן ווערט מגולגל אויף דער בינע אין אַ מאַטראָז פון אַ אידישער שיף, גיט ער עצות דעם ישראלדיקן פלאָט:

„איך זע נישט, — זאָגט ער, — צו־וואָס דער פלאָט דאַרף האָבן אַזעלכע גרויסע הוצאות פון אַזוי פיל שיפן! פאַ מאָיעמו קאָן איין שיף פאַרטרעטן אַלע שיפן! דער חשבון איז אַ פּשוטער: אין דער שיף פאָרן פּאַסאַזשירן, — איז עס אַ פּאַסאַזשירן־שיף. די פּאַסאַזשירן האַנדלען צווישן זיך אויף דער שיף, — האָט עס אַ האַנדלס־שיף. ביים האַנדלען קושט מען זיך נישט, און מען האַלט זיך אין איין אַרומקריגן, — האָט עס אַ קריגס־שיף. און אַז די שיף איילט זיך נישט און שווימט פּאַוואָליע, דאָס ווייסט עס דאָך אַליין, — איז האָט עס שוין אַ שלעפּ־שיף אויך. איז וואָס דאַרף מען נאָך מער?!"

און אַז דזשיגאַן און שומאַכער שטייען אויף דער בינע און פירן אַ

דיאַלאָג, האָט איר דאַמאָלס אַ קאָנצערט פון אַ צוזאַמענגעשפּילט בינע־פּאָרל.

ווען איינער פון זיי איז אַן אַמעריקאַנער טוריסט און דער צווייטער אַ ירושלימער שטיוול־פּוצער, הערט איר פירן אַזאַ שמועס:

שיך־פּוצער: בבקשה, תן את הרגל! (גיט דעם פוס!)

טוריסט: חלילה וחס! אַ איד וואָס רעדט לשון קודש וועט מיר גיין פּוצן די שיך?! איך וויל האָבן די זכיה צו פּוצן ביי אייך די שיך!

שיך־פּוצער: איר וואָלט דען געקענט?!

טוריסט: ווייז מיר, פּליז, אַן אַמעריקאַנער מיליאָנער, וואָס זאָל נישט קאָנען פּוצן שיך?! ווי דו קוקסט מיך אָן, האָב איך אָנגעהויבן ווי אַ שיך־פּוצער אין ניו־יאָרק, און היינט האָב איך אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר אין פילאַדעלפיע.

שיך־פּוצער: מיין מעשה, נאָר — פאַרקערט: איך האָב אָנגעהויבן מיט אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר אין תל אביב, און היינט פּוץ איך שיך אין ירושלים!

טוריסט: אויב דו רעדסט מאַמע־לשון, ביסטו דאָך אַ נאָש בראַט! אַבי איך האָב געמיינט, אַז מיט דיר דאַרף מען רעדן עברית.

שיך־פּוצער: עס ווענדט זיך! אויב דער קליענט האָט פּראָנצויזישע פראַנקן אָדער אַרגענטינער פּעזעס, מוז ער רעדן עברית. אויב ער האָט אָבער אַמעריקאַנער דאָלאַרן, מעג ער רעדן אידיש!

אין די צייטן ווען ס'איז געווען אין לאַנד אַ דוחק אין פּראָדוקטן, איז שומאַכער געקומען אויף דער בינע מיט עצות, ווי אַזוי צו פאַרגרינגערן די לאַגע.

אַזוי ווי, — זאָגט ער, — עס גייט צו יום כיפור, אידן דאַרפן שלאָגן כפּרות, און כפּרות זיינען מיט גאָלד צוגלייך, איז דעריבער פאַראַן איין אויסוועג ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען: „מ'דאַרף נעמען אַן עוף, אים אַרויפזעצן אויף אַן עראָפּלאַן, און דער פליער דאַרף אַרומפליען מיטן עראָפּלאַן איבער תל־אביב און דרייען מיטן עוף און אַזוי אַרום שלאָגן כפּרות פאַר דער גאַנצער שטאָט.

לעצטנס, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די עליה פון צפון־אַפריקאַנער

אידן קיין ישראל, איז דער עליה־בודזשעט פון דער רעגירונג זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז מ׳האָט געמוזט זוכן פאַרשידענע עצות, ווי אַזוי צו דעקן דעם דעפיציט. די רעגירונג האָט דעריבער אַרויפגעלייגט אַ ספּעציעלן שטייער פון אַלקאָהאָל־טרינקער, לטובת דער עליה.

ווען דאָס געזעץ איז אַרויס, איז דזשיגאַן געקומען אויף דער בינע מיט אַ שאלה:

„זאָגטס מיר אידן, וויפיל קאָניאַק דאַרף איך אויסטרינקען, אַז כ׳זאָל קאָנען אַריינברענגען אַ פאַמיליע פון פינף מענטשן קיין ישראל?“

די אויבנגעבראַכטע פראַגמענטן זיינען בלויז עטלעכע „מוסטערן“ פונם פאַרשידנפאַרביקן רעפּערטואַר, וואָס דזשיגאַן־שומאַכער פראָדוצירן. די אויסצוגן זיינען גענומען פון מאָנאָלאָגן און דיאַלאָגן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן ספּעציעל פאַרן דאָזיקן טעאַטער דורך: יוסף שמעון גאָלדשטיין, יוסף הייבלום און מ. נודעלמאַן.

אַ גאַר שטאַרקן טייל פון די פּראָגראַמען אינם דאָזיקן אידישן טעאַטער, פאַרנעמט דער רעפּערטואַר פון מחברים, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער העברעאישער פּרעסע.

עס ווערן אויפגעפירט נומערן פון אפרים קישון, ש. בר־יוסף און י. מ. ניימאַן, אַמאָליקער מיטרעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „היינט“ און די לעצטע אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר — איינער פון די טעאַטער און קונסט־רעצענזענטן אין „דבר“.

דזשיגאַן־שומאַכער האָבן דערפירט דאָס אידישע קליינקונסט־טעאַטער אין ישראל, צו אַ הויכער מדרגה.

עס איז אָבער נישט קיין נאָרמאַלע דערשיינונג אַז בלויז קליינקונסט זאָל רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע אידישע טעאַטער אין ישראל.

דאָס איז בלויז אַ גרויסן קאַפּיטל, אָבער דער דאָרטיקער אידיש־עולם וואַרט אויף נאָך קאַפּיטלען, וואָס זאָלן צוזאַמען בילדן אַ בוך — „אידיש טעאַטער אין ישראל“.

באַגעגענישן

מיין באַזוך אין ישראל איז געווען אַ קייט פון דראַמאַטישע, קאָמישע און טראַגי־קאָמישע באַגעגענישן. טייל — פון ריין פּערזענלעכן כאַראַקטער, און טייל — פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וואָס קאָנען אינטערעסירן אויך אַנדערע, נישט ווייניקער ווי מיך.

מיין סאַמע ערשטע באַגעגעניש נאָכן אויסשטייגן פון עראָפּלאַן אין לוד, איז געווען מיט משה ראָן, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון העברעאישן זשורנאַליסטישן־פאַראיין אין ישראל. משה ראָן איז דער אָפיציעלער און נישט־אָפיציעלער מכניס־אורח, פאַר אידישע שרייבער. ער האָט שוין אַ חזקה צו געבן דעם ערשטן „שאַלאָם!" צו שרייבער, וואָס שטעלן די ערשטע שריט אויף דער ישראל־ערד.

מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, האָב איך אויפן וואָקזאַל פון פלי־פעלד געהאַט אַ באַגעגעניש מיט, אָן עין הרע, עטלעכע מנינים פאַרזאַמלטע קרובים, נאָענטע פריינט שרייבער און שוישפּילער. פון דער דאָזיקער רירנדער באַגעגעניש האָב איך באַלד אַ סך געלערנט. איך האָב מיך דערוואוסט, אַז ישראלדיקע אידן זיינען דורכגעזאַפּט, — אַ חוץ מיט גאַסטפריינדלעכקייט, וואַרימקייט, האַרציקייט און בענקשאַפט — אויך מיט.... פּראָטעקציע.

„בלייבט איבער מיט אונז — האָט זיך צו מיר געווענדעט מיט אַן עפנטלעכן רוף דער שרייבער־הומאָריסט יוסף הייבלום — איך האָב אין לאַנד אַ סך פּראָטעקציע און איך קאָן אויספּועלן פאַר אייך פאַפּירן אויף צו האָבן שטענדיקע וואוין־רעכט אין ישראל!"

די דאָזיקע סאַמע ערשטע באַגעגעניש אין ישראל איז פאַר מיר געווען אַ טיפע איבערלעבונג. געקומען בין איך קיין ישראל אין אַ וואָכע־דיקן דינסטיק, און געפילט האָב איך, אַז איך פאַל אַריין פון אַן אינדער־וואָכן — אין אַ יום טוב.

אָבער נישט אַלע מיינע שפּעטערדיקע באַגעגענישן אין ישראל זיינען געווען בלויז יום־טובדיקע. כ'האָב אויך געהאַט וואָכעדיקע באַגעגענישן מיט אומצופרידענע, וואָס איך האָב געטראָפן אין די רייען פון די נייע עולים.

אויף פאַרשידענע אופנים דריקן אויס די אומצופרידענע זייער פאַר־ביטערטקייט. טייל פון זיי זיינען — שווייגערס. איר וועט נישט הערן קיין שלעכט וואָרט פון זיי.

אָבער שטילערהייט גייען זיי צום קאָנסול געוואויר ווערן, ווען עס דאַרף שוין אָנקומען דער נומער פון זייער וויזע.

פאַראַן וווידער אַנדערע, וואָס מאַכן ניט קיין סוד דערפון, אַז זיי זיינען אומצופרידן. זיי קרעכצן הויך און באַקלאָגן זיך הויך.

ווען איר בעט ביי אַזאַ איינעם אַ שוועבעלע צו פאַררויכערן אַ סי־גאַרעט, און דאָס שוועבעלע, — עס זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי עס טרעפט זיך — לעשט זיך אויס, האָט דער דאָזיקער אומצופרידענער באַלד אַ פאַרטיקן תירוץ:

„ווי אַזוי", זאָגט ער, „זאָל זיך דאָס שוועבעלע אָנצינדן, אַז די פאַבריק וואָס אַרבעט אויס די שוועבעלעך הייסט „נור" — ס'איז נור האַלץ!"...

לויט זיי קומט אויס, אַז דאָס ישראלדיקע לעבן איז פאַר אַ נייעם עולה איינגעטיילט אין דריי פאַזן:

די ערשטע פאַזע איז — אַ קאַמף פאַר אַ שיכון;

די צווייטע פאַזע איז — דער קאַמף פאַר א פרידזשידער;

און די דריטע פאַזע איז — דער קאַמף פאַר אַ רייזע קיין אויסלאַנד...

אָבער די זעלבע „שוואַרצזעער" פאַרגעסן אָן זייער פעסימיזם און ווערן פאַרוואַנדלט אין אָפּטימיסטן, נאָכדעם ווי עס געלינגט זיי זיך איינצו־אָרדענען אויף אַ שטעלע, וואָס גיט פרנסה. מערסטנטייל איז אַ מהלך פון גרייטן זיך צום אַוועקפאָרן ביז — צום אַוועקפאָרן. אָפּט קומען־פאָר ביי די „יורדים"־קאַנדידאַטן אינערלעכע איבערקערענישן...

איך האָב באַזוכט רייזע־ביוראָס אין ישראל און זיך געוואָלט טרעפן פנים אל פנים מיט צוריקפאָרערס, אָבער איך האָב זיי נישט געטראָפן.

אין אַ שמועס וועגן יורדים־פּראָבלעם מיט יוסף גרייווער, דירעקטאָר פון רייזע־געזעלשאַפט „פּאַטרא" אויף רחוב נחלת בנימין אין תל אביב, האָב איך באַקומען אַ געוויסע אויפקלערונג:

„אויב מ'זאָל מעסטן, — האָט ער געזאָגט — דעם יורדים־פּראָבלעם אין ישראל לויט אַ פּראָצענט־מאָס פון דער באַפעלקערונג, איז דאָס פּראָבלעם אינגאַנצן קיין פּראָבלעם נישט. אַוודאי „וואַרפן זיך דורך" פון צייט צו צייט איינצעלע צוריקפאָרערס, אָבער אין סך הכל איז זייער צאָל גאָר־גאָר אַ קליינע".

אין מיינע 12 יאָר פּראַקטיק אין „פּאַטרא" האָב איך געהאַט אַ סך פאַלן, ווען טוריסטן זיינען שפּעטער געוואָרן — אימיגראַנטן; איך האָב אָבער געהאַט גאָר ווייניק פאַלן, אַז די אימיגראַנטן זאָלן ווערן — עמיגראַנטן..."

* * *

עס טויגט פאַר מיר אויף איין באַגעגעניש נאָך דער צווייטער.
טייל פון זיי, — פשוטע באַגעגענישן, און דאָך זיינען זיי נישט פשוט.

טייל פון זיי, — שטומע באַגעגענישן, און דאָך רעדן זיי אַ סך.

איך זע איצט ווידער דעם צפת'ער איד מיטן ברייטן רבנישן קאַפּעליוש, וועלכער האָט מיך געפירט אין דער פינסטער איבער די שמאָלע און געדרייטע געסלעך פון צפת, צו דער שול פון אר"י הקדוש.

מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק זיינען געווען בערך 50 שולן אין צפת, און היינט זיינען דאָ — 15. אָבער די שול פון אר"י הקדוש איז געבליבן די „שול פון די שולן".

דורך דער גאַנצער צייט פון פירן מיך צו דער היסטאָרישער שול, האָט דער באַגלייטער מיינער געשוויגן, פונקט ווי ער וואָלט נישט געוואָלט מפסיק זיין.

ווען מ'איז צוגעקומען צו דער שול, האָב איך געזען דורך דער אָפענער טיר ווי צוויי עלטערע אידן מיט בערד און פאות זיצן ביי אַ געדעמפט ליכטל און גריבלען זיך איבער ספרים.

מיין באַגלייטער האָט זיך אָפגעשטעלט ביי דער טיר, אַ טייטל־געטאָן מיטן פינגער און געזאָגט:

„איר זעט, דאָ איז צפת!... די צוויי אידן, וואָס זיצן אינעווייניק און לערנען, זיינען צפת'ער למדנים! און טאָמער וועט אייך אימיצער ברענגען פאַרן מויל דאָס ווערטל:

„היט מיך רבונו של עולם, פאַר פייער און וואסער און פאַר אַ איד אַ צפת'ער", — זאָלט איר וויסן, אַז עס איז אַ בלבול! ס'איז שקר וכזב!".

און דער איד איז פאַרשוואונדן פונקט ווי ער וואָלט דערמיט זיין שליחות פאַרענדיקט.

די צוויי צפת'ער אידן אין שול האָבן איבערגעריסן דעם גמרא־ניגון, ווען זיי האָבן דערהערט פרעמדע טריט:

— שלום עליכם, אַ איד!

— עליכם שלום!

— אַן אַמעריקאַנער?

— יאָ.

— און אפשר פון ברוקלין?

— יאָ, — זאָג איך, — געטראָפן!

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָן איינער פון די צוויי אידן, — האָב איך צו אייך אַ בקשה: אַז איר וועט, אם ירצה השם, זיין צוריק אין אַמע־ריקע, וועט איר מוחל זיין אָפּגעבן אַ גרוס צו אַ צפת׳ער איד, וועלכער הייסט מאַקס זאַלץ, און וואוינט אין ברוקלין, 1905 בערגן סטריט. זאָגט אים, אַז איך, זיין ברודער, הרב בעריש זאַלץ, האָב אים געלאָזט גריסן!

איך בין געבליבן שטיין ווי געפּלעפּט און איך האָב מיך אַליין איבערגעפרעגט:

„שטימט דאָס טאַקע, אַז פון דער צפת׳ער שול פון אר״י הקדוש, וואו די לופט שוועבט מיט געהיימניספולער הייליגקייט און וואו עס געפינט זיך אַ היסטאָרישער אָרון קודש, וואָס איז פון איין זייט באַוואַכט מיטן בילד פון דער מאַמע רחל, און פון דער צווייטער זייט מיט אַ בילד פון דער מאַמע רחל׳ס קבר, — גיט מען איבער אַ גרוס קיין ברוקלין, וואוהין מ׳קאָן צופאָרן מיט אַ וואָכעדיקער סאַבוועי פון אַכטער עוועניו!...

* * *

ווי איינע פון מיינע מערקווירדיקסטע באַגעגענישן באַטראַכט איך מיין אומדערוואַרטעט צוזאַמענטרעפן זיך אויף רחוב בן יהודה אין תל אביב מיטן ציוניסטישן וועטעראַן אינזשעניר משה קערנער.

אידן פון פוילן געדענקן די פּראָמינענטע ראָלע, וואָס משה קערנער האָט געשפּילט אינם ציוניסטישן לעבן און אויף דער פּאָליטישער אַרענע פון פאַר־מלחמה׳דיקן פוילישן אידנטום. ער איז געווען סענאַטאָר, לאַווניק פון שטאָט־ראַט אין וואַרשע, איינער פון די פירער ביי די אַלגעמיינע ציוניסטן, שרייבער, געזעלשאַפטלעכער און קולטור־טוער.

צוויי ציוניסטישע וועטעראַנען פון איין און דעם זעלבן לאַגער זיינען איצט געבליבן: יצחק גרינבוים און אינזשעניר משה קערנער. גרינבוים איז אַלט 77 יאָר, משה קערנער — 79 יאָר.

איך האָב דערקענט אינזשעניר קערנער, ווען ער האָט זיך לאַנגזאַם דורכגעשפּאַרט אויף דער גאַס. ער פאַרנעמט איצט אין ישראל אַ באַשיידענע רעגירונגס־שטעלע ווי אַן אינזשעניר. פּאָרט פון צייט צו צייט אויף אַ רעפעראַט. שטייט אין שאָטן פון עפנטלעכן לעבן. באַווייזט זיך נאָך

אַמאָל מיט אַן אַרטיקל אין פּויליש אָדער אידיש. כאָטש ער איז שוין אַ לענגערע צייט אין לאַנד, האָט ער נאָך אַלץ די העברעאישע שפּראַך ניט „איינגעביסן״.

איך האָב אָפּגעשטעלט אינזשעניר קערנער אויף דער גאַס און זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט. איך האָב געהאַט מיט אים אַ בליץ־אינטערוויו. נישט אין קאַבינעט, — וואו ער איז געוואוינט געווען אַמאָל צו האָבן זיינע אינטערוויוען, — האָב איך געשמועסט מיט אים. אונזער אינטערוויו איז פאָרגעקומען שטייענדיק אויפן טראָטואַר פון בן־יהודה גאַס. אינזשעניר קערנער האָט זיך אָנגעשפּאַרט ביי אַ לאַמטערן און געענטפערט אויף מיינע פראַגעס. ער האָט גערעדט שטיל, אָבער — נאָך אין אַן אויטאָריטאַטיוון טאָן, ווי דער אַמאָליקער רוטינירטער אינטערוויו־געבער:

— וואָס פאַר אַ פּלענער איך האָב?... אַז מען איז 79 יאָר אַלט, מאַכט מען שוין נישט קיין פּלענער!... איך בין גליקלעך, וואָס איך האָב דערלעבט די איצטיקע צייט. ווען כ׳בין געקומען צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס מיט 58 יאָר צוריק, האָב איך נישט געגלויבט, אַז מיין דור וועט זיך נאָך דערוואַרטן צו אַן אייגענער מדינה!

ער האָט איבערגעריסן זיינע רייד, זיך פאַרטראַכט אַ ווילע, און ווייטער געצויגן די געציילטע ווערטער:

— ...יאָ, איך בין גליקלעך, אָבער דריי זאַכן וואָלט איך נאָך געוואָלט דערלעבן: שלום מיט די אַראַבישע שכנים, אַ לייזונג פון פּראָבלעם פון צוזאַמענלעבן פון 53 פעלקער אין אידישן לאַנד, און — אַן איינשרומפּונג פון דער גרויסער „גערעטעניש״ פון פּאַרטייען אין מדינת ישראל.

ביים געזעגענען זיך, האָט זיך אינזש. קערנער אויסגעפרעגט אויף זיינע פריינט אין ניו יאָרק, און האָט מיך געבעטן איבערצוגעבן אַ וואַרימען גרוס צו זיין נאָענטן פריינט חיים פינקלשטיין, זשורנאַליסט און געוועזענער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון וואַרשעווער „היינט״, וועלכער איז איצט אַ ניו יאָרקער תושב.

* * *

אַ שטומע באַגעגעניש האָב איך געהאַט אין חיפה.

איך האָב שפּאַצירט איינער אַליין איבער די חיפה׳ער גאַסן, צוועלף

אַזייגער ביינאַכט. אין די דאָזיקע שעה׳ן איז שוין לאַנג נישטאָ קיין באַוועגונג אויף די גאַסן פון חיפה. איך בין געגאַנגען לאַנגזאַם און גע־מאָסטן די הויך פון הר הכרמל, וואָס איז מיר „נאָכגעגאַנגען״ טריט ביי טריט. אַ וואַרעם ווינטעלע (כ׳ווייס נישט פון וואַנען ס׳האָט זיך גענומען) האָט אַ הויב געטאָן אַ שטיקל צייטונג פון דער ערד און עס גלייך צוריק אַראָפּגעוואָרפן. איך האָב מיך איינגעבויגן און אינסטיקטיוו אויפגעהויבן דאָס שטיקל פּאַפּיר. דאָס איז געווען אַ שטיקל זייטל פון אַ צייטונג געדרוקט אין פּויליש. עטלעכע טריט ווייטער האָב איך געפונען נאָך אַזאַ שטיקל צייטונג. איך בין צוגעגאַנגען צו אַ שוי־פענצטער און ביי דעם ליכט פון פענצטער צוזאַמענגעשטיקעוועט ביידע טיילן. ווען כ׳האָב גע־נומען לייענען, האָב איך נישט געגלויבט וואָס איך לייען, און נאָכאַמאָל געלייענט: „טיגאָדניק זשידאָווסקי״, אָרגאַן אָרגאַניזאַצי סיאָניסטיטשנעי וו׳ טאַרנאָוויע״. דאָס הייסט: אידיש וואָכנבלאַט — אָרגאַן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון טאַרנאָוו (גאַליציע, פּוילן). די דאַטע פון דער צייטונג איז געווען: 12טער סעפּטעמבער, 1930.

אינם אָפּגעריסענעם טייל פון אַן אַרטיקל פון דער צייטונג, וואָס איז דערשינען מיט איבער אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָב איך געפונען אַזעלכע אַקטועלע שורות: „...אין די היינטיקע שווערע מינוטן וועט דאָס אידישע פאָלק איבעראַל מאַניפעסטירן זיין צוגעבונדנקייט צו פּאַ־לעסטינע, און די צעיושעטע שונאים וועלן נישט אָפּשטראַשען דעם אידישן ישוב!״

דאָס טאַרנאָווער שטיקל צייטונג, וואָס איז מגולגל געוואָרן אין חיפה, האָב איך מיטגעבראַכט קיין ניו יאָרק, אָבער די רעטעניש פון דער דאָזיקער „סימבאָלישער״ באַגעגעניש איז פאַר מיר געבליבן נישט געלייזט!

* * *

מיט אַן אַנדער „גלגול״ האָב איך זיך באַגעגנט אין ירושלים. דאָס־מאָל שוין נישט קיין גלגול פון אַ פּויליש־אידישער צייטונג נאָר — פון אַ אידיש־אידיש בוך.

ווען איך האָב באַזוכט דאָס הויז פון מיינע פריינט לייב און אסתר

ראָכמאַן אין ירושלים, האָב איך דערזען אין זייער ביכער־שאַנק, דאָס בוך — „בראשית אינמיטן" פון דיכטער אַ. לוצקי.

אויפן פאָדער־בלאַט פון בוך האָב איך געזען צוויי צוגעשריבענע שורה׳לעך פון מחבר.

די דאָזיקע שורה׳לעך האָבן מיך געמאַכט אַריינטראַכטן וועגן וואַנדער־וועג, וואָס אַ אידיש בוך מאַכט־דורך ביז צום דערשלאָגן זיך קיין ירושלים.

די צוויי שורה׳לעך זיינען געווען אַ ווידמונג דעם דיכטער משה לייב האַלפערן: „מיין טייערן משה לייב׳ן, — אַ מתנה פון אַ. לוצקי".

אַזוי אַרום האָט „בראשית אינמיטן" געוואַנדערט, דורך אומוועגן, פון ניו־יאָרק ביז צום לאַנד וואָס האַלט איצט ביי בראשית אינמיטן...

אויף אַ
אידישער שיף

באַכן פאַרלאָזן ישראל, בין איך נאָך זעקס טעג געווען אין — ישראל! איך בין צוריקגעפאָרן מיט אַ אידישער שיף; און אַזוי לאַנג ווי איר געפינט זיך אויף אַ אידישער שיף, — געפינט איר זיך אין ישראל...

די „נגבה״, וואָס האָט מיך געפירט צוזאַמען מיט נאָך אַ צוויי הונ־דערט פּאַסאַזשירן פון חיפה ביז מאַרסיי, פראַנקרייך, געהערט נישט, חלילה, צו די שיפן פון גרויסן קאַליבער. לויט דער לאַסט־פעאיקייט, פאַרנעם און טעמפּאָ, איז עס אַ פּיטשעמאָנטשיק שיפעלע.

אין פאַרגלייך צו די גרויסע איינגעפונדעוועטע שיפן, וואָס שווימען פאַרביי, זעט־אויס די „נגבה״ ווי אַ פּיצעלס; ווי אַ קינד, וואָס הויבט

ערשט אָן צו שטעלן די ערשטע זעלבסטשטענדיקע שריט. אָבער טאַטע־מאַמע און משפחה שעפּן נחת: „זע נאָר ווי דער קונדס גייט שוין אַליין, אַ געזונט אין זיינע פיסעלעך אַריין!"...

אויף מיין רייזע קיין ישראל און פון ישראל איז מיר אויסגעקומען, אַחוץ צו פליען מיט אַן ערָאפּלאַן, אויך צו שווימען מיט עטלעכע שיפן.

די אַמעריקאַנער „קאָנסטיטושאַן" איז רייך און שפּע'דיק.

די ענגלישע „קווין עליזאַבעט" איז שטאָלץ און לוקסוסדיק.

די אידישע „נגבה" איז — היימישלעך און אידישלעך.

די היימישקייט הויבט זיך אָן פון די פּאַסאַזשירן און דערגייט ביז צו די מאַטראָזן און קאַפּיטאַן. דער קאַפּיטאַן ווייסט וואָס עס טוט זיך אין די קאַבינעס פון די פּאַסאַזשירן, און די פּאַסאַזשירן ווייסן וואָס עס טוט זיך אין דער קאַבינע פון קאַפּיטאַן. נישט בלויז דער קאַפּיטאַן פירט מיט דער שיף, נאָר אַלע פּאַסאַזשירן פירן מיט איר. אַלע שטופּן גייסטיק די שיף.

און די טראַדיציאָנעלע אידישקייט, וואָס שוועבט אפילו אין דער לופט פון דער שיף, שאַפט נאָך מער צוגעבונדנקייט און היימישקייט אין דער משפחה.

קומט דער ערב שבת, נעמט די גאַנצע שיף אַרויפציען אויף זיך די שבתדיקייט.

דער משגיח צעטראָגט און צעקלעפּט די „בולעטינס" וועגן דער צייט פון ליכט־צינדן.

דער עולם באַקליידט זיך שבתדיק און לויפט אין דער שיף־שול מקבל שבת זיין.

די טישן אין עס־זאַל זיינען געגרייט שבתדיק, — מיט שבת־ליכט און קידוש־ווין.

דער קאַפּיטאַן זיצט צוזאַמען מיטן עולם אין עס־זאַל, און איז מכבד איינעם פון זיינע חשובע מיטזיצערס ביים טיש — צו מאַכן קידוש בקול רם. (דאָסמאָל איז עס געווען דער מזרחי־פירער, פאַרשטייער פון דער אַגענטור, ש. ז. שראַגאַי.)

און אַז די שיף וואַקלט זיך, דאַכט זיך דאַמאָלס, אַז זי וואַקלט זיך

אַנדערש ווי אין אַ פּראָסטן מיטוואָך אָדער דאָנערשטיק, — עס דאַכט זיך, אַז אַפּילו דאָס וואַקלען זיך פון דער שיף, איז דאַמאָלס — לכה דודי׳דיק...

אַוודאי קאָן יעדער פּאַסאַזשיר אויף נישט־אידישע שיפן, — אויך פּראַווען אידישקייט. אומעטום, כמעט אויף יעדער שיף, איז פאַראַן אַ ספּעציעלער ווינקל־טיש פאַר כשר־עסערס, און אומעטום איז פאַראַן אַ שול צום דאַווענען. אָבער אויב די כשר־עסערס האָבן נאָך דאָרט שטענדיק אַ מנין ביים טיש, האָבן אָבער די דאַווענערס נישט שטענדיק קיין מנין...

איך האָב געזען אויף דער „קאָנסטיטושאָן״־שיף דעם פרומען 18־יאָריקן ברוקלינער בחור, צבי ליבער, וואָס האָט גראַדואירט די פלעט־בוש־ישיבה און איז געפאָרן שטודירן אין בר־אילן־אוניווערסיטעט, אין רמת־גן. איך האָב געזען ווי פאַרזאָרגט ער איז אַרומגעלאָפן אין אַ פרימאָרגן און געזוכט אַן אָרט צום דאַווענען. די שול־קאַבינע איז גראָד געווען געשלאָסן, און ער האָט נישט געהאַט וואו צו לייגן תפילין. נישט האָבנדיק קיין אַנדער אויסוועג, האָט ער זיך אַוועקגע־שטעלט אין געדיכט־באַזעצטן באַר־סאַלאָן לייגן תפילין. די איירישע און איטאַליענער האָבן אים אַרומגערינגלט און געקוקט פאַרגאַפט אויף די „מאָדנע עקספּערימענטן״, וואָס דער יונגער בחור פירט דורך אויף דער האַנט און אויפן קאָפּ... און טייל האָבן מיט באַוואונדערונג געזאָגט: „אַזוי יונג, און שוין אַ ראַבאַי!״

דער הויפּט־סטואַרט פון דער טוריסטן־קלאַס אויף דער „קאָנסטי־טושאָן״, דער אידישער אָפיציר עריק טאָוסיג, — וועלכער פאַרנעמט זיך אויך מיט באַזאָרגן די אידישע פּאַסאַזשירן מיט אידישקייט, — האָט מיר דערציילט, ווי שווער עס קומט אים אָן צוזאַמענצוקלאַפּן אַ מנין.

איינמאָל, ווען אַ אידישער פּאַסאַזשיר האָט געהאַט יאָרצייט, האָט דער אָפיציר אָנגעשטרענגט „אַלע זיינע כוחות״ צו מאָביליזירן אַ מנין צום דאַווענען, אָבער די כוחות האָבן נישט געקלעקט מער ווי ביז צונויפ־זאַמלען זיבן מענטשן.

ענדלעך איז ער געפאַלן אויף אַן אויפטו, ווי אַזוי אַריינצוקריגן צום

דאַווענען נאָך דריי מענער. ער האָט זיי אַריינגענאַרט מיט אַ צוזאָג, אַז ער פירט זיי אויף אַ הומאָריסטישע פאָרלעזונג. און ער האָט טאַקע דער־נאָך אויך געהאַלטן דעם צוזאָג.

אין דער זעלבער צייט ווען דער בעל ה׳יאָרצייט האָט געדאַוונט און געזאָגט קדיש, האָט ער, דער אָפיציר, געלייענט אויף ענגליש פאַר די מתפללים, אַ הומאָריסטישע מעשה פון שלום עליכמ׳ען...

אָבער אויף דער „נגבה" דאַרף מען נישט אָנקומען צו אַזעלכע אָנ־שטרענגונגען ביים זוכן אַ מנין. עס פעלן חלילה נישט אויס קיין דאַווע־נערס, — עס פעלן גיכער אויס עליות צום פאַרטיילן. ווען עס קומט צו מפטיר זעט זיך בולט אָן די דעמאָקראַטישע אָרדענונג אויף דער שיף. מען מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן פּאַסאַזשירן פון דער ערשטער קלאַס און פּאַסאַזשירן פון די נידעריקע קלאַסן. ביי עליות איז נישטאָ קיין קלאַסן־קאַמף. אַלע זיינען גלייך!

באַלד נאָך עטלעכע שעה ווי די שיף רירט פון פּאָרט, ווערן אַלע פּאַסאַזשירן אַזוי היימיש צווישן זיך, אַז זיי ראַמען־אָפּ פון וועג די „פּסי־כאָלאָגישע גרענעץ" צווישן די אויבערשטע און די אונטערשטע קלאַסן. אַלע קומען אויף איין דעק, מען מישט זיך אויס, און יעדער פּאַסאַזשיר פילט זיך ווי אַ גלייכער שותף צו דער שיף.

אייגנטלעך העלפט־מיט דער קאַפּיטאַן „אַוועקראַמען" די גרענעץ. ער מישט זיך אויס מיטן עולם, מען קיבעצט צוזאַמען ביי די טישלעך אין באַר, און מען פאַרגעסט שיער, וואו עס ענדיקט זיך קאַפּיטאַן, און וואו עס הויבט זיך אָן — פּאַסאַזשיר.

איך האָב אפילו געטראָפן אַ פּאַסאַזשירקע, אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט זיך געקלאָגט דערויף, וואָס דער קאַפּיטאַן פאַרברענגט צו־אָפט מיטן עולם.

דאָס איז געווען אין דריטן טאָג פון דער רייזע. די שיף האָט זיך אָנ־געהויבן אַביסל מער צו וואַרפן. די דערמאָנטע פּאַסאַזשירקע, אַ טור־ריסטין, וואָס ליידט נישט, ווייזט אויס, אַז אַ שיף וואַרפט זיך, — האָט הויך גענומען פּראָטעסטירן:

— ס׳איז נישט קיין וואונדער, וואָס די שיף הוידעט זיך! ווי האָט

דאָס אַ קאַפּיטאַן אַ יאַנדעס צו זיצן גאַנצע שעה׳ן מיטן עולם און לאָזן אַ שיף אויף הפקר?!

— און וואָס מיינט איר, מאַדאַם, — רופט זיך אָן אַ צווייטער פּאַסאַזשיר, — אַז דער קאַפּיטאַן וועט שוין שטייןביים רעדל, וועט ער אָפּשטעלן דעם שטורעם?

— אַוודאי אַזוי, — מישט זיך אַריין אַ דריטער פּאַסאַזשיר, אַ נישט־צופרידענער, אַ יורד, — ווען עס מאַכט זיך אַ שטורעם מיט דונערן און בליצן, דאַרף אַ קאַפּיטאַן זיצן אין זיין קאַבינע און באַפעלן דעם גאַנצן עולם דורך אַ הילכער: „אידן, מאַכטס אַלע צוזאַמען הויך די ברכה: „שכוחו וגבורתו מלא עולם!״...

דאָס האָט דער יורד, דער אומצופרידענער צוריקפאָרער, אויסגענוצט די געלעגנהייט צו „פאַרקויפן״ דאָ אַ וויץ, וואָס קורסירט אין ישראל.

דער שמועס וואָלט זיכער ווייטער געצויגן געוואָרן, ווען עס רייסט זיך נישט דורך אין מיטן דעם קרענצל דער ירושלימער פּאַסאַזשיר, אַ פרומער איד מיט צעפּלאָשעטע באָרד און פאות, וואָס דער ווינט האָט איצט נאָך מער צעפּלאָשעט. דער איד איז האַסטיק געלאָפן איבערן דעק, געהאַלטן אַן אָפענעם שאַך־טאָוול אין האַנט און גערופן הויך מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט געוועקט צו סליחות:

„אידן, ווער שפּילט אַ שאַ־אַך?!״

פון דער צווייטער זייט דעק צעקלינגט זיך דערווייל אַ צאַפּלדיקער „האָראַ״ פון אינגלשע און מיידלשע שטימען. איך דערקען שוין אַלעמענס שטימען. הינטער מיין פענצטער, וואָס גייט־אַרויס אויפן דעק, זינגט מען בייטאָג און ביינאַכט. מען זינגט און מען דיסקוטירט.

די דיסקוסיעס צווישן די פּאַסאַזשירן גייען אין פאַרשידענע שפּראַכן. איך קען שוין אפילו די טעמעס וועגן וואָס מען דיסקוטירט. מערסטנטייל גייען די טעמעס — ווענדליק דער שפּראַך.

אויב אַ קרענצל פּאַסאַזשירן דיסקוטירט אין העברעאיש, האַנדלט זיך די דיסקוסיע וועגן ישראל־פּאָליטיק, וועגן דער רעגירונגס־קאָאַליציע. פינף דיסקוטאַנטן, — פינף פּאַרטייען! זעקס דיסקוטאַנטן, — זעקס פּאַרטייען!

די דיסקוסיע וואָס ווערט געפירט הינטער מיין פענצטער אויף ענג־ליש, גייט־אָן וועגן ספּאָרט. אין דער דיסקוסיע אויף אידיש, הער איך, האַנדלט זיך וועגן — „ווידערגוטמאַכונג״.

איך קען שוין כמעט אַלע פּאַסאַזשירן אויף דער שיף. איך קען שוין אויך דעם איינגע׳עקשנ׳טן פרומען פּאַסאַזשיר, וואָס וויל בשום אופן נישט גיין צום רעטונגס־„דריל״ אויפן דעק, וואוהין מען רופט צוזאַמען אַלע פּאַסאַזשירן, און אַ ספּעציעלער אינסטרוקטאָר גיט אַ לעקציע ווי אַזוי מ׳זאָל זיך ראַטעווען אין פאַל ווען די שיף גייט אונטער. דער איינ־גע׳עקשנ׳טער פּאַסאַזשיר וויל אפילו נישט אָנטאָן דעם רעטונגס־גאַרטל, — מיט די צוויי אויסגעשטאָפּטע קישעלעך.

— קישעלעך־שמישעלעך, — חוזקט דער איד, — ווער דאַרף עס? אַז אַ שיף האַלט ביי אונטערגיין, קאָן דאַמאָלס בלויז דער רבונו של עולם אונז ראַטעווען, און טאָמער, חלילה, וויל ער נישט, — וועלן קיין קישע־לעך נישט העלפן! די קישעלעך פירן בלויז אַראָפּ פון דרך הישר!

איך קען שוין אפילו אויך דעם אומצופרידענעם פּאַסאַזשיר, וואָס קיין שום זאַך אויף דער שיף געפעלט אים נישט. אפילו צום רויך פון קוימען איז ער אין אָפּאָזיציע. ער איז אַ געוועזענער רייכער פּאַברי־קאַנט פון טשעכאָסלאָוואַקיי. איצט איז ער אויך נישט קיין אָרעמאַן. עטלעכע יאָר האָט ער געוואוינט אין ישראל. ער האָט דאָרט אינוועסטירט געלט און עס איז אים נישט געגאַנגען מזלדיק. ער פאָרט איצט פון ישראל קיין פּאַריז — להשתקע...

ער איז פאַרביטערט און ער מאַכט נישט דערפון קיין סוד. זיין פאַר־ביטערונג לאָזט ער אויס צו דער שיף. אין אַלעם זעט ער חסרונות. ווען די שיף זאָל שווימען אין בלויז גאָלד, וואָלט זי ביי אים אויך נישט נושא־חן געווען.

— איר האָט אַ פאַמיליע? — פרעג איך אים.

— איך האָב אַ פרוי מיט אַ דערוואַקסענער טאָכטער! זיי זיינען געבליבן אין ישראל; זיי האָבן נישט געוואָלט אַוועקפאָרן, — פאַר איך אַליין! פאַר מיר איז עס נישט, איר פאַרשטייט? — און ער אַקצענטירט דערביי שטאַרק דעם „איז עס נישט״.

— און פאַרוואָס איז „עס״ פאַר אייער טאָכטער און פאַר אייער ווייב?

— ווייל זיי קאָנען זיך דערלויבן! מיין ווייב האָט אַ רייכן מאַן, און מיין טאָכטער האָט אַ רייכן טאַטן!...

אָט די דאָזיקע פילאָזאָפיע האָט דער יורד זיך אויספילאָזאָפירט און ער פירט זי איצט פון ישראל קיין פאַריז.

זיין גרויל־פּראָפּאַגאַנדע געפינט נישט קיין אָנהענגער צווישן די פּאַסאַזשירן, מיט וועלכע ער לאָזט זיך אַריין אין דיסקוסיעס. אפילו די עטלעכע יורדים, וואָס געפינען זיך אויף דער שיף, זיינען אויך נישט אויף זיין זייט.

העברעאיש — איז די אָפיציעלע שפּראַך אויף דער שיף. די קאָמאַנדע פון די מאַטראָזן גייט אויף העברעאיש. אָבער די „קאָמאַנדע״ פון די פּאַסאַזשירן גייט אויף מאַמע־לשון, — אויף אידיש. די אידישע שפּראַך שווימט אין דער שיף ווי אַ פיש אין וואַסער, און זי דאָמינירט אין אַלע קלאַסן.

אפילו ביי די אָפיציעלע פאַרווייליונגען, וואָס ווערן איינגעאָרדנט אויף דער שיף, יאָגט מען זיך נאָך אַ אידיש וואָרט.

סיי די פּאַסאַזשירן און סיי די מאַנשאַפט שלינגען מיט אינטערעס יעדן נומער אויף מאַמע־לשון, וואָס ווערט דאָרט פּראָדוצירט. כאָטש נישט שטענדיק איז די פּראָדוקציע פון דער סאַמע ערשטער קוואַליטעט.

איך האָב ביוגעוואוינט אויף דער שיף אַ קאָנצערט, אין וועלכן עס איז אויפגעטראָטן דער ישראל־אַקטיאָר מ. וואַרשאַווסקי, — אַ לאָדזשער בחור, וואָס שפּילט אין ישראלדיקן העברעאישן רעווי־טעאַטער „דאָרע־מי״. ער איז אויפגעטראָטן אויפן קאָנצערט ווי אַ קאָנפעראַנסיע, מאָנאָלאָגיסט און קופּלעטיסט. דער לייט־מאָטיוו פונם קופּלעט, וואָס ער האָט דערלאַנגט, איז געווען — „נאַדיר מיינס און גיב מיר דיינס״, — און דער געדיכט־פאַרזאַמלטער עולם האָט טאַקע גענומען מיט דער ברייטער האַנט אַלץ וואָס ער האָט געגעבן!

איך דער שטענדיקער אָרקעסטער אויף דער שיף אַרבעט „אויף אַלע כלים״ — אידישלעך. וויפל אידישע פאָלקס־לידער דאָס אידישע

פידעלע זאָל נישט אויסשפּילן, פאַרלאַנגט דער עולם נאָך און נאָך, — מיט אַ סמיטשיק...

„אי, — זאָגט צו מיר אַ מאַטראָז, — זיין „רייזעלע צעגייט אין אַלע אברים!"

אַלע מאַטראָזן, און בכלל די גאַנצע מאַנשאַפט באַשטייט פון בלויז אידן.

דער פאָרשטייער פון דער אידישער שיף־געזעלשאַפט „צים", מנחם ראָטשטיין, — מיט וועלכן איך האָב געהאַט אַ שמועס אויף דער „נגבה", האָט מיר איבערגעגעבן, אַז עס איז נישט אַזוי שנעל געגאַנגען ביז מען האָט דערגרייכט צו באַזעצן די שיפן מיט בלויז אידישע מאַנשאַפטן.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל און פון אידישן פלאָט, איז געווען אַ מאַנגל אין אידישע ים־מענטשן. בלויז פיפצן פּראָצענט „אייגענע" האָבן געאַרבעט אין די מאַנשאַפטן. אָבער ווען מ'האָט געזען, אַז „באו מים עד נפש", — האָט מען געשאַפן אין עכו אַ שולע פאַר אידישע ים־אָפיצירן. איצט שווימען שוין, אָן עין הרע, אַרום די שולע־„רעזולטאַטן" אין אַלע אידישע שיפן איבער אַלע ימים.

אָבער דער קאַפּיטאַן פון דער „נגבה", עדמונד שאגי, — אַן אונגאַרישער איד, — געהערט נישט צו דער יונגער נאָר־וואָס אויפגעקומענער גענעראַציע פון אידישע ים־מענטשן. ער איז דורכגעווייקט מיט ים פון דור־דורות. ער איז קאַפּיטאַן בן קאַפּיטאַן, און אפילו זיין זון איז שוין אויך אַ שיף־קאַפּיטאַן.

אין זיין פּריוואַטער קאַבינע ביי אַ „גלעזל טיי" האָט דער קאַפּיטאַן אונז באַקענט מיט זיין אויטאָביאָגראַפיע און מיט דער ביאָגראַפיע פון דער שיף, וואָס ער פירט.

זאַלבעדריט זיינען מיר געווען איינגעלאַדן צום קאַפּיטאַן אויף אַ גלעזל טיי: דער קינסטלער מאַנע קאַץ, דער פריער דערמאָנטער פאָרשטייער פון דער שיף־געזעלשאַפט, מנחם ראָטשטיין און איך.

אינם אינטימען שמועס, ביים היימיש־געדעקטן טיש שווימען־אַרויף עקזאָטישע עפּיזאָדן פון 47 יאָר ים־לעבן, וואָס דער 61־יאָריקער אידישער שיף־קאַפּיטאַן האָט דורכגעמאַכט. ער שטאַמט פון דריי גענעראַציעס

ים־מענטשן. ער איז געווען זעכצן מאָל אין טאָברוק בעת די קאַמפּן. ער האָט אַריינגעפירט קיין ישראל איבער הונדערט און פופציק טויזנט עולים. איצט פירט ער אָן מיט דער „נגבה", צו וועלכער ער איז צו־געבונדן מיט לייב און לעבן און ער וויל זיך מיט איר נישט שיידן כל זמן זי וועט שווימען. עס האַלט אָבער דערביי, אַז די „נגבה" זאָל איינגיכן „ריטאַיערן", — אָפּרוען זיך אויף דער עלטער. זי האָט זיך גענוג אויסגעדינט. זי שווימט שוין 45 יאָר. איר מעטריקע איז אַ האָ־לענדישע. בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט זי געפירט אַמעריקאַ־נער זעלנער. איר איצטיקע אויפנאַם־פעאיקייט איז באַגרענעצט ביז 425 פּאַסאַזשירן, און איר שלעפּ־כוח דערגייט ביז צוועלף און אַ האַלבן ים־מייל אַ שעה.

מיר זיינען אַרויס פון קאַפּיטאַנס קאַבינע ווי אָנגעטרונקענע מיט ים.

אַ חנעוודיק ישראל־מיידעלע איז אונז אַקעגנגעקומען אויפן דעק, זיך אָפּגעשטעלט נעבן אונז, זיך פאַרשעריש צוגעקוקט צום צעשויבערטן גראָען קאָפּ פון מאַנע קאַץ און אים אַ פרעג־געטאָן אין העברעאיש:

— אתה בן־גוריון?

ער האָט זיך צעשמייכלט און געענטפערט:

— ניין, מיין קינד, דו מאַכסט אַ טעות, — דאָס איז מיין אייגענער קאָפּ, און נישט — בן־גוריונס!...

לאַכט אַ איד
אין ארץ ישראל

וואויל איז צו אַ לאַנד, וואו געלעכטער קאָן פאַראַדירן פראַנק־און־פריי, און דאַרף זיך נישט אומקוקן, צי עמיצער גייט נאָך פון הינטן און הערט זיך אונטער...

ווייַ איז צו אַ לאַנד, וואו מען וויל לאַכן און מ׳טאָר נישט, און מען מוז עס דערשטיקן אין זיך, און מ׳דאַרף עס באַהאַלטן ווי טריפה׳נע סחורה, ווי קאָנטראַבאַנדע.

ישראל איז אַ לאַנד, וואו הומאָר איז אַ גאַנגבאַר אַרטיקל, און געלעכטער גייט־אַרום מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ...

געװנג שווער דאַרף דאָס לאַנד קעמפן פאַר זיין קיום, אָבער וואָס שווערער די לעבנס־באַדינגונגען, אַלץ מער „אַרבעט מעשים" דער הומאָר.

ישׂראל איז אַ לאַנד, וואו די געשעעענישן לויפן מיט אַ בליציקער שנעלקייט, און יעדע געשעעניש ווערט קרום אָפּגעשפּיגלט אינם דאָרטיקן לעבן.

ישראל איז אַ לאַנד מיט גרעניצן פון אַלע זייטן, אָבער ווען עס קומט צום אָפּלאַכן און אויסלאַכן, ווייסט מען נישט דאָרט פון קיין גרענעץ...

מען לאַכט פון שונאים און מען לאַכט פון פריינט.

מען היט שטרענג אָפּ די געזעצן, און גלייכצייטיק קיבעצט מען אָן רחמנות די געזעץ־געבער.

מען איז געוואַלדיק פּאַטריאָטיש, אָבער פונדעסטוועגן לאַכט מען ווען מען הערט ווי אַ אידענע באַקלאָגט זיך: „צוויי טויזנט יאָר האָט מען געוואָרט אויף אַ אידיש לאַנד, און דווקא מיך האָט עס געדאַרפט טרעפן!"...

מען האָט אנערקענונג פאַר די פירערס, און מען וויצלט זיך הויך אויף זייער חשבון. מען האָט ליב דעם מיניסטער, און — מען זאָגט אים אַריין. ווער שמועסט נאָך, אַז דער מיניסטער איז נישט איבעריק באַליבט, איז דאָך אוודאי אַ מצווה אים אַריינצוזאָגן. און די מיניסטאָרן פון ישראל זיינען פון אַזאַ דעמאָקראַטישן טייג געקנאָטן, אַז זיי זאָפּן לייכט איין יעדן וויץ...

דער ישראלדיקער הומאָר שפּרודלט פון סאַמע ערשטן קוואַל, — פון פאָלק.

אין אַמעריקע, למשל, קומט דער הומאָר צום פאָלק, דורך אַ „מעקלער", — דורכן פּראָפעסיאָנעלן הומאָריסט און קאָמיקער. דורך פאַרשידענע קאַנאַלן צעטראָגן זיי דעם הומאָר צום פאָלק.

אין ישראל אָבער איז דער הומאָר־וועג אַן אַנדערער: דאָס פאָלק צעטראָגט דעם הומאָר, און דער פּראָפעסיאָנעלער הומאָריסט כאַפּט־אויף דעם רוי־שטאָף און באַקליידט אים...

אגב, איז נאָך דערווייל דער אַזוי־גערופענער, פּראָפעסיאָנעלער הומאָר אין ישראל — אין די וויקעלעך.

פאַראַן געציילטע „פּראָפעסיאָנאַלן"־סאַטיריקער אין דער העברעאי־שער פּרעסע, און די פּאָפּולערסטע צווישן זיי זיינען: תמוז און עמוס קינן. ביידע האָבן זיי דעם פען־נאָמען — „עוזי".

אַ סך שעפערישקייט אויפן סאַטירישן באָדן וואַרפט זיך ארויס דער טאַ־לענטירטער אפרים קישון; ער איז אַ נייער עולה פון אונגאַרן, פאַר וועמען די העברעאישע שפּראַך איז נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געווען אַזוי פרעמד ווי פאַר אַן אונגאַר — תרגום־לשון. איצט איז שוין אפרים קישון אפילו אין תרגום־לשון אינדערהיים. ער האָט זיך באַזונדערס פּאָפּולער געמאַכט צוליב דער „שפּראַך־ראַזשינקע", וואָס ער באַנוצט אין זיינע סאַטירישע שאַפונגען.

בעת מיין באַזוך אין ישראל, האָב איך געפּרוווט אויפכאַפּן און צונויפזאַמלען דעם דאָרטיקן הומאָר וואָס קורסירט ביים פאָלק אין הויז און אויף דער גאַס, אין פאַבריק און אין קיבוץ, אויפן אויטאָבוס און אין קאַפע, און אפילו אין אונזער פּאַרלאַמענט, אין כנסת, נעמט מען דאָך אויך דעם הומאָר צו־הילף, ווען מען דאַרף אים.

נישט אַלע חכמות זיינען ניי, און דאָך זיינען זיי שטענדיק אַקטועל.

פירערס האָבן זיך געביטן און געשעענישן זיינען אַוועק, אָבער דער קיבעץ פון יענער צייט האַלט זיך נאָך אַלץ אויפן מאַרק. אויף פריש־צאַפּלדיקער הומאָר ווערט געשאַפן טאָג־טעגלעך ווען עס אַנטוויקלען זיך נייע געשעענישן. הפּנים, אַז דער מלאך פון הומאָר שטייט אויף דער וואַך צו באַגלייטן יעדע ערנסטע געשעעניש וואָס ווערט געבוירן...

פון דעם הומאָר־זאַמלונג, וואָס איך ברענג דאָ ווייטער, — קאָן מען אין אַ געוויסער מאָס זען, ווי אַזוי די באַפעלקערונג אין ישראל רעאַגירט אויף פאַרשידענע דערשיינונגען אין דאָרטיקן לעבן. די זאַמלונג קאָן אויך דינען ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון געמיט און שטימונג ביי דער ישראל־באַפעלקערונג.

* * *

די פּאָפּולערסטע פיגור אין ישראל איז בלי ספק — בן גוריון. און נישט געקוקט דערויף, וואָס די בן־גוריון אָפּאָזיציע האָט אַ שפּאָר ביסל „אָנהענגער", איז ער דאָך די באַליבטסטע פּערזענלעכקייט אין לאַנד.

אָבער נישט געקוקט אויף זיין באַליבטקייט און פּאָפּולאַריטעט, איז פאַרשפּרייט אין לאַנד אַ ים מיט אַנטי־בן־גוריון־וויצן. און ווי מען שמועסט, איז דער בעסטער „אָפּנעמער" פון די דאָזיקע וויצן, נישט קיין אַנדערער

ווי בן־גוריון אַליין. קוים דערגייט צו אים אַזאַ וויץ, לאָזט ער אים שוין נישט אַרויס פון דער האַנט און טראָגט אים ווייטער...

מען דערציילט, אַז בן גוריונ׳ס פרוי האָט געהאַט אָנגעשטעלט אַ נייע עוזרת (דינסט) פון די נייע עולים. די דינסט איז נאָך געווען אַזאַ „גרינע״, אַז זי האָט נאָך אפילו נישט געוואוסט, ביי וועמען זי איז אָנגעשטעלט.

ווען בן־גוריון איז אַהיימגעקומען און געטראָפן די נייע עוזרת, האָט ער איר געפרעגט:

— ווי גייט דיר עפּעס אין מדינת ישראל?

— ווי עס גייט מיר, — האָט זי צוריקגעענטפערט, — אַזאַ יאָר אויף בן־גוריונ׳ען!

* * *

ווען בן־גוריון איז צוזאַמען מיט זיין פרוי געווען צו־גאַסט אין אַמעריקע, האָט אים די „קייזער־פרייזער״־קאָמפּאַני געוואָלט געבן ווי אַ מתנה — אַ קאַר. בן־גוריון האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו נעמען אומזיסט די קאַר.

האָט די קאָמפּאַני באַשלאָסן צו מאַכן אַ פּשרה: מען וועט נעמען פון בן־גוריונ׳ען אַ מאָראַלישן האַלבן טאָלער פאַר די קאַר און זאָל זיין געוויסן זיין רואיק, אַז ער האָט נישט גענומען אומזיסט.

אויפן דאָזיקן פאָרשלאָג האָט בן גוריון מסכים געווען. ער האָט דערלאַנגט דעם מענעדזשער אַ טאָלער און געזאָגט: „גיט מיר אַ רעשט פופציק סענט!״

די פרוי פון פרעמיער האָט דעמאָלט איינגערוימט דעם מאַן אין אויער:

„דוד. עס פּאַסט נישט אין אַזאַ גרויסער קאָמפּאַני צו בעטן אַ רעשט אַ האַלבן טאָלער! נעם שוין נאָך אַ קאַר!״

* * *

דער „בליענדיקסטער״ סעזאָן פאַר הומאָר איז דווקא געווען אין די שווערע צייטן פון צנע. דער עולם האָט זיך נישט געהאַט מיט וואָס

צו שפייזן, האָט ער זיך „געשפייזט" מיט וויצן אויפן חשבון פון „צנע"־איניציאַטאָר מיניסטער דוב יוסף.

דער דאָזיקער שווערער פעריאָד געהערט שוין איצט אין ישראל צו דער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דוב יוסף'ס נאָמען ווערט נאָך אַלץ דערמאָנט ביי יעדער געלעגנהייט, און — נישט צו לויב.

די „צנע"־געזעצן האָבן אידן אין ישראל אויפגענומען אי מיט פאַר־ביטערונג און אי מיט חוזק. גאַנצע טעג האָט מען זיך געמאַטערט מיט שטיין אין די רייען נאָך פּראָדוקטן, און טאַקע אין די דאָזיקע רייען איז געבוירן געוואָרן דער גאַליקער אַנטי־צנע הומאָר.

„כ'וועל נישט לאָזן, — האָט אַ איד געשריגן שטייענדיק אין דער ריי, רעדן קיין שלעכטס אויף אונזער דוב יוסף'ן. ער איז אַ גרויסער צדיק! לויטן דין דאַרף מען וואַרטן צווישן פליישיקס און מילכיקס, — זעקס שעה, און ער הייסט וואַרטן זעקס וואָכן!"

* * *

שטייען אידן אין תל אביב אין דער ריי צו באַקומען פּוטער און יעדער זאָגט דערווייל אַ חכמה. רופט זיך אָן איינער פון זיי:

„רבותי, כ'האָב מיך נאָר־וואָס דערטראַכט וואָס אַזוינס איינ־שטיין האָט געמיינט מיט זיין רעלאַטיוויטעט־טעאָריע! נעמט מיך פאַר אַ משל! איך וועג איצט הונדערט און זעכציק פונט; און אַז איך וועל באַקומען מיין פונט פּוטער, וועל איך דאָך דאַרפן וועגן, על פּי מאַטעמאַטיק, מיט איין פונט מער ווי איצט, יאָ? אָבער כ'וועל מיך דערנאָך וועגן, וועט איר זען, אַז איך וועג נישט מער! ווייסט איר פאַרוואָס? — דער שכל איז אַ פּשוטער: עס וועט מיר טאַקע צוקומען אַ פונט פּוטער, אָבער עס וועט דאָך מיר האָבן אָפּגעקומען — פון שטיין אין דער ריי — אַ פונט געזונט, איז במילא האָט זיך אויף דער וואָג גאָרנישט געביטן! אָט נאָט אייך איינשטיינס טעאָריע"!

* * *

אין די „צנע"־טעג איז אַ באַלעבאָסטע געקומען צום רב פרעגן אַ שאלה:

— וואָס טוט מען, ווען ס'פאַלט אַריין אַ שטיקל פלייש אין דער מילך?

— וואָס פרעגט איר שאלות, — זאָגט דער, — איר האָט דען פלייש?

— כ'האָב קיין מילך אויך נישט, — פאַרענטפערט זיך די אידענע, — אָבער אַ שאלה מעג איך דאָך קומען פרעגן!

* * *

די צנע־מאָדע האָט אפילו אָנגעשטעקט די ישראלדיקע קינדער. אַ מאַמע צעבייזערט זיך אויפן קינד:

— האָסט אַ פערדישן קאָפּ, מ'דאַרף דיר געבן צו עסן שטרוי!

— מאַמע, ענטפערט דאָס קינד, — האָסט פאַרגעסן, אַז אויף שטרוי איז אויך — צנע! וואו וועסטו קריגן שטרוי?!

* * *

עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז אין די „צנע"־צייטן האָבן אויך די פיר־פיסיקע באַשעפענישן „פראָטעסטירט" קעגן דוב יוסף'ן, און זיי האָבן אויך גענומען צו־הילף הומאָר...

דריי הויז חיות, — אַ פערד, אַ קו און אַן אייזל, — זיינען געקומען, ווי אַ דעלעגאַציע, צו דוב יוסף'ן מיט אַן אָנקלאַגע קעגן דער צנע־פּאָליטיק.

צום ערשטן האָט געטענה'ט דאָס פערד:

— אדון מיניסטער, כ'בין געקומען צו אייך מיט אַ טענה! איר טוט אונז פערד אַן עוולה מיט אייער שפּאָרזאַמקייט! ווער־ווער, אָבער די פערד האָבן זיך זיכער נישט פאַרדינט אַז זיי זאָלן הונגערן. מיר פערד האָבן געהאָרעוועט שווער און ביטער בעת דער מלחמה. מיר האָבן געשלעפּט פּראָוויאַנט, מיר האָבן זיך געלאָזט פירן אין די געפערלעכסטע ערטער, מיר האָבן מיטגעהאָלפן צום זיג!

— און איך האָב די זעלבע טענה, — רופט זיך אָן די קו, — איך האָב מיט מיין מילך געראַטעוועט דאָס לעבן פון דער באַפעלקערונג, פאַרוואָס־זשע זאָל איך איצט הונגערן?

— און וואָס פאַראַ טענות האָסטו? — פרעגט דוב יוסף דעם אייזל.

— וואָס פאַרא טענות קאָן איך שוין האָבן, — ענטפערט דאָס אייזל, — איך בין אַליין שולדיק, איך האָב דאָך דיך אויסגעוויילט!

* * *

די „אַטאַקע״ פון פאָלק קעגן דוב יוסף'ן איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז מ'האָט שוין געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט באַפוילן די שאָפערן צו פאָרן לאַנגזאַם מיטאָג־צייט, כדי דער עולם זאָל זיך פאַרשפּעטיקן אַהיימצוקומען און איינשפּאָרן צו עסן מיטאָג!

* * *

אין די שווערע טעג, ווען דער דוחק אין פּראָדוקטן האָט זיך אָנגעזעצן אויף שריט און טריט, דער יקרות איז געווען גרויס, און אַלץ איז אימפּאָרטירט געוואָרן פון אויסלאַנד, האָט זיך צעבליט אין לאַנד די „פּראָדוקציע״ פון וויצן, וואָס האָבן אויסגעלאַכט די אייגענע אָרימקייט. עס האָט אָנגעהויבן צו קורסירן אין לאַנד אַ נייע ברכה, וואָס מ'דאַרף מאַכן איבער ברויט, — המוציא לחם מחוץ לארץ...

* * *

ווען די פּרייזן אויף שפּייז־פּראָדוקטן זיינען געשטיגן מיט אַ גוואַלדיקער שנעלקייט, קומט אַריין אין אַ תל־אביבער שפּייז־קראָם אַ אידענע, וואָס זאַהיקעט זיך, און פרעגט דעם קרעמער:

— פּ־פּ־פּעטער, וו־וו־וויפיל ק־ק־קאָסט אַן איי? פּ־פּאַרוואָס אַזוי ט־ט־טייער?

— מומעשי, — ענטפערט דער קרעמער, — רעדט שנעלער איידער עס ווערט נאָך טייערער!

* * *

אַ גאַסט אין אַ תל־אביבער רעסטאָראַן באַקלאָגט זיך, אַז די זופּ איז בלויז זאַמד.

דער רעסטאָראַן־אייגנטימער פאַרענטפערט זיך:

— מיין ליבער איד, איך בין נישט שולדיק, איר מוזט ליידן פאַרן פאָטערלאַנד!

— יאָ, — זאָגט דער גאַסט, — כ׳בין גרייט צו ליידן פאַרן פאָטערלאַנד, אָבער כ׳וויל נישט עסן ס׳פאָטערלאַנד!

* * *

אידן ישראל האָבן דעם כוח צו קיבעצן נישט בלויז זייער „פריוואַטע" אָרימקייט, נאָר אויך די מלוכה׳שע אָרימקייט, אויף יעדן מיניסטער פון ישראל־קאַבינעט ווערן געמאַכט וויצן.

„שוין צייט, — ווילצט מען זיך דאָרט, — אַז מען זאָל באַשטימען פאַר פינאַנץ־מיניסטער אַזאַ פערזאָן, וואָס זאָל אַליין אויך האָבן אַ פאָר פונט, און די מלוכה זאָל קאָנען כאַפּן אַ גמילת חסד, ווען זי דאַרף געלט.

* * *

ישראל־אידן מאַכן נישט קיין סוד דערפון, וואָס עס איז דאָ ווייניק גאָלד אין מלוכה־אוצר. זיי זאָגן, אַז דאָס איינציקע גאָלד, וואָס די מלוכה פאַרמאָגט, איז — גאָלדע מייערסאָן און — די גאָלדענע קייט" פון אברהם סוצקעווער.

* * *

ווען דער געוועזענער דירעקטאָר פון דער ישראלדיקער מלוכה באַנק, — אַ פרומער דייטשער איד, אַ מזרחיסט, — האָט בעת אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג זיך אָנגעטאָן אַ יאַרמעלקע, האָט די באַפעלקערונג באַלד אויסגעטייטשט, אַז דאָס איז די איינציקע „דעקונג" פונם ישראל־געלט.

* * *

אין די צייטן ווען אליעזר קאַפּלאַן איז געוועזן פינאַנץ־מיניסטער, האָבן די באַנק־זיצערס אויף דער ראָטשילד־אַליי אין תל־אביב אָפּגעשאַצט קאַפּלאַנ׳ס אַמט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן:

„רוסלאַנד, — האָבן זיי געזאָגט, — האָט אַ פינף־יאָר פּלאַן, אַמעריקע האָט אַ מאַרשאַל־פּלאַן, און ישראל האָט איר קאַ־פּלאַן.

* * *

און וועגן פינאַנץ־מיניסטער לוי אשכול דערציילט מען, אַז אַן אָרימאַן האָט אים אָפּגעשטעלט אויף דער גאַס און געבעטן אַ נדבה. ווען אשכול האָט אים געגעבן אַ נדבה, האָט דער אָרימאַן זיך גוט אַנטשולדיקט צום קליענט און אַ פרעג־געטאָן:

— אַנטשולדיקט, צי זענט איר נישט אַמאָל אונזער פינאַנץ־מיניסטער?

— יאָ, איר האָט דערקענט!

— אויב אַזוי, — זאָגט דער אָרימאַן, — נאָט אייך צוריק די נדבה, ווייל ס'איז דאָ אַן אינטערנאַציאָנאַלער אָפּמאַך, אַז איין אָרימאַן זאָל נישט נעמען ביים צווייטן!

* * *

כאָטש דער נגב איז דאָס „שיינדל" פאַר דער ישראלדיקער צוקונפט, און מען איז שטאָלץ מיט די ביז־איצטיקע דאָרטיקע דערגרייכונגען, — קיבעצט מען פונדעסטוועגן די פרימיטיווקייט און דעם דוחק אין אַלעם וואָס פילט זיך אין נגב:

למשל וועגן שטאַרקן דוחק אין דענטיסטן אין נגב, גייט אַרום אַזאַ חכמה:

אויב מען וויל אין נגב מאַכן ביי אַ דענטיסט אַ באַשטעלונג אין מאַי, דאַרף מען קריגן די ציין־ווייטיק אין יאַנואַר.

* * *

נאָכן צוריקקומען פון אַ באַזוך אין נגב, דערציילט אַ איד מיט באַגייסטערונג וועגן די ריזיקע זאַכן, וואָס מ'האָט שוין דאָרט אויפגעטאָן. אין די אַמאָליקע צייטן איז אין נגב געווען בלויז וויסטעניש און קעמלען. איצט איז שוין געלונגען די קעמלען צו פאַרטרייבן!

* * *

איך ברענג דאָ אַ קאַריקאַטור, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין דער גרויסער ישראל־צייטונג „הארץ", — אין די טעג ווען מ'האָט איינגעפירט

אַ באַן־ליניע צו באר־שבע, ווען די קעמלען האָבן דערזען זייער „קאָנ־קורענט״, איז זיי געוואָרן קאַלעמוטנע...



איין קעמל באַקלאָגט זיך פאַרן צווייטן: ס'איז שלעכט, מיר ווערן דאָ איבעריק! וואָס וועט איצט זיין פון אונז?

— זאָרג נישט ברודערקע, — טרייסט אים דער צווייטער קעמל, — מיר וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן, — מיר'ן גיין אויפן שוואַרצן מאַרק!...

* * *

מיטן אָנקום פון נייע עולים, — נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער אידישער מדינה, — איז דער ישראלדיקער פאָלקס־הומאָר שטאַרק באַריי־כערט געוואָרן. דאָס איז אַ גאַליקער הומאָר, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אונטער אומשטענדן פון פאַרביטערונג און פאַרצווייפלונג. אַ סך פון די נייע עולים, וואָס האָבן דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס ביז זיי האָבן „איינגעביסן״ די נייע לעבנס־באַדינגונגען, האָבן זיך נוקם געווען מיט וויצן אויפן חשבון פון די פירער. היות ווי די דאָזיקע עולים האָבן זיך געהאַלטן פאַר קרבנות פון פאַרטייאישקייט, ביוראָקראַטיע און פראָטעקציע, זיינען דעריבער אַלע וויצן־פיילן געצילט געוואָרן אינם דערמאָנטן דריי־עק. אין די רייען פון די נייע עולים הערט מען אַזעלכע ווערטער:

„ס׳וואָלט אַלץ גוט געווען, ווען אונזערע פּאַרזאָרגערס נעמען אָן אַן אַנדער סיסטעם פון לייזן דאָס פּראָבלעם פון די נייע עולים. ביז איצט האָבן זיי אַ סיסטעם, אַז קודם כל דאַרף מען יעדן נייעם עולה אַריינוואַרפן אין ים, און איינס פון דיביידע, וועט ער דער־טרינקען ווערן, איז דאָך גוט; און טאָמער ראַטעוועט ער זיך אַרויס, איז טאַקע שלעכט!״...

* * *

מען פרעגט אין ישראל אַ נייעם עולה, וועלכער האָט נאָך נישט קיין וואוינונג און „וואוינט״ אונטערן פרייען הימל:

— נו, ווי געפעלט אייך עפּעס אייער נייע דירה?

— זייער אַ וואוילע דירה, — ענטפערט דער עולה, — ס׳איז גראַם און לופטיק, נאָר איין חסרון איז פאַראַן: כ׳האָב נישט קיין וואַנט אַריינצוקלאַפּן אַ טשוואָק אויפצוהענגען אַ מלבוש!

* * *

אין איינעם פון די מיניסטעריומס אין ישראל, הערט מען אַזאַ דיאַלאָג צווישן אַ נייעם עולה מיטן פקיד (באַאַמטן):

— דער מיניסטער איז דאָ?

— ניין, ער איז געפאָרן קיין אַמעריקע אויף אַ באַזוך!

— דער וויצע־מיניסטער איז דאָ?

— געפאָרן קיין אַמעריקע!

— דער ערשטער סעקרעטאַר איז אפשר דאָ?

— ניין, ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע!

— און דער צווייטער סעקרעטאַר?

— אויך אַוועקגעפאָרן!

— אויב אַזוי, — זאָגט דער עולה, — קאָנט איר מיר אפשר פאַרדינגען ס׳מיניסטעריום ביז איך וועל געפינען אַ וואוינונג?

* * *

אַ נייער עולה איז אַזוי אויפגערעגט געוואָרן פון דער ביוראָ־קראַטיע, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אין די אַמטן ביים זוכן אַ דזשאָב,

אַז ער איז אַרויס פון די כלים און אַ געשריי־געטאָן צום פקיד:
— אייער גליק איז וואָס איך קאָן נישט קיין העברעאיש!
ווען איך קאָן העברעאיש, וואָלט איך גאָרנישט קיין מורא־געהאַט, כ׳וואָלט אַוועק צו בן גוריונ׳ען און כ׳וואָלט אים אַריינגעזאָגט דריי ווערטער, אַז ער זאָל מיך האָבן צו געדענקען!
— וואָס פאַראַ דריי ווערטער וואָלסטו אים דאָס געזאָגט? — פרעגט דער פקיד.
— כ׳וואָלט אים געזאָגט — „אוי! אוי! אוי!“

* * *

די פּראָטעקציע־וויצן וואָס קורסירן אין ישראל, שאַנעווען נישט קיין שום אינסטיטוציע.
אין וואַרטע־צימער פון אַ קימפּעטאָרין־שפּיטאָל זיצן אומגעדולדיק עטלעכע מענער און וואַרטן, אַז די קראַנקן־שוועסטער זאָל אַרויסקומען מיט אַ גוטער בשורה. ענדלעך קומט אַרויס די שוועסטער, גייט־צו צו איינעם פון די וואַרטנדיקע מענער און זאָגט צו אים:
—מזל טוב, אַ אינגל! אַלץ איז בסדר!
אַ צווייטער פון די וואַרטנדיקע מענער נעמט דאַן שרייען צו דער שוועסטער:
— וואָס פאַראַ פּראָטעקציע גייט דאָס ביי אייך אין שפּיטאָל?!
איך בין דאָ אָהערגעקומען דער ערשטער, און יענער פאַרשוין איז געקומען נאָך מיר, טאָ פאַרוואָס האָט ער שוין ס׳יונגל און איך נאָך נישט?!

* * *

אין ישראל איז פּאָפּולער אַזאַ רעטעניש:
דריי עולים קומען אין אַ ישראלדיקן שטייער־אַמט וועגן אָננעמען דאָרט אַ שטעלע. דער לייטער פון אַמט נעמט דאַן אַלע דריי קאַנדידאַטן אויף אַן עקזאַמען, כדי פעסטצושטעלן ווער פון די

דריי איז דער פּאַסיקסטער אָנצונעמען די שטעלע:

ער פרעגט דעם ערשטן:

— וויפיל איז דריי מאָל פיר?

— פאַרשטייט זיך, אַז צוועלף! — ענטפערט דער ערשטער.

— און וויפיל זאָגסטו? — פרעגט ער דעם צווייטן.

— אויב מ׳זאָל צורעכענען פּראָצענט, — זאָגט דער צווייטער, — וועט אויסמאַכן מער ווי צוועלף!

— נו, — פרעגט ער דעם דריטן, — וויפיל קומט אויס לויט דיין חשבון?

— עס ווענדט זיך, — האָט געענטפערט דער דריטער, — אויב מען איז אונז שולדיק, איז צוועלף צו־ווייניק; און אויב מיר זיינען שולדיק, — איז צוועלף צופיל!

— וואָס איז דער רעזולטאַט פונם עקזאַמען? ווער פון די דערמאָנטע דריי האָט באַקומען די שטעלע?

— אַ פּערטער קאַנדידאַט, — דעם באַאַמטנ׳ס אַ קאָזין!

* * *

דער ישראל־הומאָר לאַכט אויס די עפּידעמיע פון פּאַרטייאישקייט אין לאַנד. די פּאַרטייען וואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, און די אומ־פּאַרטייאישע בירגער זיינען פּאַריתומט, הילפלאָז, — זיי האָבן נישט קיין באַשיצער...

אַ נייער עולה, וואָס האָט נאָך נישט קיין בילעט פון קיין שום פּאַרטיי, דערציילט וועגן זיינע דערפאַרונגען ביים זוכן אַ שטעלע:

„כ׳בין אַוועק, — זאָגט ער, — צום ספּעציעלן אַמט, וואָס פאַר־נעמט זיך מיט באַזאָרגן אַרבעט פאַר ניי־געקומענע. ווען כ׳האָב געעפנט די ערשטע טיר, האָב איך מיך געפונען אין אַ צימער, וואָס האָט צוויי טירן. אויף איין טיר איז געווען אַן אויפשריפט — „פאַר פאַרהייראַטע״, אויף דער צווייטער טיר — „פאַר נישט־פאַרהייראַטע״. און אַזוי ווי איך בין נאָך נישט פאַרהייראַט, בין איך אַריין אין צווייטן צימער.

דאָרט האָב איך ווידער געטראָפן צוויי טירן מיט אויפשריפטן: „פאַר ספּעציאַליסטן" און פאַר „נישט־ספּעציאַליסטן". אַזוי ווי איך בין נישט קיין ספּעציאַליסט בין איך אַריין אין דער צווייטער טיר.

און ווידער האָב איך דאָרט געטראָפן צוויי טירן מיט אויפשריפטן: „פאַר פּאַרטייאישע" און „פאַר אומפּאַרטייאישע". בין איך דאָך אַן אומפּאַרטייאישער איד, האָב איך מיר אויסגעקליבן די צווייטע טיר.

און אַז כ'בין אַריינגעקומען אין דער טיר פון די אומפּאַרטייאישע, האָב איך דערזען, אַז איך געפין מיך אויף דער גאַס...

* * *

וועגן געוויסע פּאַרטייעלעך אין ישראל וויצלט מען זיך, אַז זיי זיינען אַזוי „גרויס און מעכטיק", אַז די מיטגלידער פון יעדן פּאַרטייעלע זיינען אימשטאַנד אָפּצוהאַלטן אַ מיטינג פון אַלע מיטגלידער אין אַ טעקסי און עס זאָל נאָך בלייבן אין דער טעקסי גענוג פּלאַץ פאַר דער אָפּאָזיציע.

ערב די וואַלן טרעפן זיך צוויי אידן אויף דער גאַס אין תל אביב:

— שאַלאָם, — זאָגט איינער, — איר דערקענט מיך נישט?

— איר זענט מיר שטאַרק קענטלעך, — ענטפערט דער צווייטער, — זענט איר נישט אַמאָל אַ נייע פּאַרטיי?!

* * *

וועדליג די וויצן, וואָס קורסירן אין ישראל, איז קענטיק, אַז ביוראָקראַטיע איז דאָרט אַן אָנגעוויטיקטער עניך. דעם גאַנצן צאָרן לאָזן־אויס די אומצופרידענע אויף די באַאַמטע; און צוליב די ביוראָקראַטישע באַאַמטע, פאַלט שוין אין איינוועגס אויך אַ קרבן דער געוויסנהאַפטער פקיד, וואָס טוט זיין אַרבעט בשלימות.

די וויצן קעגן פקידים זיינען גאָר שטאַרק פאַרשפּרייט אין לאַנד. זיי ווערן געשאַפן אין די קליינע רייען פון נישט צופרידענע און אַנטוישטע עולים, אָבער זיי ווערן פאַרקויפט דווקא אין די גרויסע רייען פון הייסע

פּאַטריאָטן אין מדינת ישראל. טייל פון די אייראָפּעאישע פּליטים ווייזן אַרויס, באַלד נאָכן אָנקומען מיט דער שיף, זייער חוזק־באַציאונג צו פּקידים:

אַ צאָל־באַאַמטער פרעגט אַ נייעם עולה, וואָס איז נאָר־וואָס אַראָפּ פון דער שיף:

— איר האָט עפּעס געלט?

— אוודאי, — ענטפערט ער, — האָב איך געלט! עס ליגט פאַר מיר אין „יונאַיטעד דזשואיש אַפּיל״!

* * *

עס גייט אַרום אַ ווערטל אין ישראל, אַז אַ פּקיד איז געגליכן צו אַ קעפּל פון אַ טשוואָק, — אַז מען זעצט אים אַרייַן, קאָן מען אים שוין קיינמאָל נישט אַרויסנעמען!

* * *

צוויי בערן זיינען אַנטלאָפן פון זאָאָלאָגישן גאָרטן אין ישראל, יעדער פון זיי איז אַנטלאָפן אין אַן אַנדער ריכטונג, און נאָך צוויי וואָכן האָבן זיי זיך ווידער צוזאַמענגעטראָפן.

די צוויי „קאָלעגן״ האָבן זיך קוים דערקענט; איין בער איז געווען אויסגעדאַרט און דער צווייטער איז געוואָרן אויסגעפּאַשעט.

— וואו ביזטו געווען? — פרעגט דער אויסגעפּאַשעטער בער, — דו זעסט דאָך אויס דאַר ווי אַ שטעקן!

— פרעג בעסער נישט, — ענטפערט מיט אַ קרעכץ דער דאַרער בער, — כ׳בין אַנטלאָפן אין נגב, האָב איך נישט געהאַט וואָס צו עסן, איז געוואָרן פון מיר אַ תל! און פון וואַנען קומסטו אַזוי אויסגעפּאַשעט?!

— איך קום, — ענטפערט דער צווייטער, — פון אַ מיניס־טעריום. כ׳האָב דאָרט אויפגעגעסן אַ באַאַמטן, און מען ווייסט אפילו נישט, אַז ער פעלט!

* * *

אינם ישראלדיקן הומאָר שפּיגלט זיך אָפּ דער „שמעלץ־טאָפּ״ פון פעלקער, דיאַלעקטן און מנהגים. צווישן די נייע עולים, וואָס זיינען געקומען

פון פאַרשידענע לענדער הערשט, אין אַ געוויסער מאָס, אַ „קנאה־שנאה״, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ וויצן־מלחמה...

געווען אַ צייט ווען דער מאַרק איז געווען פאַרפלייצט מיט קיבעץ אויפן חשבון פון דייטשע אידן, אָבער די לעצטע יאָרן גייט־אָן אַ וויצן־געיעג אויף גאַליציאַנער און רומענער. אינם דאָזיקן געיעג זיינען די זיגער — די גאַליציאַנער. מען האַלט דאָרט, אַז זינט עס האָבן אָנגעהויבן אַריינצו־קומען אין לאַנד די רומענישע אידן, זיינען די גאַליציאַנער רעהאַביליטירט.

מען פרעגט אַ נייעם עולה:

— פון וואַנען ביזטו?

— פון גאַליציע! — ענטפערט ער.

— אַ, אויב פון גאַליציע, איז גוט און שלעכט!

— פאַרוואָס איז גוט און שלעכט?

— שלעכט, וואָס דו ביזט אַ גאַליציאַנער, און גוט — וואָס דו ביזט נישט קיין רומענער!

* * *

אַ נייער עולה עפנט זיך אַ געוועלב און הענגט־אויףביים אַריינגאַנג אַ גרויסע שילד — „גאַליציאַנער״.

באַקאַנטע פרעגן דעם אידן:

— ווי פאַלסטו עפּעס אויס צו שרייבן „גאַליציאַנער״ ווען דו ביזט גאָר אַ ליטוואַק?!

— איך האָב ספּעציעל, — פאַרענטפערט ער זיך, — אויפ־געשריבן „גאַליציאַנער״, כדי קיינער זאָל חלילה נישט מיינען, אַז כ׳בין אַ רומענער!

* * *

רומענער האָבן געעפנט אַן אייגענע שול. ווען ס׳איז געקומען צום דאַווענען, האָט דער שמש, פאַר קריאת שמע, אַ קלאַפּ־געטאָן אין באַלעמער און אויסגערופן:

„רבותי, ווער עס וויל פאַרמאַכן די אויגן ביי שמע־ישראל, מעג דאָס טאָן, אָבער — בלויז אויף אייגענער אחריות!״

* * *

אַ שמש פון אַ רומענישער שול האָט אויסגעבאָרגט איינעם פון די מתפללים אַ סידור. ווען דער שמש האָט צוריקבאַקומען נאָכן דאַוונען דעם סידור, האָט דאָרט געפעלט איין „יקום פורקן״.

* * *

ביי אַ שוי־פענצטער פון אַ זייגערמאַכער אין תל אביב שטייען דריי פערזאָן: אַן עולה פון פוילן, אַן עולה פון רומעניע און אַ וותיק (אַן אַלט־איינגעזעסענער). אַלע דריי קוקן אויף אַ זייגערל, וואָס ליגט אין פענסטער.

— אָט דאָס זייגערל וואָלט איך געוואָלט האָבן! — זאָגט דער וותיק.

— איך האָב עס שוין! — זאָגט דער פוילישער.

— ניין, דו האָסט עס געהאַט! — רופט זיך אָן דער רומענער.

* * *

די וויצן אָפּענסיווע קעגן רומענער האָט שוין אויך „מיטגעריסן״ אפילו דאָס קליינוואַרג פון ישראל.

אַ אינגעלע שפּילט זיך אויף דער גאַס מיט מאַכן פיגורן פון בלאָטע. אַ דורכגייער פרעגט ביים קינד:

— וואָס מאַכסטו דאָ פון דער בלאָטע, אינגעלע?

— איך מאַך, — ענטפערט ער, — אַ גאַליציאַנער!

— פאַרוואָס מאַכסטו נישט קיין רומענער?

— ווייל כ׳האָב נישט אַזויפיל בלאָטע!

* * *

ווען מ׳האָט געוואונטשן מזל־טוב אַ טאַטן פון אַ ניי־געבוירן קינד, האָט ער געזאָגט:

„ווען דער דאָקטאָר, וואָס האָט אָפּגענומען דאָס קינד וואָלט נישט געווען קיין רומענער, וואָלט עס זיכער געווען אַ צווילינג!״

* * *

ערב דעם געבורט פון אַ קינד פון רומענישע טאַטע־מאַמע, איז דעם דאָקטאָר, וואָס האָט זיך געגרייט אָפּצונעמען ס׳קינד, נעלם געוואָרן זיין טאַשן־זייגערל. ווען ס׳קינד איז געקומען אויף דער וועלט, האָט מען דערזען, אַז עס טראָגט אויפן הענטעלע — דעם דאָקטאָרס זייגערל.

* * *

אַ קבלן (בוי־אונטערנעמער) האָט אָנגעזאָגט איינעם פון זיינע מויערער, אַז ער זאָל נישט אַהיימגיין נאָך דער אַרבעט, נאָר ער זאָל בלייבן נעכטיקן אויפן מויער. ווען מ׳האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס ער הייסט דאָס טאָן, האָט ער געענטפערט:

„ס׳איז אַ רומענישע געגנט, האָב איך מורא, אַז ביינאַכט קען מען מיר צוגנבענען דעם פונדאַמענט!״

דאָס איז בלויז אַ קליינער טייל פון דער גרויסער צאָל רומענישע וויצן, וואָס קורסירן אין לאַנד. מען הערט זיי דערציילן פון מויל צו מויל און מען דערציילט זיי אפילו פון דער בינע אַראָפּ. טייל וויצן קלינגען אפשר צו „דראַסטיש״, אָבער זיי טוען קיינעם נישט וויי. אַ סברא, אַז די גרעסטע צאָל חכמות וועגן רומענער, קומען פון די רומענישע אידן גופא. אגב, האָב איך עטלעכע פון די אויבן־דערמאָנטע וויצן אויפגעכאַפּט דווקא בעתן שמועסן מיט רומענישע אידן אין ישראל.

* * *

אַ שפּאָרן פּלאַץ אינם ישראל־הומאָר פאַרנעמען טוריסטן בכלל און אַמעריקאַנער טוריסטן בפרט. ישראל איז אַ לאַנד פאַר טוריסטיק, און יעדער אויסלענדישער באַזוכער ווערט אויפגענומען אין לאַנד מיט אָפענע אָרעמס. אפילו אין די שווערסטע טעג האָט יעדער טוריסט געקאָנט קריגן אין לאַנד דאָס „טעלערל פון הימל״.

אָבער דאָס אַלץ שטערט נישט, אַז דער טוריסט זאָל זיין ביים ברייטן עולם אַ גוטער שטאָף צום קיבעצן און אָפּלאַכן.

אַ טעקסי־שאָפער פירט אַרום אַ טוריסט איבערן לאַנד. אין מיטן פאָרן פרעגט דער טוריסט:

— פאַרוואָס זעט מען נישט קיין קצבים־געוועלבער מיט פלייש אין ישראל?

— ווייל אין ישראל, — ענטפערט דער שאָפער, — זיינען אַלע אידן חכמים, — עס זיינען נישטאָ קיין בהמות!

* * *

אַן אַמעריקאַנער טוריסט איז געוואָרן אַזוי באַגייסטערט פון ישראל, אַז פאַרן אַוועקפאָרן האָט ער באַשלאָסן צו אינוועסטירן דאָרט קאַפּיטאַל. ער איז דעריבער אַוועק צו גאָלדע מאירסאָן זיך באַראַטן, וואָס צו קויפן: אַ האָטעל, אָדער — אַ קיבוץ.

* * *

מ׳האָט אַרומגעפירט אַ טוריסט איבער ישראל. קיין גרויסער למדן איז דער טוריסט נישט געווען, אָבער ער האָט נאָך געדענקט אַביסל פון די קליינע אותיותלעך פון די חדר־יאָרן.

פירט מען צו דעם טוריסט צו אַ באַרג, און מען ווייזט אים דעם קבר פון שמואל הנביא.

דער טוריסט איז באַגייסטערט און פרעגט:

— וועלכער שמואל איז דאָס, שמואל א, צי שמואל ב?

* * *

אַן אַמעריקאַנער טוריסט שפּאַצירט איבער די תל־אביבער גאַסן, קוקט אויף די שיינע געשעפטן און שעפּט נחת. און אַזוי שפּאַצירנדיק שטעלט ער זיך אָפּ ביי איין הויז, וואָס איז אים ספּעציעל געפעלן געוואָרן. ער פרעגט דאָן ביי אַ דורכגייער:

— טעל מי פליעז, הו׳ס האוז איז דהיס? (זאָג מיר כ׳בעט דיך, וועמענס הויז איז דאָס?)

— לא מבין! — ענטפערט דער פאַרבייגייער — ער פאַרשטייט נישט, הייסט עס.

— אָפּגייענדיק אַביסל ווייטער, שטעלט זיך דער טוריסט ווי־

דער אָפּ פּאָר אַ געוועלב, און פרעגט דעם דורכגייער, אויף ענגליש, צו וועמען דאָס געוועלב געהערט.

— לא מבין! — ענטפערט דער דורכגייער.

דערנאָך זעט דער טוריסט אין מיטן גאַס אַ לוויה מיט באַגלייטערס. דער טוריסט שטעלט ווידער איינעם אָפּ און פרעגט אויף ענגליש ווער עס איז געשטאָרבן.

— לא מבין! — הערט ער אַן ענטפער.

דער טוריסט זאָגט דאַן מיט באַדויערן:

— נאַדיר זיינע אַלע גליקן!! ער האָט אַ שיין הויז און האָט אַ שיין געוועלב און נעמט און שטאַרבט־אַוועק!

* * *

ווען ס'איז געקומען קיין ישראל, ווי אַ גאַסט, דער פּרעמיער פון בורמאַ, האָט ער אַרומשפּאַצירט איבער די דאָרטיקע גאַסן אָן הויזן (לויטן נאַציאָנאַלן טראַכט פון בורמאַ, פאַרטרעט אַ לאַנג העמד — דאָס רעקל מיט די הויזן), האָבן זיך ישראל־אידן דאַן געוויצלט וועגן גאַסט:

— מיר האָבן נישט קיין מזל! אַז עס געלינגט אונז שוין צו געפינען אין אויסלאַנד אַ פריינט פון מדינת ישראל, — גייט ער אויך אָן הויזן!"

* * *

פאַראַן אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע וויצן, וואָס קורסירן אין די מיליטערישע רייען. דער ישראלדיקער סאָלדאַט איז אַ מוסטער פון העלדישקייט און אָפּפערוויליקייט. דאָס שטערט אָבער נישט, אַז די סאָלדאַטן זאָלן צווישן זיך, אין זייערע אייגענע רייען, שאַפן וויצן וועגן זיך אַליין. די וויצן דערגייען פונם פּשוטן סאָלדאַט ביז צום הויכן אָפיציר, און טיילמאָל איז טאַקע דער אָפיציר דער מחבר פונם וויץ.

אַן אָפיציר אין דער ישראל־אַרמיי לערנט אַ גרופּע רעקרוטן מאַרשירן:

— לינקס! רעכטס! לינקס! רעכטס!

איינער פון די רעקרוטן גייט דאַן ארויס פון דער ריי.

— וואוהין גייסטו? פרעגט דער אָפיציר.

— איך וויל נישט נעמען קיין באַפעלן פון אַ מענטש, וואָס בייט יעדע ווילע זיין פּאַרטיי!

* * *

מען דערציילט זיך נאָך היינט וויצן וועגן דער לעצטער מלחמה פון די אַראַבער קעגן די אידן. עס איז נישט קיין סוד מער, אַז אין די ערשטע טעג פון דער דעמאָלסטדיקער מלחמה, האָבן די אידן נישט געהאַט קיין געווער. אונזערע העלדישע סאָלדאַטן האָבן זיך אָבער אַן געוווער אויך אַן עצה־געגעבן. אַז מ'האָט נישט געהאַט קיין ביקס, האָט מען גענומען אין האַנט אַ בעזים, און ווי זאָגט ס'ווערטל: אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים!...

מאַכט זיך אַ פאַל, אַז אַ גרופּע סאָלדאַטן האָט געדאַרפט באַשיצן אַ בריק, וואָס איז געווען באַדראָט פון די אַראַבער. דער קאָמאַנדיר האָט דאַן צוגערופן איינעם פון זיין גרופּע סאָלדאַטן, אים געגעבן אַ בעזים אין האַנט און געזאָגט:

— היינט ביינאַכט דאַרפסטו וואַכן ביי דער בריק! דער בעזים, וואָס כ'האָב דיר געגעבן דאַרף זיין פאַר דיר ווי אַ ביקס! ווען דו וועסט הערן ווי עמיצער דערנענטערט זיך צו דער בריק, זאָלסטו אַ געשריי־טאָן: „ווער איז עס?!" און אויב דו וועסט נישט הערן, נאָך דריי מאָל שרייען קיין ענטפער, זאָלסטו צולויפן צום שונא און אים ממיתן מיטן בעזים!"

דער סאָלדאַט האָט געהאָרכזאַם אויפגענומען דעם באַפעל, און אין דער באַשטימטער שעה איז ער געגאַנגען צו דער בריק.

נאָכן אָפשטיין אַ קורצע צייט אויף דער וואַך, דערהערט דער סאָלדאַט טריט.

— ווער איז עס? — שרייט ער אויס, אָבער קיינער ענטפערט נישט.

ער דערנענטערט זיך דאַן צום אָרט פון וואַנען די טריט קומען, און אַנשטאָט אַ שונא, טרעפט ער גאָר דאָרט זיינעם אַ חבר פון דער זעלבער אָפטיילונג.

— הערשל! — שרייט ער אויס צום חבר, — דו ביזט עס גאָר?! פאַרוואָס האָסטו נישט געענטפערט ווען כ'האָב דיך גערופן?! ס'האָט געפעלט אַ האָר, אַז כ'זאָל דיך דערהרגענען!

— ווי אַזוי האָב איך געקענט רעדן, — פאַרענטפערט זיך הערשל, — אַז דער קאָמאַנדיר אונזערער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ טאַנק?!...

* * *

מען ווילצלט זיך נאָך היינט וועגן „גרויסן קאַליבער" פון די אידישע ביקסן, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין די ערשטע טעג פון דער מלחמה.

דער ציל פון די ביקסן איז דערגאַנגען נישט מער ווי פינף הונדערט מעטער. פונדעסטוועגן האָבן די אידישע סאָלדאַטן באַוויזן אַ קונץ, אַז די זעלבע ביקסן האָבן געשאָסן אויף אַ שטח פון טויזנט פינף הונדערט מעטער.

ווי אַזוי האָבן זיי עס געמאַכט? — דער אידישער סאָלדאַט איז צוערשט געלאָפן טויזנט מעטער און דערנאָך האָט ער אויסגעשאָסן!
די אידישע פּאָליציי אין ישראל שטייט פעסט אויף דער וואַך פון אָפּהיטן די געזעצן פון לאַנד, און זי פירט אויס געוויסנהאַפט אירע פליכטן. זי באַנוצט זיך ווען מען דאַרף, מיט די שטרענגסטע מיטלען, וואָס זיינען אין איר רשות. אָבער פונדעסטוועגן „קוקט" דער ישראלדיקער הומאָר אויפן אידישן פּאָליציאַנט — פון אַ אידישן שטאַנדפונקט. דאָס פאָלק האַלט, אַז אַ אידישער פּאָליציאַנט גייט, סוף כל סוף, מער מיט רחמים, ווי — מיט דין.

קומט אַ אידישער פּאָליציאַנט אַרעסטירן אַ באַשטראָפטן בירגער:

— קומט אין תפיסה! — זאָגט ער צו אים.

— מענדל, כ'וועל נישט גיין! — ענטפערט דער בירגער.

— איר מוזט גיין, — זאָגט דער פּאָליציאַנט, — איר מוזט אָפּזיצן די שטראָף!

— און איך זאָג, אַז כ׳וועל נישט גיין! — שרייט ווייטער דער איד.

— זאָלן מיר בײדע אַזוי געזונט זיין, — רופט זיך אָן דער פּאָליציאַנט, — מיר זאָלן אַזוי האָבן אַ גוט יאָר מיט געזונט און פּרנסה, ווי איר וועט יאָ גיין!

— נו, כ׳בעט אייך זייער, — ווערט שוין דער איד ווייכער, — אויב איר גייט מיט טעראָר, מוז איך אייך פאָלגן, — קומט!

* * *

אַ פּאָליציאַנט פון תל אביב כאַפּט אַ גנב ביים גנבענען אַ פּאָר הויזן אין אַ קליידער־געשעפט. אויפן וועג צום פּאָליציי־אַמט שמועסט זיך דער פּאָליציאַנט דורך מיטן גנב:

— בנאמנות ווי ס׳קאָסט מיך אַ שטיק געזונט, וואָס איך דאַרף דיך איצט פירן געשלאָסענערהייט. פאַרוואָס האָסטו געגנבעט?

— ווייל כ׳האָב געדאַרפט אַ פּאָר הויזן און כ׳האָב נישט גע־האַט! — פאַרענטפערט זיך דער גנב.

— ווען דו דערציילסט דאָס פריער דעם באַלעבאָס פון גע־שעפט, וואָלט ער דיר געשאָנקען אַ פּאָר הויזן און וואָלסט נישט געדאַרפט גנבענען!

— רעד נישט קיין נאַרישקייטן, — ווערט דער גנב אויפגע־רעגט, — איך וועל גיין בעטן טובות ביי אַ מפא״י׳ניק?!

* * *

ביים ברעג פון ים אין חיפה שטייט אַ בחור, גרייט צום אַריינשפּרינגען און באַגיין זעלבסטמאָרד.

אַ פּאָליציאַנט דערזעט דאָס, לויפט ער צו מיט איין אָטעם צום זעלבסטמערדער און בעט ביי אים רחמים.

— אדון, איך זע, אַז איר זענט אַ נייער עולה, און איר ווייסט נאָך

נישט פונם געזעץ, אַז ווען אַ שוטר זעט עמיצן זיך טרינקען, מוז ער גלייך אַריינשפּרינגען אין וואַסער אים ראַטעווען! די צרה איז אָבער, וואָס איך קען נישט שווימען, און צוליב איך וועט מיר, חלילה, אויסקומען צו פאַרלירן די שטעלע!

און דעריבער, טוט מיר אַ טובה, — בעט זיך דער פּאָליציאַנט מיט טרערן אין די אויגן, — האָט אויף מיר רחמנות און לאָזט נישט קיין טאַטן פון פיר קינדער אָן ברויט, און — טרינקט אייך נישט! פאָלגט מיך, גייט בעסער אַהיים און הענגט אייך אויף.

* * *

וועגן אפּיקורסות און פרומקייט גייען אַרום אַ סך וויצן:

דער אַרבעטער־פירער זרובבל איז אַרויסגעטראָטן אויף אַ וואַל־מיטינג מיט אַ פרײַדענקערישער רעדע. די רעליגיעזע אידן, וואָס האָבן זיך געפונען צווישן פאַרזאַמלטן עולם אין זאַל, זײַנען אויפגעבראַכט געוואָרן ווען זיי האָבן געהערט זרובבלס אפּיקורסי־שע רייד. נאָכמער האָט זיי פאַרדראָסן ווען די אפּיקורסות קומט פון אַזאַ רעדנער, וואָס טראָגט אַ לאַנגע גראָע באָרד.

נאָך דער רעדע איז צוגעקומען צו זרובבלן איינער פון די פאַרזאַמלטע פרומע אידן און אים גענומען זאָגן מוסר:

„הערט־אויס, כ'האָב שוין געזען אין מײַן לעבן אַ איד מיט אַ באָרד, און כ'האָב שוין געזען אַ איד אָן אַ באָרד; אָבער ס'ערשטע מאָל אין לעבן זע איך איצט אַ באָרד אָן אַ איד!!!

* * *

דאָס וואָס איך האָב געבראַכט אינם דאָזיקן קאַפּיטל איז בלויז אַ טייל. דער צעטל איז ווייט נישט אויסגעשעפּט. איך האָב דאָס אַלץ געהערט, געלייענט, פאַרצייכנט און צוזאַמענגעפּירט אויף איין אָרט ווי אַ דאָקו־מענט פון דער צייט, — און ווי אַן אוצר פון פרייען און געזונטן ישראלדיקן פאָלקס־הומאָר!

* * *

רשימה פון פערזאָנען, וואָס זיינען דערמאָנט אין דאָזיקן בוך

א

אסף, מיכל, 85, 153
אָפּענהיים, מנשה, 29
אַלטערמאַן, נתן, 86
אסטראָווסקי, ב., 93
אַריגי, צבי, 93, 94, 95
אַריגי, חיים, 94
אילין, אפרים, 101
ארטוסקי, י., 144
אַש, שלום, 154
אָסאָוויצקי, שמעון, 162
אַגראַנסקי, גרשון, 163
אשכול, לוי, 197

ב

ביאַליק, חיים נחמן, 33, 166
בנצבי, ישראל־פּרעזידענט, 49, 66, 97, 137
בערלינסקי, שלמה, 53, 156
בן־גוריון, 66, 119, 136, 138, 169, 191, 192, 199
בעגין, מנחם, 90, 136
בורג, יוסף, 138
באַשעלליס, יצחק, 153
באַדער, יוחנן, 154
בערנשטיין, פּרץ, 154
בלומענפעלד, דיאַנאַ, 158
בעקער, ישראל, 160
בר יוסף, ש., 171

ג

גרינבוים, יצחק, 176
גרובערגער, ריקאַ, 66
גינגאָלד, פּנחס, 93
גרונער, דוב, 128
גראָסמאַן, משה, 144, 156
גראָס־צימערמאַן, מ., 150
גרינבערג, אורי צבי, 154
גאָטליב, שלום (ידידיה), 156
גאָלאַנד, 165
גאָלדשטיין יוסף שמעון, 171
גרייווער, יוסף, 174

ד

דזשיגאַן, שמעון, 21, 86, 158, 165—171
דוב יוסף, 22, 193, 194
דיין, משה, 86
דוואָזשעצקי, מאַרק, ד״ר, 110, 156
דאַמאַרי, שושנה, 161

ה

הייבלום, יוסף, 86, 154, 171, 173
האַלפּערן, דינה, 158
האַלפּערן, משה לייב, 179

וו

וויינשטיין, כאַסקעל, 21, 84
וויינשטיין, בעריש, 84
מילער, מאיר, 136
וואָלקאָוויטש, ש., 156
וויטלער, בן־ציון, 158
וואַרשאַווסקי, מ., 186

ז

זרובבל, 85, 212
זאַנשיין, משה, 150
זאַלץ, מאַקס, 176
זאַלץ, בעריש, 176

ח

„חנן, דער באַוואָוסטער״, 52, 877

ט

טורקאָוו, יאָנאַס, 158
טורקאָוו, זיגמונט, 161
טאַוסיג, עריק, 182

י

יוריס, ש., ד״ר, 63, 64, 156
יאָנעס, אליהו, 150
יאַסני, וואָלף, 154, 156
יפה, מרדכי, 154
יהלומי, 161

כ

כהנא, מ., 163, 164

ל

לעווין, איטשע מאיר, 137, 138
לאַזאַר, ד״ר, 154
ליבגאָלד, לעאָן, 158
ליליאַנאַ, 158
לערער, שפרה, 158
לבון, פנחס, 168
לוצקי, א., 179
ליבער, צבי, 182

מ

מאלקין, דוב בער, 85
מיקוניס, 90
מרחבי, 126
מאסטבוים, יואל, 156
מאָסענזאָן, יגאל, 158
מאַנגער, איציק, 158
מעסקין, אהרן, 159, 160
מירון, חנה, 160
מייערסאָן, גאָלדע, 196

נ

נאַמיר, 65, 66
נאַזליק, יצחק, 161
ניימאַן, י. מ., 171

ס

סנה, משה, ד״ר, 90, 136
סהר, יחזקאל, 100
סאַמעט, ש., 118
סוצקעווער, א., 144
סדן, דוב, 146
סוויצלאָצקי, ש., 156
סוצקעווער, אברהם, 196

ע

ענב, חיים, 161
עוזי, 190
עמוס, קינן, 190

פ

פלינקער, דוד, 17, 156
פוקס, א. מ., 144, 154
פינקל, אורי, 159
פאָלמאַן, לאָלאַ, 162
פינקעלשטיין, חיים, 177

פּ

פּינסקי, דוד, 144
פּאַפּיערניקאָוו, יוסף, 145
פּערלאָוו, יצחק, 156, 162
פּערעלמאַן, מאַקס, 158
פּורת, אורנה (פּאָראַט, אָרנאַ), 160

צ

צייטלין, הלל, 97
צאַנין, מ., 144, 153
צפנת, א., 150

ק

קאַץ, מאַנע, 21, 96, 101, 187, 188
קייטלמאַן, יחזקאל, 50
קייטעלמאַן, צבי, 50
קאַפּלאַן, יעקב, אויבער־ראַבינער, 101

קויפמאַן, משה, 124
קאַלפאַק, י., 132
קרוק, יוסף, ד״ר, 154
קיסרי, אורי, 165
קישון, אפרים, 171, 191
קערנער, משה, אינזש., 176
קאַפלאַן, אליעזר, 196

ר

ראַכמאַן, לייב, 90, 144, 150, 177
ראַכמאַן, אסתר, 90, 177
ראַכמאַן, רבקה, 90
רוקח, ישראל, 136
ראַוויטש, מלך, 144, 153
רובינשטיין, ראובן, 144, 154
ראַזענבלום, הערצל, 154
ראַן, משה, 154, 172
רוביק, מנחם, 158
ראווינא, חנה, 160
ראַטשטיין, מנחם, 187

ש

שומאַכער, ישראל, 21, 86, 158, 165—171
שוואַרץ, חיים יצחק, 46
שפרינצאַק, יוסף, 66, 135
שאַגאַל, מאַרק, 102
שילוני־שלייען, יהושע, 118, 119, 120
שעדלעצקי, אפרים, 150
שוואַרץ, מאַריס, 163
שרגא, ש. ז., 181
שאַגי, עדמונד, 187

ת

תורג׳מאן (טוירדזשעמאן), א., 121, 123, 126
תמוז, 190